STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03323

A GEYEG NOKH LIEBE

Pauline Valmy

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אַ געיעג נאָך ליעבע

ראָמאַן

פון

פּאָלינא וואַלמי

אידיש: אַ. נירענבערג

פערלאג „אידיש“ ניו־יאָרק

1920

Copyright 1920
by
JEWISH BOOK AGENCY, INC.

.1

— ראַזאַ! לעאַני! וועט איהר שוין אַמאָל ארונטער קומען?

מאַדאַם בעריל איז געשטאַנען אין קאָרידאָר פון איהר הויז, אָנשפּארענדיג זיך אָן דעם פּארענטש פון די שטיגען.

„שוין אכט א זייגער — האָט זי גע'טענה'ט צו זיך אליין — און זיי זיצען נאָך אלץ אויבען און פּארנעמען זיך מיט זייער פריזור! מיר וועלען היינט די ארבייט ניט ענדיגען.”

מיט אַן אויפגערעגטע שטימע האָט זי א געשריי געטאָן:

— דאָס איז שוין צופיעל! די שוועסטער זיצען שוין לאַנג ביי דער ארבייט! מען דאַרף ארבייטען! מאַרי־לואיז וועט ווידער זאגען, אז איך גיב אייך צופיעל נאָך!

זי האָט זיך איינגעבויגען און געגומען בעטען זיך:

— הערט זיך איין, קינדער, זייט פארשטענדיגע און איילט זיך צו, אז ניט וועט ווידער זיין א קריגעריי.

פון דער הויך האָט זיך דערהערט א קלינגענדיג געלעכטער, דער קלאַנג פון צובראכען געפעס און א טרויעריג מיאַוקען.

מאַדאַם בעריל איז געוואָרען אויסער זיך:

— וואס טומעלט איהר זיך דארטען? איהר ווילט מיך היינט אין גאנצען ארויסברענגען פון זיך?

— דאָס טומעלט די קאַץ, מאַמע! זי קלייבט זיך אָפּ־צוקעצלען.

— לאָזט צורוה דאָס דאַזיגע באַשעפעניש. עס וועט זיך באַגעהן אָהן אייך. דערעסען האָבען מיר זיך שוין אייערע

אַ געיעג

קאָמעדיעס!... אויב איהר קומט די מינוט ניט ארונטער, וועל איך ניט ערלויבען אייך היינט געהן שפּאצירען.

מאדאם בעריל האָט צוזאמענגעצויגען די ברעמען. איהרע אקסעלען האָבען געציטערט פאר ערגערניש.

„ניין, עס איז ניטאָ קיין האָפנונג! די דאָזיגע מיידלעך וועלען זיך קיינמאָל ניט נעמען ערענסט פאר דער ארבייט! אין זייערע יאהרען זיינען די עלטערע געווען אזעלכע פארשטענדיגע! זיי זיינען אלט געווען איינע זעכצעהן און די אנדערע זיבעצעהן יאָהר, ווען זייער פאטער איז אזוי אונגעריכטערהייט געשטארבען. וואס וואלט מיט אונז געווארען, גאָט מיינער — האָט גערעדט צו זיך מאדאם בעריל, געהענדיג איבערן קאָרידאר — ווען מארי־לואיז און זשעני וואלטען געווען אזוי פויל, ווי די דאזיגע צוויי מיידלעך. א גליק כאָטש, וואס סעלינא איז איבערגעגעבען דעם הויז און פארנעמט זיך מיט דער ווירטשאפט."

א שטופּ טוענדיג א האלב־פארמאכטע טיר, האָט מאדאם בעריל אויסגעשריען:

— און דו, סעלינא? וועט באלד פארטיג זיין דער פרישטיק? הא? סעלינא איז ניטאָ?

די מוטער איז אריינגעגאנגען אין קיך. אונטער דער אויפזיכט פון א געלען הונד, וואס איז געזעסען אין מיטען פון א טיש, האָט זיך אויפ׳ן גאז־אייוועלע געקאָכט שאָקאָלאד. אבער וואו איז סעלינא? מיט אמאָל האָט מאדאם בעריל באמערקט אָן אָפען פענסטער. זי האָט א זיפץ געטאָן.

— ארעמע דאָרע! — האָט זיך מאדאם בעריל געווענדט צום הונד — וואס וועט פון אונז ווערען, אויב סעלינא האָט אויך שוין גענומען אנטלויפען דורכ׳ן פענסטער?

עס האָט זיך אויפגעפּראלט די טיר; אויף דער שוועל האָט זיך באוויזען א יונג מיידעל מיט א שווארצען צאָפּ. זי האָט

נאָך ליעבע

געהאַלטען אַ מושלינענע הויב אין דער האנד; לאַכענדיגערהייד האָט זי אַ טרייסעל געטאָן די מוטער.

— וואס שטעהסטו דאָ? וועגען וואס האָסטו זיך פאַר־טראַכט? שוין מעהר ווי אַ שעה ווי איך און זשעני ארבייטען שוין... אין דער צייט, וואס אַלע איבריגע אין הויז שפּאַצירען זיך ארום אדער פארוויילען זיך.

— און וואס טוען זיי דאָרט אויבען?

— זיי קומען שוין ארונטער!

זי איז נאָכגעגאנגען דער טאכטער אין דעם צימער, וואו עס איז געשטאַנען אַ לאַנגער טיש אויף וועלכען עס זיינען גע־לעגען בענדער, הויבען און ביי וועלכען עס האָט געארבייט זשע־ני. מארי־לואיז האָט זיך גלייך צוגעזעצט צו דער שוועס־טער און גענומען זיך אויך צו דער ארבייט. ביי איין זייט טיש איז געשטאַנען אַ שטייג מיט אַ פּאָר טירטעל־טויבען און ביי דער צווייטער זייט — אַ שטייג מיט אַ קאַפּוצינער אַף, וואס האָט מיט נייגעריגע בליקען געקוקט אויפ'ן פּאָר'ל און אַלע מאַל געכאַפּט זיך מיט די שווארצע הענטלאַך פאַר די גראַטעס.

— שוין לאַנג ווי עס רופען דיך דיינע טירטעל־טויבען און דיין אַף האָט זיך שוין פארבענקט נאָך דיר, — האָט אי־ראָניש זיך אָפּגערופען מארי־לואיז, באמערקענדיג דעם צוטרא־גענעם אויסזעהן פון מאדאם בעריל.

— און איך וויל טרינקען שאָקאָלאַד, — האָט זיך אָפּגע־רופען זשעני, ניט אויפהויבענדיג איהרע אויגען פון דער אר־בייט.

— מיר האָבען דאָך נאָך ניט געפרישטיקט! וואס טראכט זיך דאָרט סעלינא! מען הערט איהר גאר נישט אין דער קיך. דו האָסט איהר געזעהן, מוטער?

די מוטער האָט ניט געענטפערט אויף מארי־לואיז'ס פרא־גע. זי האָט זיך אן אומעטיגע אוועקגעזעצט אויף איהר שטעג־

אַ געיעג

דיגען פּלאַץ ביים פענסטער. זי האָט דעם הונד, וואס האָט אוהר נאָכגעפּאָלגט ארויפגעזעצט אויף די קני און גענומען זיך צו דער ארבייט.

זשעני האָט זיך פארשטאָכען דעם פינגער און גענומען אויסזויגען דאָס בלוט. מאדאם בעריל האָט באמערקט:

— זיי פארזיכטיג, זשעני, זעה ניט צו פארשמירען דעם מושלין.

— דו וואלסט גלייכער געטאָן, ווען דו זאלסט ביי איהר פרעגען, צי עס טוט איהר וועה, — האָט אויסגעשריען מארי־לואיז. — דו וואלסט זיכער גענומען צערטלען דיין אף אָדער דיין הונד, ווען עמיץ פון זיי וואלט זיך אומגערען צושטאכען. און זשעני האָט זיכער אזא איידעלע הויט ווי דיינע עקעל־האפטע חיות!... דיך ארט, אין אמת'ן, גאר נישט וועגען אונז. אלץ וואס דו נעמסט דיר צום הארצען איז דער געזונד פון דיין הונד און דיין אף און אז די ארבייט זאל געמאכט ווערען אין צייט.

— נו, בארוהיג זיך, מארי־לואיז, כעס זיך ניט!

— מיינסטו טאקע, אז מען קען בלייבען רוהיג, ווען מען באמערקט אלץ וואס דאָ קומט פאר? נעם, למשל, דעם הייננטיגען טאָג: מיר ביידע האָבען זיך אויפגעהויבען פאר זעקס, זיבען זיינען מיר שוין געזעסען דאָ ביי דער ארבייט, נאָכדעם ווי מיר האָבען שוין געהאט אויפגעראמט אונזער צימער, אָנגעטאָן און אוועקגעזעצט די באָבע.

— און איך, מיינט איהר, האָב זיך אין דער צייט געשפּיעלט? — האָט ארויסגעזיפצט מאדאם בעריל.

— איך רעד ניט וועגען דיר — האָט געענטפערט מארי־לואיז, — איך רעד וועגען די צוויי ליאלקעס, וועגען ראזע'ן און לעאָני'ן, וואס זיינען נאָך אלץ אויבען און פארנעמען זיך מיט זייער טואלעט! יעדען טאָג ווידערהאָלט זיך דאָס זעל־

נאָך ליעבע

בע! סוף כל סוף מוז מען דאָך ארויס פון געדולד.

— די דאזיגע פרייליינס — האָט זשעני זיך אפגערופען — קענען אנדערש ניט אראפקומען ווי אויסגעפוצטערהייט.

— דאָס איז דאָך אזוי נאטירליך פאר זייערע יאהרען, — האָט ארויסגערעדט מאדאם בעריל.

— און אין אונזערע? — האָבען מיט אמאָל אויפגערעגטערהייט אויסגעשריען מארי־לואיז און זשעני.

— אין אייערע יאהרען קען מען שוין זיין א ביסעל פארשטענדליכער! איהר זייט אין כעס אויף די מיידלעך... איהר ווייסט אַליין, אז זיי וועלען אין גיכען קליגער ווערען... זיי וועלען גיך דעריאגען די פארלארענע צייט...

מארי־לואיז האָט אָנגעשטרענגט א קוק געטאָן אויף דער מוטער.

— ווי עס זעהט אויס, וועסטו שוין שטענדיג האלטען מיט זיי און געגען אונז!

— זייט פאפא איז געשטארבען איז ניטאָ ווער עס זאָל זיך אננעמען פאַר אונז.

— אבער איך זאג דאָך אייך גארנישט.

מאדאם בעריל האָט געפיהלט, אז אין זשעני'ס שווייגען איז פארבארגען א גאנצער שטורעם און אז אין מארי־לואיז'ס שטימע פיהלט זיך עפעס ארויספאדערענדעס.

— נאטירליך פאר זייערע יאָהרען! — האָט נאָכאמאָל ווידערהאָלט מארי־לואיז, אויסער זיך פאר כעס. — הערסט, זשעני, אלע זייערע שפיצלעך פארענטפערט די מאמע מיט זייערע יאהרען. מען טאר זיך צו זיי ניט צוריהרען, אז ניט זאגט מען, אז דו פארגינסט זיי ניט און ביסט שלעכט. און די דאזיגע קינדערלאך האָבען שוין געפארבטע באקען, פונקט ווי ביליוואר־פעען.

— מארי־לואיז, איך בעט דיך!

אַ גע יעג

מאַדאַם בעריל האָט זיך געבעטען ביי דער מיידעל, וועמעס בעם האָט געהאַלטען אין איין שטייגען.

— איך וויים, ס'איז אמת, אז זיי שמירען זיך אַ ביסעל צופיעל. דאָס איז ניט גוט... איך גיב דיר מיין וואָרט, אז איך וועל עס זיי פאַרוועהרען. אָבער דו איבערטרייבסט שוין אַביסעל.

— איך איבערטרייב! — האָט אַן אויפגערעגטע אויסגע־שריען מאַרי־לואיז — גאָר אַליין און ווער געוואָר וואָס מען טראַכט וועגען זיי אויף דער פּאָסט, וואו זיי באַקומען מעהר פון אַלעמען בריעף.

— וואָס אַנבאַלאַנגט מיר, וועל איך מעהר מיט זיי ניט געהן שפּאַצירען. גאַנץ סען־מאָר קוקט זיך אום, ווען איך שפּאַציר מיט זיי צוזאַמען. איך וויל ניט, אז אַלע זאָלען זיך אומקוקען אויף מיר און מיר ווילט זיך ניט זיין קאָמפּראָמע־טירט.

— לאָמיר דיר זאָגען, אז דו ביסט אויך ניט אַזאַ צדקות! דו שלעפּסט זיך דאָך אויך אַלץ אַרום מיט דיין גאַסטאָן דעוור־רילעס!

די מוטער איז געוואָרען אויסער זיך פאַר כעס:

— סוף־כל־סוף האָט זיך מיר שוין דערעסען צו הערען, ווי איהר באַשולדיגט מיך גאָט וויים אין וואָס. מעגליך, מיין שולד באַשטעהט אין דעם, וואָס איך גיב אייך צופיעל פריי־הייט?

— און סעלינאַ — האָט געשריען זשעני אַ באַליידיגטע פון דער מוטער'ס באַמערקונג — זי געהט דאָך ניט באָפען פיש מיט זשאַרזש פעריע ביים ברעג פון מאַרן.

— ער איז דאָך נאָך אַ קינד — האָט זיך די מוטער אָפּ־געשרופען.

מאַרי־לואיז האָט איראָניש אַ שמייכעל געטאָן.

נאָך ליעבע

רויט ווי צונטער האָט זיך זשעני אפגערופען:

— גאסטאן איז אויך געווען נאָך א קינד, ווען ער איז צום ערשטען מאָל געקומען צו אונז... אין טאַטענס אויגען איז ער געווען זעהר ליעב און צארט, ווי א מיידעל... אנדרע האָט איהם גערופען מאַדעמואזעל... איך האָב איהם שטענדיג פאַר־טיידיגט געגען סעלינאַ'ס אָנפאַלען.

ביים דערמאָנען אנדרע'ס נאָמען האָט א טרויער פאַר־נעבעלט מארי־לואיז'ס שעהנע דונקעלע אויגען. ווי אין נע־בעל איז פאר איהר אויפגעשטאנען אין זכרון דער הויכער סי־לועט פון דעם יונגען מאַן. דער פאָטער האָט זעהר ליעב געהאט דעם הויכען יונגלינג, וועמען ער האָט אָנגערופען זיין גייסטי־גען זוהן. מיט וויפיעל שטאָלץ וואלט ער געקוקט אויף איהם איצט: אנדרע איז דאָך שוין איצט א שעהנער מאַן, אַן אָפי־ציר פון דער קאָלאָניאַלער ארמעע, וואס האָט געקראַגען פיעלע אויסצייכנונגען, — ער איז געווען דער, וועמעס נאָמען האָט ארויסגערופען א ציטער אין אלע קליינע הערצלעך פון סען־מאָר, ווען ער איז אהיימגעקומען אויף אורלויב. ווי האָבען אלע אין שטעדטעל מקנא געווען, וואס ער איז געבליבען זייער אלטער פריינד.

זשעני האָט אין כעס פארטגעזעצט:

— ניין, איך וועל עס ניט ערלויבען, אז דו זאָלסט פאַר־גלייכען דעם דאזיגען אינגעל, וואס איז נאָך ניט אלט קיין צוואנציג יאהר און וועלכער האָט אלע אייגענשאפטען פון א צולאָזען מיידעל, מיט גאסטאָנ'ען וועלכער ערווערבט זיך אַן עהרענהאפטע קאריערע. ס'איז אמת, פון אונז אלעמען האָט מיך גאסטאן מעהר ליעב געהאט.

— קיינער ווארפט דאָך דיר גאר נישט פאר.

— ער האָט מיך מיט קיין איינציג ווארט קיינמאָל ניט באליידיגט, מיט קיין איין־איינציגען צוויי־דייטיגען זשעסט...

אַ גע׳ע׳ג

אין דער צייט, וואס איך האָב נעכטען געטראפען זשארזשען אונטער דעם פענסטער פון דער קיך, אין דער צייט וואס דו ביסט געווען אין פאריז, ארומנעמען סעלינא׳ן.

— דאס איז אמת, — האָט באשטעטיגט מארי־לואיז.

— דאס זיינען בלויז רכילות — האָט זיך אפגערופען מא־דאם בעריל.

— הער זיך איין מאמע, — און מארי־לואיז האָט פיעל־באדייטענד א קוק געטאָן אויף דער מוטער, — איך רעד מיט דיר וועגען דעם צום לעצטען מאָל. דיר שטעלט זיך פאר, אז איך גיב איבער פרעמדע רייד מיט אייגענע באפוצונגען. ווילסט ניט, גלויב ניט, אבער איך ווארען דיך געגען א קאטא־סטראפע, וואס דראָהט אונז אלעמען.

די טיר האָט זיך געעפענט און אויפ׳ן שוועל האָט זיך באַוויזען סאלינא מיט שאָקאָלאד.

— מארי־לואיז! דער שעהנער מיליטער דאקטאר געהט פארביי. געה צו צום פענסטער וועסטו איהם נאָך קענען זעהן. — זיינען מיט א געשריי ארייננעלאָפען אין צימער ראַזא און לעאָני.

— ווערט שטיל, נאראָנים! איהר מיינט, אז איך וועל צולויפען צו א פענסטער כדי נאָכצוקוקען א מענשען מיט וועמען איך בין פופצעהן יאהר באקאנט?

— פאררעד ניט די ציין, מארי־לואיז! אלע ווייסען, אז דו ביסט פארליעבט אין איהם און די ברענסט איצט פאר אומ־גערולד צו קענען איהם זעהן אין זיין מונדיר.

— אבער דו ביסט צו שטאלץ, אז דו זאלסט זיך מודה זיין.

— קינדער, זעצט זיך צו דער ארבייט, — האָט זיך גע־בעטען מאדאם בעריל, אנווייזענדיג די יונגע מיידלעך אויף

נאָך ליעבע

צוויי שטולען ביים טיש, וואס איז געווען פארוואָרפען מיט פאַר־שיעדענע שטאָפען.

—איך וועל א לויף טאָן אין מארק אריין, — האָט אויס־געשריען סעלינא, אוועקטראָגענדיג די גלעזער.

מאדאם בעריל האָט געגלעט דעם הונד און צערטליך גע־רעדט צו איהם. מארי־לואיז איז געווארען אויסער זיך.

— שוין ווידער! גאָט מיינער, ס'ארא הויז איז דאָס!

— איצט הויבט אָן מארי־לואיז, — האָט באמערקט ראָ־זא, נעמענדיג זיך פאר דער ארבייט.

— זי זעצט פארט, — האָט ארויסגערעדט מאדאם בע־ריל.

— וואסער מאן קען דאָס ענטציקט ווערען פון דער דאָ־זיגער מענגע פון מיידלעך און חיות! ווען איך זאל טראכטען צו קריגען א חתן, וואלט איך איהם קיינמאָל אהער ניט גע־בראכט.

לעאָני האָט געקייכט פאר געלעכטער שאָקלענדיג מיט איהר רויט־גאָלדען קעפעל.

— א שרעק וואלט אויף איהם אָנגעפאלען!

— זאל שוין זיין גענוג, — האָט מאדאם בעריל ארויס־גערעדט — עס נעמט קיין סוף ניט צו אייערע קריגערייען; פון דער פריה אָן קריגט איהר זיך. איך בין פארמאטערט פון אייך! דו, מיין ארעמע טאכטער, מארי־לואיז, האסט אן אומ־גליקליכען כאראקטער. דו וועסט קיינמאָל גליקליך ניט זיין!

מאַרי־לואיז האָט געווארפען א גיכען בליק אויף איהר מו־טער, וועמעס פנים האָט געאָטעמט מיט אויפריכטיגקייט. זי האָט געוואלט עפעס ענטפערען, אבער איבערטראכטענדיג זיך, איז זי אנטשוויגען געווארען און איינגעבויגען דעם קאָפ צו דער ארבייט.

און אין אמת'ן, צו וואס קריגען זיי זיך שטענדיג? א גע־

אַ גע יעג

פיהל פון טרויער האָט אָנגעפילט איהר גאנץ וועזען, א דריי־קענדע שרעק האָט צוזאמענגעדריקט איהר הארץ, ווען זי האָט אריינגעקוקט אין דער צוקונפט, וואס איז געווען אפגעצאמט פון איהר מיט א פיינליכען צאַם, אָן וועלכען עס וועלען אויך צובראכען ווערען די אילוזיעס פון איהרע אינגערע שוועס־טער.

זייער פאָטער, וואס איז געווען א געדולדיגער ערציהער און אן ענערגישער לעהרער, האָט, וועלענדיג אז זיינע טעכטער זאלען אויסוואקסען געזונדטע און שטארקע, ערמוטיגט זייער שטרעבונג צו באוועגונגען; ער האָט בייגעוואוינט זייערע קינ־דישע פרעהליכע שפיעלען. אפילו נאָך זיין טויט האָט מען זיי אלע פינף געקענט זעהן פאהרען אויף וועלאסיפעדען אין קורצע קליידלעך מיט מאטראסישע קעלנער, אדער קעמפענדיג מיט דער גאנצער קראפט פון זייערע יונגע מוסקולען געגען דעם שטראָמען פון דער מארן. אָט די אינגלישע קונצען האָבען גע־מאכט שטוינען דאס גאנצע קליינע שטעדטעל: גאנץ סען־מאָר האָט זיך צוזאמענגעקליבען צו קוקען אויף די „אמערי־קאנערינס", ווען זיי האָבען, באָדענדיג זיך, לעבהאפט געטרא־גען זיך איבער'ן וואסער.

ווער זשע וועט וועלען מיט זיי חתונה האָבען? וועמען וועט ניט אפשרעקען די פיינדליכקייט, וואס מארי־לואיז האָט אָפטמאָל געפיהלט צו זיך און צו איהרע שוועסטער פון דער זייט פון די דאזיגע פרידליכע פראווינציאלען? וועמען וועט איינפאלען אָנצופארטרויען זיין גליק דעם דאזיגען אונאנשטענ־דיגען הויז?...

אין דעם גרויסען צימער, וואס איז געווען באגאסען מיט זון, האָט זיך געהערט בלויז דאס טיקען פון דעם וואנד־זייי־גער און דאס שאָרכען פון די בענדלעך אין מארי־לואיז'ס הענד. די פארמאטערטע טירטעל־טויבען זיינען געשלאָפען אנשפארענ־

נאָך ליעבע

דיג זיך איינער אן צווייטען. די אַף האָט פון איהר שטייג ארויסגעקוקט אויפ'ן געלען הונד.

זשעני האָט רוהיג געשמייכעלט.

מארי־לואיז האָט א ווארף געטאָן א בליק אויף איהר, זי האָט מקנא געווען איהר רוהיגקייט. איהר איז געווען גוט באַקאנט, אז אונטער דעם דאזיגען פריעדליכען שמייכעל ליגט פארבארגען איין האָפנונג, איין בילד... מארי־לואיז האָט מקנא געווען איהר שוועסטער'ס גרויסען בטחון אין גאסטאָנ'ען, וועמען זי האָט ערווארט מיט רוהיגקייט, מיט א זיכערהייט, אז ער וועט איינארדנען איהר לעבען, ווען ער וועט נאָר זיין אין שטאנד עס צו טאָן... מסתמא האָבען זיי זיך, פון אלעמען בסוד, געגעבען איינער דעם צווייטען דאס ווארט... און רוהיג ווארט זשעני...

מיר באגייסטערונג האָט מארי־לואיז געקוקט אויף איהר שוועסטער. איהר אליין האָט זיך געוואלט גלויבען אין עפּעס, אין עמיצען, זיין עהנליך כאָטש אפילו אויף סעלינא'ן, וועמעס פרעהליכקייט האָט איהר אפט ארויסגעבראכט פון זיך... די זעבצעהניעהריגע ראָזא, די אכצעהן יעהריגע לעאָני האָבען נאָך געקענט האָפען אויף א נס! אבער מארי־לואיז, וואס איז אלט געווען זעקס און צוואנציג יאהר, האָט בלויז געפיהלט א ביטערניש און א וואקסענדיגען שרעק. ווער וועט עס זיין דער ערלייזער, וואס וועט זיך באווייזען און איהר ארויסרייסען פון דאנען, איידער עס וועט פארוועלקען איהר יוגענד, איהר פארלאנג נאָך לעבען, דער הייסער, ברענענדיגער פארלאַנג, וואס ערקלערט אפּען זיינע רעכט און מאכט באוועגען איהר ברוסט?...

ראָזא און לעאָני, וואס זיינען געזעסען איינע געגען דער צווייטער, האָבען פיעלבאדייטענד געשמייכעלט צו זיך.

מאַדאַם בעריל האָט אויפגעהויבען צום הימעל איהרע פארבענקטע אויגען. א צופרידענע פון דער שטילקייט, וואס האָט

אַ גײעג

געהערשט ארום איהר, האָט זי גע׳חלומ׳ט װעגען דער פאָר פּאַ־פּוגאַיען, װאָס דעם קצב׳ס װײַב האָט איהר צוגעזאָגט צו שענ־קען. פאר דעם דאָזיגען פּאָרל װעט געװיס זײן א קלײן שטײ־געל, װײל די דאָזיגע פײגעל פאַרמעהרען זיך ניט אין אונזער קלימאַט. מאַדאַם בעריל האָט געקוקט אויף דעם אָרט, װאו זי װעט אין גיכען אויפהענגען א נײע שטײגעל... מיט אַמאָל האָט א ראָזער הױב זיך אַראָפּגעגליטשט פון טיש, געכאַפּט פון אן אונזיכטבאַרער האַנד.

— אך, דו עקעלהאַפטע אַף! װער האָט זי ארױסגעלאָזט פון דער שטײג?

די פיער מײדלעך זײנען אויפגעשפּרונגען פון זײערע ער־טער. ראָזאַ און לעאָני האָבען געקײכט פאַר געלעכטער. די אַף, צופרידענערהײט פאַרזיכטיג די הױב צו זיך, איז ארומגעשפּרונ־גען אין צימער.

מאַדאַם בעריל האָט אויפגעהויבען די הענד צום הימעל און הילפלאָז געװײנט:

— כאַפּט די אַף, קינדער!

די אַף האָט געהאַלטען אין אײן ארומשפּרינגען. אָט איז זי ארױפגעשפּרונגען אויף מאַרי־לואיז׳ס פּלײצע, אָט אויף ראָ־זע׳ס קאָפּ. מיט אַמאָל האָט די אַף ארױסגעלאָזען א שרעקלי־כען געשרײ און פאַרגליװערט געװאָרען אויף לעאָני׳ס פּלײצע: דער הונד האָט געהאַלטען די אַף פאַר דעם עק. מאַרי־לואיז האָט א כאַפּ געטאָן די אַף פאַר׳ן נאַקען, ארױסגעריסען זי פון דעם הונד׳ס צײן און צוגעלאָפען צום פענסטער. זי האָט א װיג געטאָן די אַף. זי איז שוין גרײט געװען ארױסצולאָזען זי פון איהרע הענד, װען עס האָט זיך ארײנגעמישט מאַדאַם בע־ריל און מיט א בעטענדיגער שטימע זיך אָפּגערופען:

— איך בעט דיך, מאַרי־לואיז, לאָז זי ניט ארױס... טראָג

נאָך ליעבע

איהר צוריק אין איהר שטייג... לאז איהר ניט ארויס, אויב יא, וועט זי זיך שוין קיינמאָל ניט אומקעהרען.

— עס וואלט ניט געוועזן קיין גרויסער אומגליק!

מארי־לואיז האָט זיך אויף א מאָמענט געוואקעלט. די אף האָט געציטערט אין איהרע ענטבלויזטע הענד.

— אנדרע האָט זי אזוי גוט געהיילט — האָט געזאָגט די מוטער, וועלענדיג ווייכער מאכען איהר טאָכטער'ס הארץ.

— דאָס איז אמת, דער שעהנער דאקטאר האָט זי אויס־געהיילט פון בראָנכיט, — האָט זיך אָפּגערופען ראזא.

— דו מעגסט דאָס האָבען אין זינען, מארי־לואיז!

דאָס מיידעל האָט א פיהר געטאָן מיט די פּלייצעס, דער־נאָך האָט זי שנעל א ווארף געטאָן די אף אין מיטען פון שטייג אריין. מאדאם בעריל האָט ארויסגעלאָזען א זיפץ פון ערלייכ־טערונג.

נעבען לעאָני איז אויפ'ן טיש, צווישען פארשיעדענע שטיק־לעך שטאָף, געשטאַנען א שפּיגעלע. דאָס מיידעל האָט א קוק געטאָן אין איהם און זיך צושמייכעלט.

— ווען וועסטו שוין אמאָל אויפהערען ענטציקט צו ווע־רען פון זיך אליין? — האָט געפרעגט די מוטער.

— אך, — האָט איראָניש געצויגען איהרע רייד מארי־לו־איז, — זי דארף ניט פיעל צו זיין גליקליך. פאר איהר איז גענוג, אויב זי איז אין איהרע אויגען שעהן.

— אָהן צווייפעל! ניט יעדער קען זיך באריהמען מיט שעהנהייט.

— און אויסער דעם איז עס ניט קיין שלעכטער קאפּיטאל. אויב מען זאָל נאָר מיט שכל זיך באנוצען מיט דעם קאפּי־טאל קען ער אונז באפרייען פון דער דאזיגער אונזיכינער אר־

א געיעג

בייט... פון דעם דאזיגען יאך, אונטער וועלכען מיר שמאכ־טען בלויז צוליעב דעם שטיקעל ברויט... אך, אין דעם טאג, ווען איך וועל זיך קענען באפרייען פון דעם אלעם, יא, בלויז אין דעם טאג וועל איך דערפיהלען, אז איך לעב מיט אן אמת׳־דיג לעבען!...

ראזע׳ס שארפע שטימע האט געמאכט, אז מארי־לואיז זאל מיט ערשטוינען א קוק טאן אויף איהר; זי האט באמערקט איהר בליק, וואס האט אויסגעדריקט אן אונבויגזאמען ווילען און איהר איינגעשפארטען קאפ.

— לעבען! האבען אן אייגען ווינקעל אונטער דער זון!

— און מיר וועלען עס אויסקעמפען, לעאני!

— איך בין אין דעם פאלשטענדיג איבערצייגט!

— זאל שוין נעמען א סוף צו אייערע נארישקייטען! איך וועל עס ניט ערלויבען... ראזא!

מאדאם בעריל האט געדראהט מיט׳ן פינגער די אינגערע שוועסטער, וועלכע האבען זיך ניט אומגעקוקט אויף איהר און פארטגעזעצט ארויסצוזאגען זייערע מיינונגען אונטער די נייגעריגע בליקען פון דער עלטערער שוועסטער.

— מען מוז געפינען אן אויסוועג.

— ערפאלג ענטשולדיגט אלץ!

— דער ציעל בארעכטיגט די מיטלען!

— און איידער מיר האבען דיר אונטערגעטראגען אן איי־ניקעל, האסטו זיך ניט וואס צו באאונרוהיגען, מאמא.

— ווערט שטיל, אז ניט וועל איך אוועק צו דער באַ־בען!

— ניין מאמע, נעם ניט דאס בוך, דאס בוך איז ניט פאר יונגע מיידלעך.

נאָך ליעבע

— דאָס איז שרעקליך!

— דו וועסט דאָך ניט געהן צולאזען דיין פאַנטאזיע אין דיינע יאהרען! איך וועל דיר לייהען א בוך, ווען דו וועסט פאָהרען נאָך פאריז, וואס וועט זיין נאָך דיין געשמאק.

און ראזא, אזוי ווי זי וואלט ניט וועלען צולאזען, אז מען זאל זיך איהר אנטקעגען שטעלען, האָט צוגערוקט צו זיך אָק־טאוו מירבא'ס „דאָס טאָג־בוך פון א דינסטמיידעל", וואס מאַ־דאם בעריל, געפינענדיג עס, האָט מעכאניש גענומען עס אי־בערבלעטערען.

— איך פארזיכער דיך, אז דו וועסט דאָ סיי ווי סיי גאר־נישט ניט פארשטעהן, — האָט באשטעטיגט לעאָני.

— דאָס איז עפעס אונערהערטעס!

— און דאָס זיינען די פאלגען פון דיין פארקוקען זאכען.. וויפיעל מאָל האָב איך און זשעני דיר געזאָגט, אז זיי לעזען אלערליי אונאנשטענדיגע ביכער. דו ביסט אליין שולדיג, האסט ניט וואס צו באקלאָגען זיך!

— אזוי עסט איהר איינער דעם צווייטען!... אבער ווען מען דארף אָנפאלען אויף מיר, ווערט צווישען אייך שלום און איהר זייט איינשטימיג.

— גענוג, גענוג שוין!

— לאָמיר זינגען צוזאמען!

דער הונד, וועמען זיי האָבען ניט איינגעלאדען, איז דורכ'ן פענסטער אריינגעשפרונגען פון גארטען אין צימער אריין און גענומען אן אנטייל אין קאָנצערט. די טירטעל טויבען האָבען אָנגעהויבען ברומען און די אַף האָט מיט איהרע קליינע שוואר־צע הענטלעך גענומען טרייסלען די שטייג.

די טיר האָט א קלאפּ געטאָן: דאָס האָט זיך גערעטעט

אַ גע יעג

מאַדאַם בעריל; זי איז אנטלאָפען, שלעפענדיג נאָך זיך בענדער און טראַגענדיג דעם געלען הונד אויף די הענד.

2.

— **דעם הונד, — האָט אַרויסגעבורמט מארי־לואיז,** — פארגעסט זי קיינמאָל ניט מיטנעמען מיט זיך, ניט קוקענדיג אויף איהר גאַנצער אויפרעגונג. און איהר הערט שוין אמאָל אויף, גענוג געשריען!

ענדליך זיינען אלע אנטשווינען געוואָרען; מען האָט באַרוהיגט די הינד. לעאָני האָט געגעבען דער אַף אַ שטיקעל צוקער, די אַף האָט עס גענומען עסען און געגלעט זיך דערביי דאָס בייכעל, כדי צו ווייזען דעם הונד, וואָס האָט געקוקט אויף איהר, ווי געשמאַק דאָס איז!

— ענדליך געענדיגט די ארבייט — האָט אויסגערופען מיט פרייד מארי־לואיז. — איך געה ארויף זיך אָנטאָן און איך פאָהר אוועק. פרישטיקען וועל איך ביי די פּאַזשאָלס. דער קאָפּ דרעהט זיך מיר פון היינט אין דער פריה אָן.

— דו ווילסט אונז איינריידען, אז דיר וועט דאָרט זיין פרעהליך?

לעאָני האָט אַ פּיהר געטאָן מיט די פּלייצעס.

— ס׳אַראַ אינדיטשקע איז די סעלעסטאַ!

— ווען זי האָט זיך גע׳גט פון איהר מאַן, איז זי אריינגעטראָטען אין קאָנסערוואַטאָריום. געוואָלט פאַרדונקלען די „אונשטערבליכע” — האָט גיפטיג באמערקט ראָזאַ.

— אבער ניט קוקענדיג אויף די טייערע שטונדען, וואָס זי

נאָך ליעבע

נעמט, גלאַנצט זי דערוויילּ אין עפּעס אונבאַקאַנטע קאָפּע־שאַנטאַנען.

— זי איז אָהן עפעקט!

— זי איז אָהן פייער!

— און דאָך איז זי שעהן!

— און איהר מוטער, וואס איז אמאל געווען שעהן, נעמט ביי איהר צו א געליעבטען...

— דעם שעהנעם וויניאַז!

— אָט דאָס הייסט א משפּחה!

— א פאָטער, מוטער און טאָכטער און א געליעבטער פאַרביידען!

— ראָזא, וועסטו שוין אמאָל שטום ווערען?

ראָזא, וואס האָט צוגעפּעסטיגט א בלויען אַטלאַסנעם באַנד צו א הויב, האָט גאַנץ רוהיג פאַרטגעזעצט:

— פאַרשטעהסט זיך, אַז זי שטעלט אַרויס הערנער אי דעם אַלטען פאַזשאַל אי איהר טאָכטער!... האָסטו עס דען ניט געוואוסט? לעצטעם יאָהר האָב איך די אַלטע געכאַפּט ביים ברעג פון דער מאַרן מיט דעם שעהנעם וויניאַז.

— זיי האָבען געמיטאַגט צוזאַמען אין אַן אַלטאַנע, — האָט פאַרטגעזעצט דעם געשפּרעך לעאָני. — אוי, ווי מיר האָבען זיך דאָס אָנגעלאַכט! אַזוי ווי עס האָט געברענט א לאָמפּ, האָט מען געקענט זעהן דורך די בלעטער, ווי די אַלטע האָט גע־ציטערט, ווען זי האָט זיך געטוליעט צו וויניאַז'ען.

— לאָזט מיך צורוה. גענוג שוין פאַר אייך צו פאַרנע־מען זיך מיט רכילות!

ראָזא האָט ווייטער דערצעהלט די אַלע נאַרישקייטען, וואס זי האָט באַמערקט אדער אויסגעטראַכט. און ווען זי איז שטיל געוואָרען און גלייכגילטיג געגעניינט די אַרבייט, האָט לעאָני גענומען רעדען.

אַ געיעג

— און ווייסטו, אפילו דער שעהנער אנדרע איז אויך ניט געוועזן גלייכגילטיג צו סעלעסטע'ס קאָקעטעריי.

— זי איז געוועזן אזוי שעהן אין טרויער. זי איז דאָך אַ בלאָנדע.

— דאָס איז אמת! — שטעל דיר פאר, זי האָט געהאַט מוט אָנצוטאָן זיך אין שווארצען נאָך דעם ארימען לעמער, מיט וועמען זי איז געוועזן שוין פון לאנג צושיידט.

— איך בין זיכער, אז אַנדרע האָט דריי פערטעל פון זיין אורלויב פאַרבראכט מיט סעלעסטען.

— אָ, דער דאָזיגער יונגלינג, דאכט זיך, איז ניט קיין צו גרויסער פארעהרער פון מיידלאך, — האָט גלייכגילטיג באַמערקט ראָזא.

— און ער דערווייזט עס דערמיט, וואס ער האלט זיך וואס ווייטער פון אונז.

— ער דארף האָבען...

ראזא האָט ארויסגערעדט אַ גראָב, גאָסיג ווארט.

— ראזא, אויב דו ועסט ניט שטיל ווערען, וועסטו קריי־גען פון מיר אין די ציין!

מאַרי־לואיז האָט געוואָרפען אַ בליציגען בליק אויף דער איינגערער שוועסטער, וואס האָט אין דער שטיל אונטער־געלאכט.

— איהר זייט אליין אונפארשעמטע, — האָט ווייטער גערעדט מאַרי־לואיז, — וואסער רעכט האָט איהר צו אור־טיילען אנדערע, ווען איהר אליין פראַנטעוועט און שמירט זיך ווי בולוואר־פעען!... אמת, איך קום זיך צוזאמען מיט די דאָ־זיגע פרויען, אבער איך ווייס, וואס איך טו. ווען איך נעה פאר סעלעסטא'ן פארדין איך דורך דעם פאר זיך אויף קליי־דער; אבער פון וואנען וואלט איהר גענומען, ווען ניט איך און די מאמע... יא, אויב עפעס וועט אייך שטערען צו דערגריי־

נאָך ליעבע

כען אייער ציעל, איז דאס זיכער ניט קיין איבריגע איבערקליי־בונג.

— וואס אמת, איז אמת, מארי־לואיז!

— אומזיסט בייזערסטו זיך, — האָט געזאָגט לעאָני, ווארפענדיג א להכעיס׳דיגען בליק אויף דער שוועסטער. — יעדער וועט זיך מוזען אויף אזא אדער אן אנדער אופן ארויס־דרעהען... וועלען מיר דאָך דאָ ניט בלייבען שמאכטען ביז אונ־זער טויט. יעדערע פון אונז קוקט אנדערש אויף דער צוקונפט. איך און ראָזא האָבען איין ציעל. מעגליך, אז סעלינא וועט זיך ארויסדרעהען פון איהר לאגע... איך גלויב אין דעם... סע־לינא איז ניט אזוי זארגלאז, ווי עס דאכט זיך, און זשאָרזש, ווען ער וועט דערגרייכען זיין פוליעהריגקייט, וועט האָבען א קאפיטאל... וואס אנבאלאנגט ווידער זשעני׳ן...

— זשעני פרעגט ניט דיין מיינונג! לאָז מיך צורוה!

ווען מארי־לואיז האָט געענדיגט די ארבייט, האָט זי די לאנגע נאָדעל ארייינגעשטאָכען אין טיש אריין און זיך צוגע־בויגען צום פענסטער, אויף וועלכען עס האָבען זיך פייערליך געשפיעלט די שטראַהלען פון דער זון. זי האָט אויסגעצויגען מיט א ליידענשאפטליכער באגייסטערונג איהרע דינע הענד, וואָס זיינען געווען צושטאָכען פון נאָדלען, צו דעם וואָלקענ־לאזען הימעל.

— אוועקגעהן פון דאנען, אוועקגעהן — האָט זי געמור־מעלט, אויסציהענדיג זיך נעגען דער זון, — אוועקגעהן, אנט־לויפען...

— איינע אליין? — האָט איראָניש געפרעגט ראָזא.

— און וואס וועט זאגען דער שעהנער דאקטאר, ווען דו וועסט איהם אוועקווארפען?

— שוין ווידער? וואס מאכט איהר זיך לוסטיג איבער

אַ גע יעג

מיר? אנדרע׳ס באַציהונג צו מיר איז פּונקט ווי צו אייך. פּשוט, די באַציהונג פון אַ חבר. ער איז איינער פון די גע־צעהלטע מענשען, וואָס האָבען אונז ניט אויפגעהערט צו באַ־זוכען נאָכ׳ן טאַטענס טויט. אבער איהר באַשיט איהם אלץ מיט שטעך־ווערטלאַך.

ענערגיש האָבען די מיידלאַך געגען דעם פּראָטעסטירט; מארי־לואיז האָט צוגעלייגט:

— פארגעסט ער דען אונז אפילו ווען ער איז אין די קאָלאָניען?

— דאָס איז אמת: יעדערע פון אונז קריגט פון איהם אַ מתנה, — האָט באַשטעטיגט ראָזא.

— יאַ, די אינגערע זיינען געווען אומגערעכט צו איהם, — האָט מיט אַן אויפגערעגט געזיכט איינגעשפּאַרט באַהויפּ־טעט מארי־לואיז. — זיי זעהען אין איהם בלויז אַ שעהנעם אָפיציר. אבער ער שטאָלצירט דאָך ניט מיט זיין שטעלע און פאַראַדירט ניט מיט זיין מונדיר.

— אבער מיר זעהען דאָך איהם געוועהנליך בלויז אין ציוו־ווילע קליידער!... מיט אַן אויסנאַהם, וואָס מיר האָבען איהם היינט געזעהן אין יוניפאָרם.

— מסתמא האָט ער געדאַרפט אָנטון זיין מונדיר, ווייל ער האָט געדאַרפט זיין אין מיניסטעריום. ער פאָהרט דאָך אין גיכען אוועק.

מארי־לואיז האָט זיך פאַרטראַכט... שוין פופצעהן יאהר... יאַ, פון יענער צייט איז שוין אריבער פופצעהן יאהר... אין יע־נער צייט האָט דער פאָטער נאָך וואָס געהאָט אויסגעבויט דאָס קליינע הייזעל און טומלענדיגערהייט האָט זיך די פאַמיליע איינ־געאָרדענט אין איהם. די עלטערע שוועסטער זיינען פּשוט פאַררייסט געוואָרען פון פרייד און מיט נייגעריגקייט האָבען זיי באַקוקט דאָס שבנ׳ישע הויז, וואָס האָט אויסגעזעהן ווי

נאָך ליעבע

פארלאזען. מיט ווילדע געוויקסען און רויזען זיינען געוועזען באַוואקסען די ווענד פון דעם שווייגענדיגען הויז, וואס איז זיכער אמאָל געוועזען א מיהל... מען האָט געזאָגט, אז זיינע באַלעבאטים זיינען ערגעץ אוועקגעפאהרען... אבער איינמאָל אין אן אווענד האָט זיך ברייט געעפענט די טיר. אויף דער טעראַסע האָט זיך באוויזען א פרוי אין טרויער מיט גרויליכע האָר און צוזאמען מיט איהר א הויכער יונגערמאַן, אויך אין גאַנצען אין שווארצען און מיט א טרויעריגען אויסזעהן, ניט קורקענדיג אויף דער קראפט און גרויזאמקייט, וואס האָבען זיך אפגעשפיגעלט אויף זיין דונקעלען פנים, אויף וועלכען עס האָבען געלויכטען פלאמענדיגע אויגען.

זיי זיינען אלע געוועזען אין סאַד. אין זאל האָט די מוטער שטיל אויסגעקלאפט א ראמאנס; די באָבע האָט עפעס אויסגעבונדען. דער פאטער האָט דערדרויכערט זיין סיגאַר. עס האָט זיך דערהערט א גערויש, ער האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ. אַנדרע, וואס איז געוועזען אויף דער צווייטער זייט פון צאַם, האָט זיי באַגריסט. דאָן האָבען דער קליינער קאָסטאָן דעוורילעס און זשאָרזש פעניע, וואס זיינען ארומגעפלויגען מיט די מיידלעך, דערקענט דעם שכן. זיי האָבען איהם א רוף געטאָן. אַנדרע איז אריבערגעשפרונגען דעם צאַם. ראַזא איז אין יענער צייט נאָך געוועזען א קינד, זי איז געוועזען זעהר שעהן און האָט זיך קוים געהאַלטען אויף איהרע שוואַכע פיסלעך.

— און דער דאזיגער ווילדער, העפטיגער און שעמעוודיגער אינגעל, איז געווארען א מאנספארשוין... אן אומבאַקאַנטער, וועגען וועמען מען ווייסט איצט ווייניג...

נישט פיהלענדיג האָט מאַרי-לואיז ארויסגערעדט די ווערטער כמעט הויך אויפ'ן קול.

— אין יעדען פאַל קענען מיר זאגען, אז דאָס איז אן עלעגאַנטער מאַן, — האָט זיך אפגערופען ראָזא.

אַ געיעג

— געוויים! פיהרט ער דאך אוים אלע אונזערע קאפריזען, ווען ער קומט אויף אורלויב. ס'אַרא שאַד וואס ער קען אונז ניט מיטנעמען מיט זיך אין די קאָלאָניען!...

— זיי שטיל, לעאָני! דו מיינסט דאָך ניט דאס, וואס דו רעדסט! דארט וואלט קאליע געווארען דער קאָליר פון דיין געזיכט.

די בלאָנד־לאָקיגע זשעני האָט זיך איראָניש אפגערופען:

— איך וואָלט איהר נאָכגעפאָלגט אין עק וועלט אריין. מיט איהם פיהלט מען ניט קיין היץ און קיין קעלט, קיין הונגער און קיין דורשט. ער היט אָפּ פון אלע פארלאנגען!

לעאָני האָט גערעדט מיט אַ געמאכטער באַגייסטערונג, אונטערוויינקענדיג אויף מארי־לואיז, וואָס איז געווען, דאכט זיך, אין גאנצען איינגעטאָן אין צושפּילען אַ קראַנץ פון פארגעס־מיך־נישט'ס.

— דאָס איז אמת! זאָל לעבען דער מאיאָר! לאָמיר עהרען דעם מאיאָר מיט אפּלאָדיסמענטען! איך פאָדער אפּ־לאָדיסמענטען! לאָמיר אָנהויבען, לעאָני!

ראזא האָט זיך אַ פּאטש געטון אין דער האנד־פלאך אריין, לעאָני האָט איהר נאָכגעטון, אַ לייכטען פּאטש האָט אויך גע־טון זשעני...

— זאָל שוין זיין גענוג!

מארי־לואיז איז אַ ביסעל רויט געווארען: צופיעל ערי־נערונגען האָבען אויפגעפלאמט אין איהר הארצען.

ראָזא האָט געמאכט אַ קאָמישע מינע און צופּלייסענס אַ שלוכץ געטאָן, דערנאָך האָט זי זיך צולאכט.

— זאָגען דיר דעם אמת, מארי־לואיז? — אָט האָסטו דעם גאנצען אמת: דו ביסט פארליעבט אין מאיאָר און גאנץ ערענסט

נאָך ליעבע

דערצו, דאָס איז אַלץ. דאָס איז דער גאַנצער סוד דיינער און די אורזאַכע פון דיין צורייצטקייט.

מארי־לואיז האָט ניט געענטפערט דער שוועסטער, זי איז דורכגעגאַנגען דורך דעם צימער אין דער ריכטונג צו דער טיר. לעאָני האָט איהר אָנגעכאַפּט ביים קלייד.

— מארי־לואיז, אייל זיך ניט אוועקצוגעהן! — לעאָני'ס פּראַכטפולע אויגען האָבען זיך פארנעבעלט פון א פלוצלינגער אויפרעגונג, וואס האָט איהר ארומגעכאַפּט. זי האָט צוגעצויגען די שוועסטער צו זיך און קוקענדיג גלייך איהר אין די אויגען, האָט זי געזאָגט: ס'אַרא נאַרישע דו ביסט. פארשטעהסטו דען ניט, וואס עס קומט מיט דיר פאר? פאר דיין אייגענעם נוץ האָבען מיר דאָך ענטפּלעקט דיר דיינע אייגענע געפיהלען... דו האָסט ליעב אַנדרע, וויל עס ניט לייקענען, און דאָס איז גאַנץ פארשטענדליך! אבער ווי דו פארשטעהסט ניט דאָס לעבען!... דו מיינסט, אז דו לעבסט נאָך אַלץ אין יענע צייטען, ווען א מיידעל האָט געמוזט ווארטען ביז דער יונגערמאַן זאָל זיך ווענדען צו איהר מיט א פאָרשלאָג... איצט איז שוין דאָס ניט אין מאָדע... איצט ערקלערען זיך שוין ניט די מענער אין ליעבע!

— נו, געוויס, — האָט א זאָג געטאָן ראָזא.

— שלאָג מיך ניט איבער, ראָזא... זאָל מארי־לואיז געוואר ווערען, ווי ווייט זי איז פון דער ווירקליכקייט... צופיעל פרויען לויפען איצט נאָך די מענער... אומעטום שטעלט מען פאר זיי אוים נעצען. און די מוטערס לערנען עס די טעכטער. איך רעד ניט וועגען אונזער מאמע, — אָ, ניין, זי איז אויך אָפּגעשטאַנען פון אונזער צייט... דו, ווידער, ביסט שטענדיג קאַלט, איינגעשלאָסען אין זיך, אדער ביסט גרייט צו שימען מיט שטעבווערטער... דערפאר קענען מענער דיך ניט באַגרייפען... זיי פארשטעהען ניט, וואס דא קומט פאר... דו ווייסט דאך, זיי

אַ גע־יעג

זיינען ניט אזוי שארפזיניג... איך זעה, דו קוקסט עפעס אזוי אויף מיר; באגרייפסטו אלץ ניט וואס איך רעד? אבער איך רעד דאָך ניט טערקיש מיט דיר.

און מיט אַ געלעכטער האָט לעאָני ארויסגעלאָזען מארי־לואיז.

— וואס זייט איהר אזוי איבערראשט געווארען? איהר האָט ניט גערעכענט לעאָני'ן פעהיג אויף אזעלכע פּסיכאָלאָגישע דינקייטען?... — האָט זיך אָפּגערופען ראזא, בלעטערנדיג דעם „טאָג־בוך פון אַ דינסט־מיידעל.”

דעם מיידעל'ס הימלישע אויגען האָבען זיך מיט אַ לייכטען וואָלקענדעל פארנעבעלט, אבער זי האָט פּאָרט געזעצט מיט אַ טאָן פון אמת'ער איבערצייגונג:

— פאָלג מיך, מארי־לואיז, און לאָז זיך ארונטער פון דיין פּעדעסטאל. גיב זיך אפּ אַ רעכענונג אין די אמת'ע באדירפּנישען פון די מענער. זיי זיינען אלע חיות. באקען זיך מיט זיי לויט פּאול אדאָן'ען, גיב אַ טראכט וועגען די אלע געליעבטע, וואס קלאַריסאַ האָט געהאט.

— שוויג, ראָזא, שוויג!... איהר ביידע שרעקט מיך זעהר.

זעהענדיג ווי די שוועסטער איז ערשטוינט געווארען, האָבען די איינגערע איבערגעקוקט זיך מיט אַ שמייכעל. ראזא האָט מיט אַ שטילער שטימע ארויסגערעדט:

— מען דארף זעהן, אז דאס זאל געוואר ווערען דער שעהנער אנדרע. צו איהר איז דא בלויז איין מיטעל: נעמען זי מיט געוואלט און זי וועט דאנקבאר זיין דערפאר. דערפאר וועט זי זיין זעהר אן איבערגעגעבענע און טרייע... די חתונה וועט קומען שפּעטער... צום סוף...

— וואס איז מיט אייך?

פּול מיט ערגערניש, האָט מארי־לואיז צוזאמענגעלייגט איהר־

נאָך ליעבע

רע הענט אויף איהר קלאַפּענדער ברוסט, אויפמערקזאם באַקוקט איהרע אייגענע שוועסטער, וועלכע זי האָט איצט געזעהן אין זייער אמת'ער ליכט. מיט ברייט געעפענט ערשטוינטע אויגען האָט זיך צוגעהערט זשעני, שטעהענדיג אָנגעליינט מיט די עלענבויגענס אָן טיש. מיט אמאָל האָט זיך די טיר געעפענט און א מחנה הינט האָט זיך אריינגעריסען אין צימער און הינ־טער זיי — סעלינא, אין גאַנצען א צוהיצטע, מיט דעם שטרויע־נעם הוט אָן א זייט, מיט גלאַנצענדיגע אויגען און בלוט־רויטע ליפּען. זי האָט אין דער האַנט געטראָגען אַן אָנגעפּאַקט קערבעל מיט פּרוכטען און פארשיידענע טואלעט ארטיקלען פאר די מיידלאך.

— איך האָב גאָרנישט ניט פארגעסען. איהר וואָלט בע־סער מיר דאנקען, איידער אויסשטעלען איינע אויף דער צוויי־טער אויגען, ווי קעלבער, ווען זיי דערזעהען א באַהן.

— דו ביסט א גוט מיידעל, סעלינא!

און לאַכענדיג ווייטער האָט ראָזא געזאָגט:

— דו וועסט זיך שטענדיג קענען ווענד'ען צו אונז, ווען מיר וועלען זיין רייך.

— טאַקע?

סעלינא האָט ריין געמאַכט א ווינקעל פון טיש, און צור־לייגענדיג אלץ, האָט זי יעדען אָפּגעגעבען זיינס און געזאָגט די פּרייז דערפון.

— דערווייל זייט איהר מיר שולדיג אַכצעהן סו, און ווי גוט איך זאָל ניט זיין, קען איך זיי אייך אָבער ניט שענקען.

ראָזא האָט איהר דערלאַנגט א פראַנק און מיט ווערדע זיך אָפּגעזאָגט פון דער רעשטע.

— האָב איך פארדינט צוויי סו.

— לעג דערצו צו דאָס, וואָס דו האָסט אראָפּגענומען פון

אַ געיעג

דער מוטער'ס געלד, דו האָסט זיכער אָפּגעשפּאָרט רייזע־קאָס־טען נאָך פּאריז, ניט אמת?

— אמת!

— מיר וועלן וועגן דעם ניט פארלירען קיין וואָרט, אויב דו וועסט אויף אַ מינוט אונז אַ קוק טאָן אָפען אין די אויגען.

— וואָס איז מיט אייך? עס זעהט אויס, ווי אייך וואָלט היינט עמיץ אַ בים געטאָן.

סעלינאַ האָט אויסגעשטעלט אַ פרעגענדיגען בליק אויף מארי־לואיז און זשעני'ן. שווייגענדיג האָבען די עלטערע שוועסטער געקוקט אויף דעם טעאַטער שפּיל, וואָס די אינגערע שוועסטער האָבען דאָ אויפגעשפּיעלט, און זיי האָבען געוואָלט טרעפען, וואָס אייגענטליך גרייט פאר זיי צו די צוקונפט. די אינגערע שוועסטער האָבען זיך דערנעהנטערט איינע צו דער צווייטער. ראָזא האָט איהר בלאָנד קעפּעל צוגעדריקט צו לעאָני'ס פּלייצע.

— סעלינאַ, דו ביסט אַ גוט מיידעל, ביסט ניט ביטרע... נאָר וואָס האָט מארי־לואיז, וואָס האָט זיך וועגען עפּעס איצט פארטראַכט, געפרעגט אונז, וואָס אייגענטליך שטעלען מיר פאָר מיט זיך... מירביידע, איך און לעאָני... זאָג אָפענהערציג, וואָס טראַכסטו וועגען אונז?

— אָט האָסטו דיר אַ פראַגע! — האָט לאַכענדיג אויס־געשריען סעלינאַ.

— זאָג, מארי־לואיז, ברעכסטו דיר איצט דעם קאָפּ אויף דעם, וואָס איז דער עצם פון לעאָני'ן און ראָזען?

— צום אַלעם ערשטען זעה איך, אַז זיי זיינען גאַנץ וואוילע מיידלעך.

— בראַוואָ!

— רעדענדיג צווישען זיך, זאָג איך אייך אויף מיין עה־

נאָך ליעבע

רען וואָרט, אַז די מאַמע האָט אונז וואונדערליך אויסגעמיים־טערט.... און אַלע, אָהן אויסנאהם! פאַר יעדען מעגליכען גע־שמאַק!

— פאַר יעדען מעגליכען געשמאַק! מיט די ליפּען פון דער אומשולד רעדט דער אמת!

ראָזאַ, אַ צופרידענע, האָט גענומען טאַנצען, לעאָני האָט נאָכגעטאָן איהר ביישפּיעל. אין זייערע יונגע קערפּער, וואָס זיינען געוועז אויסגעבויגען אויף צוריק, איז געוועזן עפּעס ארויס־רופענדעס. סעלינאַ איז געוועזן גערעכט: זייער שעהנהייט האָט געקענט באַפרידיגען די פאַרשיידענסטע געשמאַקען.

אַ דאַנק דער פאַרשיידענאַרטיגקייט פון זייער שעהנהייט, האָבען זיי אויסגעזעהען נאָך אַנציהענדער. און די דאָזיגע שעהנהייט איז נאָך אונטערגעשטראָכען געוואָרען פון די גראַ־ציעזע באַוועגונגען פון זייערע קערפּערס, פון דער גלאַנץ פון זייערע אויגען און דאָס ציטערען פון זייערע לאַנגע וויהעס. געפאַרבטע און געפּודערטע האָבען זיי זיך באַוויזען פאַר מאַרי־לואיז אין אַ נייעם ליכט, פאַרוויקעלט אין עפּעס אַ געהיימניס־פולקייט. די מינדסטע באַוועגונג זייערע איז געוועזן פול מיט אייגענטימליכער ווייבליכקייט. עס האָט אויסגעזעהען, אַז זייער גרעסטע פריידע איז געוועזן געפעלען ווערען יעדען און אומעטום. איז דאָס געוועזן דער רעזולטאַט פון לאַנגען איינ־איבען זיך, אָדער עס איז ווירקליך אין זיי געוועזן אַן אומבאַזיג־באַרע שעהנהייט? נישט ווילענדיג האָט מאַרי־לואיז זיך אונ־טערגעגעבען אונטער דעם כשוף פון זייערע ריטמישע באַ־וועגונגען.

... יאָ, געפאַרבטע, מיט אונטערגעפיהרטע ברעמען, האָ־בען זיי אָבער פאָרט אויסגעזעהען ווי פאָרזיכטיג אויסגעהאַקטע סטאַטועס. עפּעס אַ זינדיגע שעהנהייט האָט געלויכטען אין

אַ גע יעג

זייערע אויגען, וואָס האָבען העל געברענט אויף זייערע אָנגע־פודערטע פּנים'ער. די זון און דער הימעל האָבען ארויסגע־לאַכט פון ראָזע'ס גאָלדענע האָר, פון איהרע סאַפּירען אויגען, וואָס האָבען זיך אַלע ווייַלע געביטען און וואָס זיינען געווען ארומגעצאַמט מיט שווארצע סאַמעט־וויהעס. זי האָט געהאַט אַ בויגזאַמען קערפּער מיט קוים באַמערקבארע בריסט. אָט די דאָזיגע פרוי־קינד, אָט דער לעבעדיגער געהיימניס מיט די צאַר־טע באַוועגונגען האָט גערעגט די פאַנטאַזיע, האָט געמאַכט צו פארלירען דעם זינען.

לעאָני, אַ פּולע, אָבער אַן עלעגאַנטע, האָט אַזוי ווי צוגע־זאָגט ליידענשאַפט און באַרוישונג מיט איהרע טונקעל־קאַרע שווארץ־אַפּלען, אין וועלכע עס האָבען אויפגעפלאַמט גאָלדענע פונקען. אין איהר אָריגינעלען נעזעל איז געווען עפּעס ארויס־רופענדעס און רייצענדעס. ווען דיביידע שוועסטער האָבען געשמייכעלט, האָבען פון זייערע מיילער ארויסגעגלאַנצט גע־זונטע, שטאַרקע ציין.

— דו וואָלסט עס געוואָלט וויסען, מאַרי־לואיז?....

אַן אויפגערעגטע, האָט זיך ראָזא איינגעבויגען צו איהר עלטערער שוועסטער.

— מיר זיינען בלויז די אנהענגער פון דעם נייעם קולט, וועמענס פּריסטערינס מיר ווילען ווערען, מאָדערנע פּריסטע־רינס!

— ווער שוין שטיל, דו פּלוידער־זאַק! — האָט ארויסגע־רעדט סעלינא און אַ קנייפּ געטאָן ראָזען אין אָרעם.

— דו מאַכסט אַ טעות, מאַרי־לואיז, וואָס דו בלייבסט אַ נישט צוגענגליכע אויף דיין ווייסען מאַרמאָרנעם טורעם!

דאָס מיידעל האָט געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ און עס האָט זיך געדאַכט, אַז אַ שיין איז צעגאָסען ארום איהר. מאַרי־לואיז

נאך ליעבע

האט מילד און צארט געקוקט אויף די דריי שוועסטער: אויף סעלינע'ן, ראזע'ן און לעאני'ן.

ענדליך איז איהר קלאר געווארען דער געדאנק פון זייער שעהנהייט, פון דער אייביגער פאסטקע, וואס איז צושטעלט פאר די מענער, וועלכע ווערען שטענדיג רויב און אפטמאל דערנאך גאר זיגער. זי האט געקוקט אויף זיי און ניט באַמערקט זשעני'ן, וואס האט א פריידיגע, א שמייכלענדע, א גליקליכע אויך געשטרעבט ערגעץ אהין, אין א ווייטען לאנד... זונענשטראלען און דער הימעל האבען זיך אפגעשפיגעלט אין ראזע'ן! פייערלעך האבען זיך געצונדען אין לעאני'ס אויגען און די ליידענשאפט האט באלויכטען איהר שמייכעל. סעלינא איז געווען עהנליך אויף א זאפטיגער פרוכט.

אין איהר קנאה האט מארי־לואיז פארגעסען, אז זי אליין איז שעהן, אז זי איז פיין געבויט און האט א פראכטפולע ברוסט. אן אויפגערעגטע אין איהר פרויען אינסטינקט, געמאטערט פון די ערוואכטע פארלאנגען, האט זי געפיהלט, ווי איהר נשמה ווערט באהערשט פון אן ענדלאזען טרויער. אן אונערווארטע־טער קלאפ אין דער טיר האט זי געמאכט אויפצוציטערען.

— דאס איז דער מאיאר, — האט געזאגט סעלינא, — איך האב איהם באגעגענט אויפ'ן מארק. איך געה איהם עפע־נען די טיר.

מיט איין שפרונג איז זי געווען אין קארידאר.

— מיר קענען זיך אבער ניט ווייזען פאר איהם ווי מיר זיינען איצט אנגעטאן, — האט אן אויפגערעגטע אויסגעשריען מארי־לואיז.

— שפרינג ארויס דורכ'ן פענסטער. מיר וועלען איהם דא פארהאלטען ביז ועסט קומען צו זיך אין צימער אריין. מארי־לואיז, וועמעס ביישפיעל עס האט געוואלט נאכטאן

אַ געיעג

אויך זשעני, האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צום פענסטער, אבער איהר האָט אָפּגעשטעלט אַ שטימע, וואָס האָט זיך דערהערט אין צימער, וואָס איז געווען באַגאָסען מיט זונען־שטראַלען:

— צו וואָס האָט איהר זיך גענומען צולויפען אין אַלע זייטען, ווי צושראָקענע פייגעל!

שטעהענדיג אויף דער שוועל האָט אַנדרע וויניאַלאַ גע־שמייכעלט און אויסגעשטרעקט צו זיי זיינע הענט.

3.

ניט פרעהליך האָט אַנדרע פאַרבראַכט זיין יוגענד; זיי־נע עלטערען האָבען זיך שטענדיג צווישען זיך געקריגט. ווען העקטאָר וויניאַלאַ האָט חתונה געהאַט מיט פריילײן ריוואַל, האָט ער בלויז געטראַכט וועגען דעם, אַז אַ דאַנק דער חתונה איז ער געוואָרען דער באַזיצער פון אַ פּראַכטפול און אונשול־דיג מיידעל. הענריעטאַ איז געווען פול מיט גראַציע, מיט צערטליכער שעהנהייט און געהאַט האָט זי אַ פריש פּנים און הימלישע אויגען; איהר שעהנהייט איז זאָרגפעלטיג געפּלעגט געוואָרען אין דעם שאָטען פון קלויסטער ווענט. אַ ריינע איז זי אויפגעוואַקסען צווישען די נאָנען. ווען העקטאָר וויניאַלאַ האָט איהר געמאַכט אַ פאָרשלאָג, איז זי נאָר וואָס געהאַט צוריקגעקומען פון קלויסטער אין דעם היימליכען הייזעל אריין, וואָס איהר פאָטער האָט אויסגעבויט ביי דעם ברעג פון דער מאַרן. דאָס הויז איז איבערגעבויט געוואָרען פון אַן אַלטער מיהל. וויניאַלאַ איז געווען דער פאַרשטעהער פון אַ באַדייַ־טענדער פירמע אין שאַמפּיין. ער איז געווען אַ געזונטער מאַן,

נאָך ליעבע

א קרעפטיגער און א זינליכער. ער איז צוגעוועהנט געווען צו לייכטע זיגען. זיי זיינען ניט לאנג געווען חתן־כלה. מיט א פרעהליכער און אנשטעקענדער אפענהערציגקייט האָט ער די זאך א יאָג געטאָן מיט א גיכען טעמפּאָ. ער האָט געקענט צו־ציהען צו זיך הערצער און ער האָט ניט געצווייפעלט, אז די דאָזיגע אייגענשאפט וועט פאר איהם געווינען דאס הארץ פון דער ציטערדיגער, ריינער מיידעל, וואס ער האָט אוועקגעפיהרט צו זיך אין דעם אווענד פון דער חתונה.

אבער ווי גרויס איז געווען זיין ערשטוינונג, ווען ער האָט באמערקט, אז זי איז אומרוהיג, אז זי שטעלט זיך געגען זיין איינפלוס. בלייבענדיג מיט איהם אליין, אויף זיין ברייטער ברוסט, האָט זי אין דעם פרעמדען, שטרענגען מאנספּארשוין ניט דערקענט איהר חתן, וואס האָט נעכטען אזוי ליעבליך גע־שמייכעלט. עפּעס אן אונבאגרייפליכער, אינסטינקטיווער שרעק האָט ארומגעכאפּט איהר גאנצעם וועזען און זיך אפּגעשפּיגעלט אין איהרע בלויע אויגען. ווען זי האָט זיך דערפיהלט א באַ־ליידיגטע, א פארבלוטיגטע, איז זי אויפגעשפּרונגען, באוועגט פון א פיזישען עקעל, וועלכע איז שוין אויף שטענדיג פארבליבען מיט איהר.

איהר מאנס ווילדע און ליידענשאפטליכע ליעבע האָט גע־שניטען איהר צארט לייב און איהר מיסטישע נשמה און אָנ־געפילט איהר הארץ מיט שרעק; הענריעטא האָט זיך בארגע־שטעלט, אז אין איהר מאן־חיה געפינען זיך אלע גיהנום'שע קרעפטען. אן אויפגערעגטע פון דער פרייהייט פון זיינע אויס־דרוקען, באוועגונגען, וואס האָבען אין איהר פארשטעלונג גאר ניט געהאט קיין שייכות מיט איהרע פליכטען אלס פרוי און גוטע קריסטין, האָט זי זיך געווענדעט נאָך אן עצה צו איהר גייסטליכען און, איבערגעבענדיג זיך צו די ווילדע אומארמונ־

אַ גע י עג

גען פון דעם, וואס זי האָט אין הארצען אָנגערופען הענקער, איז זי געווארען א פאסיוו און לײדענשאפטלאז וועזען, שטרענג, ווי א ריכטער, און אונטערטעניג ווי א קרבן... אפגעריסען פון זיי־נע געוועהנליכע פארגעניגענס, פאַלשטענדיג אונפעהיג צו זיין דער ערציהער פון א יונג־מיידעל, האָט וויניאלא אין גיכען אויפגעהערט שפיעלען די ראָל, וואס האָט איהם אזוי ערנידער־ריגט. איהם האָבען ווידער באהערשט פרויען פון א צווייפעל־האפטען כאראקטער, וואס האָבען געקענט שטילען זיינע ניט־הויכע פארלאנגען. פארשוואונדען איז דער חלום וועגען דעם גליק צווישען דעם בלאָנד־לאָקיגען מיידעל און דעם שטארקען מאן.

ארומגעהענדיג ארום איהרע בלומען, האָט הענריעטא אפילו קיין אהנונג ניט געהאט וועגען דער שרעקליכער פאר־בארגענער דראמא, וואס האָט געדארפט מאכען אן איביגען רים צווישען מאן און ווייב, וואס איז טאקע פארגעקומען מיט'ן געבורט פון אנדרע: די יונגע פרוי איז פון דאן אָן געווארען בלויז מוטער. זי איז געווארען ווילד און איז גרייט געווען צו־ווארפען זיך אויפ'ן מאן, אויב איהם וואלט איינגעפאלען זיך אריינצומישען אין דער ערציהונג פונ'ם אינגעל. אבער העק־טאר וויניאלא האָט עס גאָר נישט אזוי שטארק פארלאנגט. גע־נארט אין די האָפנונגען פון א געליעבטען, פארלירענדיג דאס רעכט אויף זיין זוהן, האָט ער זיך אונטערגעווארפען אונטער זיין מזל און געקוקט אויף זיין חתונה ווי אויף א ניט געלונגע־נעם עפיזאָד; פריי האָט ער זיך ווידער דערפיהלט אויף זיינע געשעפטליכע רייזעס, ער האָט גענומען צוזווארפען אויף אלע זייטען צערטליכקייט און שוימיגען וויין. ער האָט די ביידע זאכען פארגעלייגט מיט א טייוולישער צופריעדענהייט, ער האָט געמאכט געשעפטען, ער איז גראב צוגעשטאנען צו פרויען, ער האָט געכאפט אין זיינע נעצען אלע אונבאקאנטע פרויען,

נאָך ליעבע

וואס זיינען איהם געקומען אין וועג אריין, ווי א חיה, וואס ווארפט זיך אויף איהר רויב.

אַנדרע איז אויפגעצויגען געווארען אין א גרויער, אין א פשוט אונערטרעגליכער סביבה. באזונדערס שווער איז געווען דאמאלט ווען העקטאר וויניאַלא איז א מאל זעקס אין יאהר גע־קומען קיין סען־מאָר צו איבערצייגען זיך אין די פארשריטען פון זיין אינגעל. א זאָנדערבארע פאַרוואַרשאפט פון שטאם און בלוט: אַנדרע, וואס איז ניט ערצויגען געווארען אונטערן איינפלוס פון פאטער, און וועגען וועלכען מען האָט אין זיין אנ־וועזענהייט גערעדט מיט גרוים פאראכטונג, האָט געהאט א היי־ליגע עהרפורכט פאר דעם דאזיגען ריעז, וואס פלעגט, לאכענ־דיג מיט׳ן גאנצען קול, איהם אויפהויבען צו זיך אויף די הענד; איהם האָט געצויגען צום פאטער; ער האָט גע׳חלומ׳ט פון דעם טאָג, ווען דער רייזענדער וועט איהם ענדליך אוועקפיהרען מיט זיך, וועט איהם ארויסרייסען פון דעם דאזיגען שטומען קליי־נינקען הייזעל, וואו דעם לעבעדיגען אינגעל איז געווארען שווער — זייענדיג שטענדיג אונטער דער ציטערדיגער אויפזיכט פון דער מוטער. מיט די אויגען פון א ריכטער האָט הענריעטא געקוקט אויפ׳ן זוהן. פיעל מאָל האָט אַנדרע, צווישען פאר־ווארפען און קושען, דערפיהלט עפּעס וואס איז ניט ארויס־גערעדט געווארען: די מוטער האָט זיך מיט אמאָל אפּגעקעהרט פון איהם מיט א קאַלטען פנים.

נאָכ׳ן טויט פונ׳ם אַלטען ריוואל, פאר וועלכען הענריעטא האָט פארבארגען, א דאנק איהר געפיהל פאר שאנדע, איהרע פאמיליען אנגעלעגענהייטען, האָט זי באשלאָסען צו צורייסען אלעס, וואס עס האָט זי אָפּיציעל נאָך צוגעבונדען צום מאַן.

ווען אנדרע איז געוואר געווארען, אז זיין פאטער וועט שוין קיינמאָל מעהר ניט צוריקקומען צו זיי אין הויז אריין,

אַ געיעג

אז ער האָט אויף דעם שוין מעהר קיין רעכט ניט, ווען ער האָט דערהערט, אז מען רופט זיין מוטער „מאַדאַם ריוואַל", האָבען זיך זיינע פויסטען צוזאַמענגעדריקט פון ערגערניש און זיין האַרץ האָט שטורמיש געקלאַפּט. אין זיין קינדערשער נשמה האָט אויפגעוואַכט אַ שלעכטער געפיהל געגען דער דאַזיגער שטרענ־גער פרוי, וואָס האָט, ווי איהם האָט זיך געדאַכט, אָהן וועל־כער ניט איז אורזאַכע, אוועקגענומען פון איהם זיין פאַטער.

די אָרעמע מוטער האָט זיך דערשראָקען, ווען זי האָט דער־זעהן ווי דער זוהן באַציהט זיך צו איהר. זי האָט זיך אי־בערצייגט, אַז אַ געזעצליכע צושיידונג האָט ניט די קראַפט צו־צורייסען די בענדער, פּונקט אַזוי ווי דאַמאָלט האָט די גע־היימנים פון דער חתונה און די אָפיציעלע שבועה ניט געקענט צוזאַמענגיסען אין איינס צוויי פיינדליכע נשמות. אַ דער־שלאָגענע, אַ באַזיעגטע, האָט זי זיך צוואַויינט. — איהר געווי־סען איז ניט געווען ריין; איהרע טרערען האָבען אַ ביסעל באַרוהיגט דאָס אינגעל, זיי האָבען איהם געגעבען צו פאַרשטעהן, אַז אויב זיין מוטער ליעבט איהם ניט אַזוי, ווי איהם וואָלט זיך וועלען, ליעבט זי איהם אָבער אויף איהר שטייגער. דער פּלוצליכער טויט פון העקטאָר וויניאַלאַ, וואָס איז דער׳הרג׳ט געוואָרען דורך אַן אויטאָמאָביל, האָט זיי אַרויסגעפיהרט פון דער אָנגעשטרענגטער באַציהונג. אַנדרע האָט געגעבען פריי־הייט זיינע טרערען. פאַרזיכטיג האָט זיך די מוטער באַצויגען צו זיין טרויער. אָבער איהר האָט זיך פאַרט געוואָלט איהם אָבציהען אַ ביסעל פון זיין פאַרצווייפלונג: אפילו איהר האָט זיך איבערגעגעבען זיין טיעפער, אונהיילבאַרער טרויער, אָבער אין דער זעלבער מאָס, וואָס זי האָט זיך באַרוהיגט, האָט זיך אויך אַנדרע באַרוהיגט. זי האָט איהם אוועקגעפיהרט קיין באָרדאָ, וואו זי האָט געהאַט קרובים. זי האָט געהאָפט, אַז די רייזע וועט איהם אַביסעל צושטרייען און עס איז טאַקע אַזוי

נאָך ליעבע

געוועזן. זיי האָבען פארבראכט דאָרט א רוהיגען, גליקליכען חודש.

דער ברעג פון באַרדא איז געווען אן ענטפלעקונג פאַר איהם, דאס וואסער האָט איהם ענטדעקט זיין טעמפעראַמענט, די נע־בעלהאַפטע פּאַרלאַנגען, וואס האָבען געשטורעמט אין זיין אומ־רוהיג, פּופּצעהן־יעהריגער ברוסט. איינמאָל אין דער פריה האָט ער דערזעהן דאס אָנקומען פון א ווייטער גרויסער שיף, אויף וועלכער עס זיינען אָנגעקומען מענשען, וועמעס פּנים'ער זיינען געווען אבגעברענט פון דער זון פון ווארעמע לענדער. קוקענדיג אויף דער שיף האָט ער מיט אמאָל דערפיהלט די באַ־דייטונג פון דעם, וואס האָט איהם אפטמאָל אומרוהיג געמאכט, אָנגעפילט איהם מיט אן אונקלאָרער, ציטערדיגער שטרעבונג צו דעם, וואס מען האָט ניט געקענט אָננעמען מיט די הענט, אבער וואס איז געווען דער ציעל פון זיין לעבען, א ציעל נאָך דערווייל ניט קיין קלאָרער.

„איך וועל אויך אוועק אהין, אין דער ווייט, אומבאַדינגט אוועקפאָהרען"...

פאַרדעקענדיג דאס פּנים מיט די הענד, אָנשטרענגענדיג זיין גאַנצען ווילען, כדי זיך פארצושטעלען נייע בילדער, איז אַנדרע געשטאַנען לעבען זיין מוטער אויף דער דעק פון שיף, וואס האט זיי אוועקגעפיהרט פון באַרדא, אַהן ווערטער האָט ער געקוקט אויפ'ן הימעל, אויפ'ן וואסער, אויף דעם ווייטען, רו־היגען שטח, ער האָט זיך פארגעשטעלט א לעבען פול מיט וואונ־דער, די אונדערגרייכבארע האָריזאַנטען, צו וועלכע עס האָבען זיך אויסגעשטרעקט זיינע הענד. ער האָט געפיהלט דעם גאנצען כשוף פון דער מעכטיגער, בליהענדער יוגענד, ער האָט באַשלאָ־סען זיך אויך צו באַפרייען פון אונטער דעם ליעבען יאָך פון דער מאַדאַם ריוואַל, און איינאָרדנען זיין לעבען לויט זיינע פארלאַנגען; אבגעבען זיך צו דער קראַפט, וואס האָט איהם

אַ גע יעג

גענבויגען פאַראויס. די דאַזיגע קראַפט — האָט ער געפיהלט — איז איהם געקומען פון דעם גרויסען ריעז, וואס איז אין רוה איצט געשלאָפען אונטער אַ קליין בערגעל ערד אין דער געגענד, וואו ער איז אויסגעוואַקסען, געליעבט און געליטען.

אויפ׳ן צווייטען טאָג, נאָכדעם ווי זיי זיינען צוריקגעקור־מען קיין באַרדאַ, איז אַנדרע אַוועק זיך צו פאַרנויגען פאַר׳ן קבר, וואס ער האָט ליעב געהאַט צו באַזוכען איינער אַליין, פונקט אַזוי ווי ער וואָלט געוואָלט רעדען אויג אויף אויג מיט׳ן פאַטער, ווען ער וואָלט געלעבט. זיין באַשלוס איז געווען פעסט: איהם האָט זיך געוואָלט פאַרלאַזען דאַס קליינע צור־פריעדענע שטעדטעל. ער האָט פיינט געהאַט די באַוואוי־נער פון דעם שטעדטעל, וואס האָבען פון אונטער די פאַר־האַנגען נאָכגעקוקט די פאַרבייגעהענדע, וואס האָבען נאָכשפּיאָ־נירט יעדער קאַקעטישער מיידעל, וואס האָבען באַרעדט זייע־רע שכנים אונטער זייערע פּלייצעס. איהם האָבען זיך דער־עסען די שמאָלע געסלעך, די קליינע הייזלעך, וואו עס האָט זיך געצויגען זייער איינטאָניג לעבען.

פאָהרענדיג אַהיים מיט זיין מוטער, האָט ער שוין גע־בויט פּלענער פאַר דער צוקונפט. די אָרעמע פרוי האָט עפּעס געפיהלט, אַז זי ווערט געדראָהט פון אַ נייער געפאַהר, — אַזוי פאַרשלאָסען און פאַרטראַכט איז געווען דער פּנים פון איהר זוהן.

— פאַרשטעהסטו, מאַמע — האָט ער געזאָגט, ענטפערענ־דיג איהר אויף אַ געוויסער פראַגע, — איך גלויב, אַז עס איז שוין צייט פאַר מיר צו באַשטימען וואס איך זאָל טאָן. איך וואָלט וועלען שטודירען מעדיצין און דערנאָך אַוועק אין די קאָ־לאָניען...

דאָס איז געווען אַ גרויזאַמער קלאַפּ. הענריעטאַ האָט זיך געפיהלט פאַרמאַטערט, באַזיגט... העקטאָר׳ס אונרוהיגע

נאָך ליעבע

נשמה, וואס האָט שטענדיג געלעבצט נאָך צופאלען, האָט אויפגעלעבט אין איהר זוהן. געגען דעם זוהן האָט זי זיך געפיהלט אהנמעכטיג: פון דעם מאן האָט זי זיך אפגעזאָגט, אבער דער זוהן האָט זי אונטערטעניג געמאכט מיט זיין ווילען. זי האָט גע'חלומ'ט צו מאכען איהם פאר א בעאמטען, ווען עם זייגען פרעמד אלע לעבענס שטורמען, א בעאמטען, ווי עס איז געווען איהר פאָטער, ביי וועמען זי האָט אזוי גליקליך געלעבט, ווען זי איז געווען א קינד, א יונג מיידעל, אין דעם רוהיג הייזעל, וואס איז געווען באוואקסען מיט רויזען, אין וועלכען דאס לעבען האָט זיך געצויגען ווי איין גרויסער יום־טוב.

...זי האָט גע'חלומ'ט פון אזאַ לעבענס־אונטערגאַנג, וואָס זאָל זיין עהנליך אויף דעם מאָרגענשטערן פון איהר לעבען. זי האָט גע'חלומ'ט צו דערלעבען איהרע יאָהרען נעבען איהר זוהן, נעבען דער כלה, וואָס זי האָט געוואָלט אליין אויסקלויבען, און ביי די אייניקלעך, וואָס זי וואָלט אזוי פארגעטערט. וויעדער איז אלץ ארום איהר צופאלען!... איהר האָט ארומגענומען א שרעקליכער טרויער, וועלכען זי האָט פארבאָרגען, ווייל זי איז ניט געווען אים שטאַנד זיך געגענשטעלען אנדרע'ען.

אין אָווענד, ווען זיי האָבען זיך אהיימגעקעהרט און אריינגעגאַנגען אין גאָרטען אריין, זיינען זיי איבערראשט געוואָרען. אויף דער צווייטער זייט פון צאַם האָבען געטומעלט יונגע מיידלעך.

זיי האָבען אויפ'ן קול זיך דורכגערעדט און אלע מאָל האָבען זיך געהערט זייערע נעמען. דער געדאנק, אַז די דאָזיגע פלוידער־זעק וועלען וואוינען מיט זיי בשכנות, האָט אויפגערעגט אַנדרעע'ן. איינע פון די מיידלעך האָט איהם גלייך אויפ'ן אָרט געגעבען צו פארשטעהן אויף וויפיעל זיי וועלען זיך אריינרייסען אין זיין לעבען: איהר באַל איז געפאַלען צו די פיס פון דעם אינגעל, וואָס איז געשטאַנען אויף דער טעראַ־

אַ געיעג

סע. אַן אויפגערעגטער, האָט ער נאָך אַ ווײַלע נאָכטראַכטען אַ וואָרף געטאָן מיט'ן פוס דעם אונשולדיגען באַל.

עפּעס אַ הערר, ווי עס האָט אויסגעוויזען, דער פאָטער פון די מיידלעך, האָט זיך פאַרנויגט פאַר איהם.

שפּעטער האָט זיך אַנדרע ניט געקענט אָפּגעבען קיין רעכנונג, וואָס איז געוועזען די אורזאַכע, וואָס ער איז אַריבערגע־גאַנגען אויפ'ן רוף פון גאַסטאָן דעוורילעס און זשאָרזש פּעריע, צוויי אינגלעך, וואָס פלעגען זיך אַמאָל נאָך איהם נאָכשלעפּען און וועלכע האָבען זיך איצט געשפּיעלט מיט די מיידלעך אין די ווייסע קליידער, וועלכע דער ווינד האָט צואווהעט.

אָבער דעם פראַכטפולען בילד, וואָס די דאָזיגע פאַמיליע האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט, — דער פאַרטראַכטער פאָטער, וואָס האָט מיט ליעבע נאָכגעקוקט זיינע קינדער, די מוטער מיט די אונשולדיגע אויגען, די באָבע, וואָס האָט שמייכלענדיג געשטריקט אַ זאָק, — איז געוועזען באַשערט אויף אייביג זיך איינקריצען אין זיין זכרון און צייט און אָרט האָט עס ניט גע־קענט אָפּמעקען.

שווער איז געוועזען אַנדרע'ס קינדהייט, אָבער זיין יוגענד, די צייט פון ערנסטען לערנען, האָט זיך געצויגען רוהיג, פאַר־שידענאַרטיג און פרוכטבאַר; דער הערר בעריל איז געוואָרען זיין ערציהער, אַ געדולדיגער און אויפמערקזאַמער. אין אָוועָנד, ווען ער איז אַהיימגעקומען פון באַנק, פלעגט ער אַריינגעהן צום אינגעל אין צימער אַריין. ער האָט איהם געהאָלפען אין זיינע לעקציעס. ער האָט איהם געהאָלפען פאַרפערטיגען זיך צום עקזאַמען, פונקט ווי ער וואָלט געוועזען זיין זוהן. טיילמאָל האָט הער בעריל מיטגענומען איהם מיט זיך אין די פעלדער אַריין; אין די זומערדיגע נעכט, אונטער דעם פאַרשטערנטען הימעל, האָט ער מיט דעם אויפמערקזאַמען אַנדרע גערעדט וועגען דעם ענדלאָזען לעבען: ער האָט איהם ערקלעהרט ווי

נאָך ליעבע

וויכטיג עס איז צו זיין גוט. אנדרע האָט זיך געמיהט אויפצוהויבען זיך צו דער הויך, וואו ער וואָלט געקענט נאָכפאָלגען און דערגרייכען די נשמה, וואָס האָט זיך אוועקגעשאָנקען יעדערען, ניט פאָדערנדיג קיין דאנקבארקייט דערפאר און ניט באדויערענדיג עס. אריינקוקענדיג טיעפער אין דער נשמה, האָט ער דערזעהן דעם טרויער, וואָס איז געווען באהאלטען אין איהרע טיעפעניש׳ען. בעריל האָט שטענדיג געפיהלט ווי אונבאדייטענד זיין ווייב איז. און ער האָט מיט איהר חתונה געהאט בלויז דערפאר, וואָס זי איז געווען שעהן, עלעגאנט און גוט געבויט! אך, שטענדיג פארפיהרט די שעהנקייט! מיט וויפיעל איבערציינונג האָט ער אויף דעם אָנגעוויזען אנדרע'ען, ווי אויף א געפאהר צו וועלכער עס זיינען אונטערגעווארפען אלע יונגע לייט, וואָס ווערען פארבלענדט פון זייערע פארלאַנגען, אָנגעהמענדיג זיי פאר ליעבע. הערענדיג זיינע רייד, האָט אנדרע זיך דערמאָנט אָן אָפטע קריגערייען פון זיין פארשטאָרבענעם פאָטער און דער מוטער, וועלכע האָבען פארפינסטערט זיין קינדהייט; קיין איינער פון זיי האָט אפילו ניט געפרואווט צו וועלען פארשטעהן דעם צווייטען; די שטענדי געגענזייטיגע באליידיגונגען האָבען געשניטען זיין יונגע נשמה. בעריל, ווידער, האָט זיך אין גאנצען אָפגעגעבען מיט דער ערציהונג פון זיינע פינף טעכטער. ער האָט געהאָפט, אז זיי וועלען ווערען דער אידעאל, וועלכען ער האָט ניט געקענט דערגרייכען.

צו זעכצעהן יאָהר האָט מארי-לואיז ליעב געקראָגען דאָס לעבען מיט דער ליעבע פון א געזונטען מענשען. אָהן צביעות האָט זי געקוקט אויף די ליעבענדע פאָרען און אָהן געמאַכטער שעמעוודיגקייט האָט זי געוואָרט אויף דעם מאָמענט, ווען עס וועט קומען איהר רייהע אויסגעקליבען צו ווערען.

אָבער מיטאמאָל האָט פאסירט א קאטאסטראָפע, וואָס

אַ געיעג

האָט צוגישט געמאַכט אַלע האָפנונגען פון די דאָזיגע יונגע קינ־דער, האָפנונגען פול מיט פרייד און גלאַנץ: איינמאָל אין אַן אָוונט האָט מען אהיים געבראַכט דעם הער בעריל אַ טויטען פון אַ האַרץ־שלאַג.

אַנדרע, וואָס האָט זיך אין יענער צייט געפונען אין באָר־דאָ, וואו ער האָט שטודירט פאַר אַ קאָלאָניאַל אַרצט, איז גלייך אהיימגעקומען. מיט צוזאַמענגעדריקטע ליפען האָט ער פאַר־זיגעלט דעם לעצטען קוש אויף דעם קאַלטען שטערען פון דעם, וואָס איז געווען זיין גייסטיגער פאָטער.

בעריל האָט מען באַגראָבען נעבען אַנדרע׳ס אמת׳ען פאָ־טער.

מארי־לואיז׳ן, וואָס האָט געהאַלטען אין איין ציטערען, זשעני׳ן, וואָס האָט אומאויפהערליך געוויינט, און די איבעריגע שוועסטער, ביי וועמען די טרערען האָבען זיך געהאַלטען אין איין גיסען, האָט אַנדרע געקענט בלויז שטום דערלאַנגען די האַנד, ניט זייענדיג אים שטאַנד אויסצודריקען דעם טרויער, וואָס האָט צוזאַמענגעדריקט זיין האַרץ. ער האָט געטראַכט וועגען דעם גרויסען טרויער, וועגען די געפאַהרען, וועגען דעם קאַמף, וועגן אַלץ מיט וואָס זיינע קליינע פריינדינס, וועלכע האָבען אָנגעוואָרען זייער וועגווייזער, פאַרטיידיגער, פאָטער, וועלען זיך איצט טרעפען פנים אל פנים. אין גאַנצען אַ דער־שלאָגענע האָט מאַדאַם בעריל גענומען טראַכטען וועגען די אַלע אומגליקען וואָס האָבען איהר געטראָפען גראַד דאַמאָלט, ווען אַלץ האָט אויסגעזעהן אַם בעסטען. וואָס וועט איצט ווערען מיט זיי אַלעמען?

דאָס לעבען האָט ניט געגעבען אַנדרע׳ן קיין צייט צו־פיעל צו פאַרטראַכטען זיך אויפ׳ן שיקזאַל פון זיינע שכנות. ער האָט זיך געמוזט אומקעהרען קיין באָרדאָ כדי צו ענדיגען דעם קורס און שפּעטער מיט אַ דיפּלאָם אין קעשענע אַוועק־

נאָך ליעבע

פאָהרען אין די קאָלאָניען, וואו עס איז גראָד געווען אַ שרעקליכע עפּידעמיע פון געלען פיבער. ווען די עפּידעמיע איז שטילער געוואָרען, האָט ער געבעטען און באַקומען די ערלויבניש צו באַגלייטען די מיסיע, וואָס איז אוועק אין דעם האַרץ פון מיטעל אַפריקא.

פארכאַפּט פון דעם נייעם אָרט לעבען, זייענדיג פּנים אל פּנים מיט דער נאַטור, מיט וועלכער מען האָט געמוזט פיהרען אַן אייביגען קאַמף, האָט אַנדרע שוין זעלטענער דערמאָנט זיך אָן זיינע קליינע פריינדינס פון סען־מאָר, וועמעס טרויעריגע סילועטען האָבען איהם לאַנג נאָך פאַרפאָלגט אין די שלאָפלאָזע נעכט, אויפ'ן געלעגער אין זיין איינזאַמען געצעלט. די ערינערונג וועגען זיי האָט איהם אויסגעוויזען פאַר דעם שעהנסטען בלאַט פון זיין יוגענד.

דאָרטען זיינען זיך איינינע פאַרליעבטע פּאָרלעך צעגאַנגען, אַנדערע זיינען זיך צוזאַמענגעקומען אָהן וועלכע עס איז פאָרמאַליטעטען. די פרויען האָבען נאַכגעפאָלגט זייערע געליעבטע, קינדער זיינען אויסגעוואַקסען שטאַרקע, קיינער האָט ניט געוואוסט ווער זייער פאָטער איז; די חיות האָבען געפרעסען איינס דאָס צווייטע, מענשען האָבען גע'הרג'עט מענשען... און ניט קוקענדיג אויף דעם אַלעם, האָט דאָס לעבען געשלאָגען ווי אַ קוואַל. קרעכצען, געלעכטער, טרעהרען און קללות האָבען זיך געמישט צוזאַמען כדי צו באַפעסטיגען דאָס קעניגרייך פון קראַפט און לעבען.

און דאָרט, אויף יענער זייט ים, האָבען פינף מיידלעך זיך ארויסגעשלאָגען פון די כחות קעמפענדיג דעם גרויזאַמען קאַמף פאַר עקזיסטענץ. אַנדרע, אין היץ פון קאַמף, האָט מיט אַ פילאָזאָפישער גלייכגילטיגקייט געקוקט איצט אויף דער פּראָבלעם, וועלכער יעדער פון די פינף מיידלעך איז אויסגעקומען דאָרט צו לעזען לויט איהרע קרעפטע און טעמפעראַמענט.

אַ געיעג

אומזיסט איז מאַדאַם ריוואַל געווען אונרוהיג, דאָס לעבען איז שטאַרקער פון אַלעמען! נאָך פיער יאָהר שווערע מיה און אַרבייט, קאַמפען, עראָבערונגען, האָט זיך די מיסיע אומגעקעהרט קיין פּאַריז, מיטברענגענדיג מיט זיך אַ גאַנצע רייה וויכטיגע ערפינדונגען. אמת, דאָס האָט געקאָסט דאָס לעבען פון אַ פּאָר חברים! אָבער דאָך, ווען עס איז ערשינען אין אַ באַדייטענדען ליטעראַרישען זשורנאַל די געשיכטע פון דער מיסיע, וואָס איז געשריבען געוואָרען פון איינעם פון די טייל נעהמער מיט אַ שפּראַך פול מיט באַגייסטערונג, האָט עס אַרויסגערופען אַ פוראָר. באַגריסט פון דעם מיניסטער, אַרומגערינגעלט מיט דער חניפה פון די זוכער פון שטאַרקע איבערלעבונגען, האָט זיך אַנדרע אָפּגעגעבען צום ערשטען מאָל אין זיין לעבען צו דעם פריידיגען און נייעם פאַר איהם געפיהל פון פרויען־פאַרגעטערונג. ער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן נאָך פאַרגעניגענס, ער איז אַנטקעגען געגאַנגען יעדען גענוס. ער איז איבערגעגאַנגען פון אָרעמס צו אָרעמס, צוגעהנדיג זיך פונקט אַזוי לייכט ווי ער איז זיך צוזאַמענגעקומען. מען האָט איהם געקענט באַגעגענען אין לאַטייניש׳ען קוואַרטאַל, וואו ער איז געווען אַרומגערינגעלט פון אַ מחנה פרויען, וואָס פאַרקויפען זיך. די פרויען פון דער אונטערוועלט, וואָס האָבען אַזוי ליעב צו באַטראַכטען די פּאָרטרעטען אין די אילוסטרירטע זשורנאַלען, זיינען ענטציקט געוואָרען פון זיין פאַרברענט געזיכט, פון זיין ענערגישען פּראָפיל. אַ געוויסע צייט האָט ער זיך פאַרגעסען אויף אַ ווייל ביי דער זייט פון איינער, אָבער אַ געוויסער רוס, האָט זי אַוועקגעפיהרט קיין מאָסקווע.

די דאָזיגע מיידעל פון דער אונטערוועלט האָט איהם דערמאָנט די פינף מיידלעך פון סען־מאָר, וואָס האָבען געאַרבייט איבער׳ן מושלין. ער האָט זיך דערמאָנט דאָס גרינע וואַסער פון דער מאַרן. אין אַנדרע׳ס נשמה האָט זיך אַריינגעגנב׳עט

נאָך ליעבע

א באדויער און דערנאָך — געוויסענסביסע: א פאר'שכור'טער פון גליק, האָט ער די ערשטע צייט קוים באמערקט די קליינע פריינדינס פון זיין יוגענד. בלויז איין מאָל, אין אן אין־דער־פריה, האָט ער זיך איבערגעביטען מיט א לייכטען נויג מיט די עלטערע צוויי שוועסטער און מיט דער מוטער.

זיי האָבען זיך געאיילט אוועקפיהרען ארבייט קיין פאריז. ארומגענומען פון א טרויער, האָט אנדרע ניט געוואגט א קוק צו טאָן אויף מארי־לואיז, וועלכע האָט איהם אויסגעזעהן אזוי ריהרענד אין איהר דונקעלען קלייד. זשעני, א ראָזע און א גאָלדלאָקיגע, האָט א שמייכעל געטאָן צו איהם, ווען זי איז אריין אין דער טיר פון וואגאָן. די אלט געוואָרענע מאדאם בעריל האָט אויסגעזעהן צו זיין גאנץ גלייכגילטיג.

אויף דעם פארלאנג פון זיין מוטער, האָט אנדרע ניט אויפגעפרישט זיין אלטע באקאנטשאפט מיט זיינע שכנות; און געוועזן איז ער פאר'שכור'ט פון קושען, וואָס האָבען זיך גע־וואָרפען אויף איהם פון אלע זייטען און וועלכע האָבען איהם אוועקגעשלעפּט אין קאראהאָד פון זינליכע פארגעניגענס. קו־מענדיג צו זיך פון אזוי פיעל פרויען־צערטליכקייט, מיט וועלכע ער איז שוין געווען איבערזעטיגט, פלעגט ער אָפט ליבערשט פארבלייבען אין דער היים; א פארוויעגטער פון דער ארומיגער שטילקייט, האָט ער זיך אָפּגעגעבען צו ערא־ינערונגען, וואָס האָבען אויפגעפלאַמט אין זיין הארצען. בעריל'ס פארטראכט געזיכט האָט זיך איינגעבויגען איבער איהם, אין אנדרע'ס אויערען האָבען געקלונגען ווערטער, וואָס זיינען געווען פול מיט פייערליכע געדאנקען. עס האָבען זיך פארבייגעטראָגען פאר איהם פארשידענע בילדער. אויף דער טעראסע האָט דער שעה־נער אָפיציר זיך ווידער דערפיהלט אלס דער אינגעל פון די אמאָליגען יאהרען. דער פלויט איז געשטאנען אויף זיין פרי־יערדיגען פּלאַץ... ער איז איינמאָל איבער איהם אריבערגע־

אַ גײעג

שפּרונגען, אין דער צייט, וואָס די גאַנצע פאַמיליע בעריל איז געווען אין הויף.

זיי האָבען איהם באַגעגענט ווי אין די אַמאָליגע יאָהרען, מיט אויסגעשרייען. סעלינא האָט זיך אַ וואָרף געטאָן איהם אויפ׳ן האלז. רויט ווערענדיג, האָט זשעני איהם איבערגע־[illegible]עט, אַז גאַסטאָן דעווירלעם גרייט זיך צום עקזאַמען. ראָזא און לעאָני האָבען אונענטשלאָסען געקוקט אויף איהם און אַ ביסעל זיך גע׳חנ׳ט פאַר איהם. זיינען דאָך ביי איהם אַלע קער־שענעם געזען פול מיט קליינינקייטען פון די עקזאָטישע ליצנ־יער.

מאַרי־לואיז איז געווען אַזוי הויכמוטיג־עלעגאַנט; עפּעס אַ קוים באַמערקבאַרער טרויער איז דורכגעלאָפען איבער איהרע דינע ליפּען, ווען זי האָט אַ שמייכעל געטאָן. אָבער איהרע פּראַכטפולע אויגען, די פאַרנעבעלטע און טרויעריג־איראָנישע, זיינען געווען פול מיט צערטליכקייט.

די באָבע און די מוטער זיינען צופריעדען געווען ווידער אַ מאָל צו זעהן אַנדרע. ער איז ווידער אין דעם הויז געוואָרען דער עלטערער חבר, ברודער, דיענסטפאַרטיגער ריטער, ווי ער איז עס אַמאָל געווען פאַר די טומעלדיגע מיידלעך, און ווען דער [illegible]רלויב האָט זיך געענדיגט און ער האָט געמוזט אַוועקפאָהרען אין מאַדגאַסקאַר, איז איהם געווען גאַנץ שווער צו צושיידען זיך מיט אָט דעם קליינעם פרויען־וועלטעל.

זעהר פריינדליך איז געווען דאָס געזעגענען זיך: די שוועס־טער האָבען איהם צוגעזאָגט צו שרייבען אין אַ כראָנאָלאָגישער אָרדנונג אַלע שטאָדטישע נייעסען, ניט פאַרדעבט־ענדיג, אַז מאַדאַם ריוואַל, כאָטש זי האָט געלעבט אַזוי אָפּגעזונדערט, האָט עס שוין פון לאַנג געטאָן... אַן ארבייט, וואָס עס איז איהר ניט באַשערט געווען לאַנג צו פיהרען. דערשלאָגען פון דער איינזאַמקייט, אַ שוואַכע און אַ פאַראיינזאַמטע, איז זי איינ־

נאָך ליעבע

מאָל אין אַן אָוונד שטיל איינגעשלאָפען, אוועקגעהענדיג פון לעבען פונקט אזוי שטיל ווי זי האָט געלעבט, אָהן דעם מאַן, אָהן דעם זוהן.

ווען אנדרע איז דאָס צווייטע מאָל אהיים געקומען, נאָך דעם ווי ער האָט דריי יאָהר פארבראכט אויף דעם גרויסען איינזעל, האָט שוין זיין מוטער געהאט פון לאנג געשלאָפען מיט'ן אייביגען שלאָף נעבען איהר מאַן, מיט וועלכען, מעגליך, זי האָט שלום געמאכט.

אנדרע האָט זי דערפיהלט איינזאם, פאלשטענדיג איינזאם.

ער איז אלט געווען דרייסיג יאָהר. א טרויער האָט איהם באהערשט. מעכאניש, ניט טראכטענדיג פיעל, איז ער אוועק אין דעם שכנישען הויז. זיין אייגען הויז, איז געווען צו פוסט, ער האָט געמאכט אויף אנדרע דעם איינדרוק פון א קבר, וועמען די נאטור האָט באדעקט מיט א נעץ פון געוויקסען, פול מיט ווילדער קראפט.

ניט לאנג טראכטענדיג, האָט אנדרע גענומען די „גוטע אמעריקאנערינס„ פיהרען אין די פעלדער אריין, איבערלאָזענדיג אז די צייט זאָל ערקלערען, וואָס איז דאָס געווען פאר אומרוה, וואָס האָט זיך אויפגעהויבען אין זיין הארץ, אין דער שטילקייט פון זיין הויז, וואו עס האָט זיך ניט געהערט דאָס רוישען פון ווייבערישע קליידלעך.

.4

שטעהענדיג ביי דער שוועל, האָט אנדרע געלאכט פון די אויפגערעגטע מיידלעך: מארי־לואיז און זשעני האָבען זיך

אַ געיעג

געקליבען ארויסצושפּרינגען פון פענסטער, נאָר אנדרע'ס שטי־מע האָט זיי געמאכט פארגליווערט ווערען אויפ'ן פּלאַץ.

— נו, גיבער, אויב איהר ווילט אז איך זאָל אייך היינט נעמען פריהשטיקען.

אַנדרע האָט זיך געמאכט, אז ער זעהט ניט, ווי די צוויי אינגערע שוועסטער קאָקעטירען. זיי זיינען אלץ פאַרבליבען אין צימער און געדרעהט זיך פּאַר איהם מיט צולאָזטע האָר, געדריקט זיך איינע צו דער צווייטער, כדי ער זאָל זיי קענען זעהן פון אלע זייטען.

— אויב איהר, איהר אלע פינף, וועט ניט זיין אָנגעטאָן, אָם שפּעטסטען אין א האלבע שעה ארום, וועל איך אייך ניט מיטנעהמען...

ער האָט ניט באוויזען צו ענדיגען זיינע ווערטער ווי דאָ־זא און לעאָני האָבען זיך צוקוויטשעט אין קאָרידאָר:

— מאַמאַ, אנדרע איז געקומען נאָך אונז, ער וויל אונז נעמען פריהשטיקען; קום ארונטער און מיר וועלען ארויס־געהן זיך אָנטאָן.

עס האָט זיך דערהערט א קלאנג פון טריט איבער די טרעפּ דערנאָך די וויינענדיגע שטימע פון מאדאם בעריל, וואס האָט געפרעגט, צי די ארבייט איז געענדיגט.

דער גרעלער הונד, דאָרע, האָט די האלב־פאַרמאכטע טיר א שטופּ געטאָן מיט דער מאָרדע און מיט א פריידיגען בילען זיך א ווארף געטאָן אויף אנדרע.

— אָהאָ! די מאמע איז ניט ווייט, אָט איז שוין דאָרע, — האָט מעכאניש באמערקט מארי־לואיז, בלויז כדי צו זאָ־גען א פּאָר ווערטער, ווייל זי האָט ניט געוואוסט ווי אזוי זיך ארויסצושארען פון צימער מיט דעם צולאָזענעם קאָפּ, וואס האָט איהר צוגעגעבען דעם אויסזעהן פון א יונג, אונשולדיג מיידעל.

נאָך ליעבע

מאַדאַם בעריל איז אַריינגעקומען אין צימער מיט אַ הויב אויף דער פּויסט. זי האָט דערלאַנגט אַנדרע די האַנד און פאַרזאָרגט געוואָרפען אַ בליק צום אַרבייטס־טיש. איבער איהר פאַרזאָרגטען פּנים איז דורכגעלאָפּען אַ שמייכעל: גיט קור־קענדיג אויפ׳ן געלעכטער, קריגערייען און געשרייען, האָבען די יונגע מיידלעך פיעל אַרבייט אויפגעטאָן.

— ניט אמת, איהר וועט מיר ערלויבען זיי מיטצונעמען נאָך אַמאָל מיט זיך? דאָס איז דער לעצטער שפּאַציר פאַר מיין אָפּפאָהרען, — האָט געזאָגט אַנדרע אין דער צייט, וואָס מאַדאַם בעריל האָט פאַרזיכטיג געפּאַקט אין גרויסע שאַכטלען די אַרבייט פון די דאָזיגע טומעלדיגע מיידלעך.

— יאָ, געוויס! פון גאַנצען האַרצען ערלויב איך עס אייך! פון דער פריה אָן מאַכען זיי מיך טויב מיט זייערע געשרייען! צום גרויסען פרייד פון ראָזע׳ן און לעאָני׳ן האָט זיך נאָך היינט די קאַץ אָפּגעקעצעלט און עס איז מיר אָנגע־קומען מיט גרויס מיה זיי אַרונטערצושלעפּען צו דער אַר־בייט! עמיץ האָט געעפענט די טיר פון דער אויבּים שטייג און זי האָט דאָ אַלץ צעוואָרפען. פון דער פריה אָן איז אין צימער אַ שרעקליכער טומעל! זיי זיינען פאַררוקט געוואָ־רען! באמונות, מען קען מיינען, אַז ביי זיי אין די קעפּ האָט זיך עפּעס איבערגעדרעהט.

עס איז אַריינגעקומען סעלינאַ מיט אַ גרויסען פאַרטוך, וואָס האָט פאַרדעקט איהר אַרויפגעשאַרטע קלייד. זי האָט זיך צעשמייכעלט הערענדיג דער מוטער׳ס לעצטע ווערטער און צו־געלייגט:

— אודאי דרעהען זיך ביי אונז די קעפּ, עס איז זעלבסט־פאַרשטענדליך! מיר זיינען יונג, דערפאַר זיינגען מיר, טומ־לען מיר און מיר קענען ניט זיצען אויף איין אָרט! זאָגט אַליין, אַנדרע, זיינגען מיר ניט גערעכט?

אַ גערעג

און די לויכטענדע סעלינאַ איז פאַרביינגאַנגען אַנדרע און איז צוגעקומען צום פענסטער, וואו עס האָבען זיך געפור־נען זשעני און מאַרי־לואיז; סעלינאַ האָט באמערקט, אַז ביי־דע שוועסטער שעמען זיך מיט זייער נעגליזשע.

— ווי נאַריש איז דאָס, מאַרי־לואיז! עס איז אַ רחמנות אויף דיר צו קוקען. פיהר זי אוועק, זשעני; איהר זייט ביידע קאָמיש.

שטעהענדיג נעבען מאַדאַם בעריל, האָט אַנדרע פון דער זייט באַטראַכט די יונגע מיידלעך; אין זיין נשמה האָט אויפ־געפלאַמט אַ פרייד געמישט מיט נעלעכטער, זעהענדיג ווי מאַ־רי־לואיז האָט אַ ציטערדיגע געשאָקעלט איהר לאַנגען צאָפּ.

— אָט זעהט איהר אליין, אַנדרע, איהר זייט ארונטער־געפאַלען צו אונז, ווי אַ דונער פון קלאָרען הימעל! מאַרי־לואיז איז ממש פאַרשטיינערט געוואָרען! צווישען אונז רעדענדיג, ווייס איך ניט פאַר וואָס זי בעאונרוהיגט זיך אַזוי! איז עס דאָך ניט דאָס ערשטע מאָל, וואָס איהר האָט זי געטראָפען ניט אין גאַנצען אָנגעטאָן! ניט אמת?

ניך, ווי אַ פייל, האָט זיך מאַרי־לואיז דורכגעשאַרט פאַר־ביי אַנדרע אין איהר עמוואס צו שמאָלען מאַרגענראָק, וואָס האָט ענג ארומגעכאַפּט איהרע פיס און איהר ברוסט און אַרויס־געבראַכט, אונבאַוואוסט פאַר איהר אליין, די רונדע פאָרמען פון איהר קערפּער.

— בלייבט דאָ, אַנדרע, און איך וועל אַרויפגעהן אין דער הויך — האָט געזאָגט מאַדאַם בעריל, פאַרמאַכענדיג דעם לעצ־טען שאַכטעל.

— ביז איך וועל אויסרויכערען די סיגאַר, דאַרפען זיי זיין פאַרטיג — האָט אַנדרע אָפּגעענטפערט. — ערלויבט איהר מיר דערווייל זיך דורכשפּאַצירען אין גאָרטען?

ניט וואַרטענדיג אויף קיין ענטפער, איז ער אַרויסגע־

נאָך ליעבע

שפרונגען דורכ'ן פענסטער: דאָס איז געוועזן דער נאָהענטסטער וועג אין גאָרטען אריין. צווישען די וואונדערליך צעוואקסענע קוסטען און דער אלטער וואנד, וואס איז געוועזן אין גאנצען באוואקסען מיט עפיי און אנדערע זיך ציהענדיגע געוויקסען, האָבען די מיידלעך אויפגעבויט א בלומענבעט איבער דער האלב איינגעפאלענער באנק. דאָס שאָטענדיגע ווינקעל איז אין גאנצען איינגעהילט געוואָרען פון בלומען. אנדרע האָט זיך געזעצט אין דער האלב־דונקעלהייט און פאררויכערט א סיגאר. צוזאמען מיט דעם בלויען רויך האָט ער מיט פארגעניגען איינגעזאפּט אין זיך דעם לייכטען ווינטעל, וואס האָט זיך דורכגעריסען צו איהם דורך די געדיכטע געוויקסען.

פון דער צווייטער זייט פון צאָם האָט זיך געהויבען דאָס קליינע פארלאזענע טורעמעל פון זיין אייגען הויז. ער האָט שוין פון לאנג באפוילען ארונטערצוהאקען די פליגלען, אָט די שווארצע הענד, וואס האָבען זיך געצויגען צום הימעל און אין זייער אונבאוועגליכקייט האָבען זיי איהם אויסגעזעהן, ווי שלוחים פון אומגליק. דאָס הויז האָט, א דאנק דעם, אויסגעזעהן, ווי א קאַליקע. אנדרע האָט געזעהן זיין באַלקאָן, אין דער לענג פון וועלכען עס האָבען געוואקסען אין אונאָרדנונג געווירסע רויזען; ער האָט געזעהן די טעראסע, פון וועלכער ער האָט צום ערשטען מאָל דערזעהן אין דערבייאיגען סאָד די מיידלעך... קלייניקע מיידלעך, וואס האָבען זיך פרעהליך געשפּיעלט, זייער אין זיך פארשלאָסענעם פאטער, די שמייכלענדע מוטער, די באָבע...

ווי ווייט איז שוין דאָס אלעס! ווי זיינען פון יענער צייט אויסגעוואקסען די מיידלעך. ווי האָט זיך אלץ געביטען! בלויז די נאטור בלייבט אייביג יונג.

מיט טרויער אין הארצען האָט אנדרע געטראכט וועגען

אַ געיעג

דעם, אַז איהם קומט אויס נאָך אַמאָל איבערצולאָזען די דאַ־זיגע באַקאַנטע אומגעבונג, ווידער אַמאָל זיך צו לאָזען אין ווייטע, הייסע לענדער, וואו די מעלאַדישע שטימען פון די מיידלעך וועלען מעהר ניט צערטלען זיין געהער, וואו פרויען געשטאַלטען וועלען מעהר ניט אויפשיינען אין זיין גרענעצ־לאָזער איינזאַמקייט און בלויז אַזוינע פרויען, וואָס זיינען עהנליך אויף צויגען, וועלען זיך אַרומשלעפען אַרום זיין געצ־צעלט. ווארום האָט ער אַזוי נאַריש פערשווענדט די צייט פון זיין איצטיגען אורלויב? פאַר וואָס האָט ער אַזוי פריי־געלאָזען זיינע פערלאַנגען, ווארום האָט ער אַזוי פרוכטלאָז פערלאָרען די צייט מיט דער אויסוואורף סעלעסטאַ, וואָס האָט איהם פארפיהרט מיט דער ווייסען הויט פון איהר לייב? איהם איז אויסגעקומען פאַרלאָזען די היים, ניט אַפגעבענדיג זיך אַ רעכנונג וועגען דער צוקונפט זיינער, וואָס האָט איהם איצט אַזוי געשראַקען.

די געוואַלדען, וואָס ראַזאַ האָט געמאַכט זוכענדיג איהר ליפּטשיק, האָבען איהם אַרויסגעבראַכט פון זיין פאַרטראַכט־קייט. אונטער די פאַרהאַנגען פון די האַלב־פאַרמאַכטע פענס־טער האָבען זיך פון איין צימער אין צווייטען געשאַרט לייב־טע שאַטען. אַנדרע האָט זיך פאַרגעשטעלט אין דער פאַנטאַ־זיע, ווי אַלע פינף, האַלב נאַקעטע לויפען דאָרט אַרום, פאַר־טשעפּענדיג איינע די צווייטע מיט די עלענבויגענס. דאָס שפּריצען פון וואַסער האָט אין זיין קאָפּ אַרויסגעבראַכט דאָס בילד פון דער אויסגעטונער מאַרי־לואיז, שטעהענדיג אונטער׳ן טוש, וואָס זי האָט, לויט זיין עצה, גענומען אַלע טאָג: איהר פראַכטפולער קערפּער מוז געווים אויפציטערען אונטער דעם קאַלטען שטעכיגען שטראָם, וואַסער. אַנדרע האָט זי געזעהן, זי, די בלייך פּנים׳דיגע און די שוואַרצע ווי נאַכט, האָר, וועלכע ער האָט טיילמאָל ליעב געהאַט פאַנאַנדערצולאָזען, כדי

נאָך ליעבע

צו זעהן ווי די בויגיגע פיגור ווערט געגלעט פון שווארצע שטראמען.

אנדרע האָט ווידער גענומען פאנאנדערצונעמען ביי זיך אין קאפ די אלע ניט קלאָרע פלענער, וואס ער האָט געהאט וועגען זיין צוקונפט. עס איז צייט געווען צו באשליסען זיך, עס איז צייט געווען אויסצוקלייבען זיך א פרוי, וואס וואלט אין איהרע הענד גענומען זיין שיקזאל, וואלט איהם געבאָרען קינדער, וואס וואלטען פארטגעזעצט זיין שטאם.

אבער ווי קען מען זיך איבערציינען, אז דו געגארסט זיך ניט, אז די פריינדין, די פרוי, די ערליכע חוה וועגען וועלכער דו חלום'סט, וועט דיר זיין אן אמת ווייב, א געליעבטע, איבערגעגעבענע באגלייטערין אויפ'ן גאנצען לעבען? ווער קען וויסען, אז דאָס געפיהל, וואס ציהט צו איהר איז ניט בלויז דער פארלאנג וואס איז אויפגעוועקט געווארען מיט א פערזאן פון צווייטען געשלעכט! קען דען א יונג מיידעל פאראויס באשטימען, צי די אויפרעגונג, וואס זי פיהלט, ווען זי איז נעבען איהר חתן, — איז אמת'ע ליעבע און ניט בלויז די נייגערינקייט פון געשלעכט, וואס איז אויפגערעגט געווארען פון דער ערשטער נאָהענטקייט מיט א מאן?

אזוי האָט געטראכט אנדרע, און אין זיין פאנטאזיע איז אויפגעשטאנען דאָס בילד פון מארי־לאויז, וואס האָט פארמאכט איהר פענואר כדי צו פארשטעלען פון איהם איהר ברוסט.

וואו איז דאָס מיידעל, וואס וועט מיר פארטרויען זיך צורוקען צו איהם, וועט זיך אפגעבען אהן רעכנונג, אהן היינטער געדאנקען, בלויז דערפאר, וואס זי וועט איהם האלטען ווירדיג פאר איהר ליעבע, בלויז דערפאר, וואס ער איז ריין, געזונט, שטארק! א, מיט וויפיעל ליעבע וואלט ער צוגעדריקט

אַ געיעג

צו זיין הארצען דעם אוצר — אן אומשולדיג מיידעל, וואס וואלט זיך איהם אפגעגעבען פריי, באוואוסטזיניג.

אַנדרע, וואס איז געווען צוגעוועהנט צו באטראכטען דאס אונאויפהערליכע פרוכטפערען זיך פון דער ערד און פון ראסען, האָט געפיהלט עפּעס אן ערנידערונג אין דעם, וואס מען האָט פון איהם געפאָדערט, אז אייהער ער נעמט זיך א ווייב דארף ער געבען עפּעס פארפליכטונגען. אַנדרע׳ן האָט זיך געדאכט אז די חתונה איז א סימן, אז מען האָט ווייניג צוטרויען צו איהם; די עפענטליכקייט פון דער חתונה צערעמאָניע האָט אַנגעריהרט זיין צניעות; די צווייטיגע באמערקונגען, וואס זיינען גיט זעלטען געפאלען, ווען די כלה האָט זיך באוויזען אין איהר שניי־ווייסען קלייד, האָבען איהם שטענדיג באליידיגט. ער האָט אין דער חתונה געזעהן א פראָפאַנירונג פון יענעם מאָמענט, ווען א מיידעל, אויפגעריהרט ביז דער טיפע־ניש פון איהר הארצען, גיט זיך אפּ. אַנדרע׳ן האָט זיך גע־וואלט, אז די וואס ער וועט אויסקלייבען, זאָל אליין, מיט אַ ליכטיגער נשמה, א פרייע, אפּזאגענדיג זיך פון אלע פאָראור־טיילען, איהם שענקען די פרייד פון אָט דער רגע, — שענקען מיט דער זיכערהייט אין זיין ליעבע, מיט דער זיכערהייט, אז בלויז אָט די ליעבע איז גענוג — און מען דארף ניט קיין שום באשיצונג פון געזעץ, כדי צו פארזיכערען זייער פארבינדונג.

פאר וואס האָט מארי־לואיז מיט איהר שכל ניט פאר־שטאנען, וואס עס קומט פאר אין אַנדרע׳ס אומרוהיגע נשמה, וואס איז כאָך געווען פול מיט טרויעריגע עריגערונגען וועגען זיין קינדהייט, וואס איז פאר׳סם׳ט געווארען פון דער געגענ־זייטיגער שנאה צווישען זיין פאָטער אוי מוטער? מארי־לו־איז האָט איהם לייכט געקענט באהערשען, ווען זי וואלט זיך איהם אפּגעגעבען. איהר זיינען געווען באקאנט זיינע אנ־שויאונגען, זי האָט געוואוסט, אז איהם זיינען נאָהענט פרייע

נאָך ליעבע

פארבינדונגען, וואס האלטען זיך אויפ'ן ווארט, וואס איינער האָט דעם צווייטען געגעבען. אנדרע האָט געגלויבט, אז פרייע פארבינדונגען זיינען מעהר מאָראליש, ווי די, וואס זיינען גע־הייליגט געווארען פון די געזעצען פון חתונה, וואס האָט אפט פארבונדען א יונג מיידעל מיט א זקן. מארי־לואיז האָט דאס אלץ געוואוסט און דאָך איז זי געבליבען שטום, צוריקגעהאל־טען אין דער צייט, וואס איהרע שוועסטער האָבען אזוי פרעה־ליך גערוישט ארום איהם.

„אפשר איז דאָס בלויז קאָקעטעריי?" — האָט זיך אנ־דרע אליין געפרעגט. און ער פון זיין זייט האָט געווארט אויף עפּעס, וואס זאל ארויסברענגען אָפען דעם באהאלטענעם נשמה געפיהל פון דעם מיידעל. מעגליך, אז זי זעהט בלויז אין אנדרע א מיטעל צו באפרייען זיך פון דעם שווערען לעבען, וואס דריקט אזוי אויף די מיידלעך, אז זיי זיינען גרייט צו טאָן אלץ, אבי נאר זיך צו באפרייען פון דעם האזיגען יאָך.

אנדרע האָט געפיהלט, אז אויף איהם זיינען גרייט א ווארף צו טאָן זיך אלע פינף שוועסטער. ראָזא און לעאָני, ניט קוקענדיג אויף זייער געמאכטער קאָמישקייט, האָבען קיינ־מאָל ניט דורכגעלאזען א צופאל ארויסצואווייזען פאר איהם זייערע שמעקענדיגע האָר, זייערע בריסט און רייצען איהם. מעגליך, אז אויף איהם האָבען זיי זיך געלערענט די ראלען, וואס זיי האָבען זיך געקליבען שפּיעלען פאר אנדרע. אפילו סעלינא, האָט אויסגענוצט אלע מיטלען צו בלייבען מיט איהם אויג אויף אויג. דאס איז געווען דאָס לעצטע מאל ווען ער איז געווען אויף אורלויב. זי האָט אויסגענוצט א מאָמענט, ווען די מוטער און די עלטערע שוועסטער זיינען געווען אין פאריז און די אינגערע זיינען נאָך דאמאלס געגאנגען אין פאנ־סיאָן. אנדרע האָט ניט געהאט קיין אנדער מיטעל צו באַ־פרייען זיך פון איהר נעץ, ווי צו אנטלויפען, ווייל ער האָט

אַ גע־יעג

ניט געוואָלט פאַרבינדען זיין לעבען מיט אַ חיה'לע, וואָס וואָלט ניט באַפרידיגט די פאַרלאַנגען פון זיין נשמה. בלויז זשעני איז געווען די איינציגע פון די שוועסטער, וואָס האָט קיינמאָל ניט קאָקעטירט מיט איהם. זי האָט זיך באַצויגען צו איהם ווי צו אַ חבר, ווי מיט אַן עלטערען ברודער, צו וועלכען מען קען זיך ווענדען פריי, אומבאַצוואונגען.

יא, מאַרי־לואיז איז געווען די איינציגע רעטעניש, וואָס מען האָט געדאַרפט לעזען, זי איז געווען די איינציגע נשמה, וואָס איז פאַרגעשטאַנען צו באַזיגען, זי איז געווען דער ריינער בלאַט, אויף וועלכען ער איז גרייט געווען פאַרשרייבען זיין נאָמען, אויב ער וואָלט זיך נאָר געעפענט פאַר איהם.

5.

...מיט אַמאָל האָט אַרום אַנדרע גענומען רוישען אַ גאַנצע מחנה פייגעל, וואָס מען האָט אַרויסגעלאָזט אויף דער פריי! אַלע פינף האָבען זיך אַראָפגעלאָזען שטיל, כדי איהם צו איבערראַשען. זיי האָבען פון אונטער די פאַרהאַנגען באַמערקט, אַז ער זיצט פאַרטראַכט, מיט אַ צעשטרייטען בליק און האַלט אין דער האַנד אַ פאַרלאָשענעם סיגאַר. קלאַנג־לאָז זיינען זיי דורכגעגאַנגען דעם קאָרידאָר און אַ וואָרף געטאָן זיך אויף דער באַנק און גענומען ציפּען איהם. לאַכענדיג איז אַנדרע אויפגעשפּרונגען אויף די פיס און די מיידלעך, אָפּטרעטענדיג פון איהם, האָבען זיך גענומען פאַר די הענד און אָנגעהויבען זינגען אַ קינדיש ליעדעל.

נאָך ליעבע

זיי האָבען געזונגען און געדרעהט זיך, געטומעלט. זיי זיינען געווען פאַר׳שכור׳ט פון זייער יוגענד, פון דעם באַוואוסטזיין פון זייער שעהנהייט, פון דעם באוואוסטזיין, אז זיי פאַר׳שכור׳ען אויך אנדרע׳ן מיט דעם וואוילגערוך פון זייערע פרישע לייבער, מיט די צערטליכע נואַנסען פון זייער הויט, מיט דער רויטקייט פון זייערע ליפען, אונטער וועלכע עס האָבען ארויסגעגלאַנצט שטאַרקע און שאַרפע, ווי ביי חיות, ציין.

מיט אויפגעפלאַמטע אויגען האָט אַנדרע אויסגעשפרייט צו זיי זיינע הענד. א לייכטע פאַרב האָט זיך באוויזען אויף זיינע באַקען. איהם האָט זיך געדאכט, אז ער איז דער מעכטיגער פאַן, וואס פארשלעפט מיט זיך אין דער טיעף פון שאַטענדיגע וועלדער, אין דעם טיפען שאָטען פון קיינמאָל ניט באַטראַטענע וועלדער פינף פאַר׳שכור׳טע פעען. דאָרט וועט ער מיט אַ הערשער באוועגונג ארונטערוואַרפען פון זיי זייערע קליידער, מיט גוואַלט באַהערשען זייערע צערטליכע לייבער, מיט זייער גאַנצען וועזען.

א פאַר׳שכור׳טער, אַ שווייגענדיגער האָט אַנדרע ניט אראָפּגעלאָזען די אויגען פון די שוועסטער. ער האָט דערזעהן עפּעס ציטערדיגעס אין מארי־לואיז שוואַרץ־אַפּעל, וואס איז היינט געווען מעהר אויפגעלייגט, ווי געוועהנליך. לעאָני׳ס גיכע אייגלעך האָבען אזוי ווי אויסגעטאָן דעם יונגען מאָן, ארומגעלאָפען איבער זייער ברייטער ברוסט. סעלינאַ׳ס פלאַמיגע אויגען האָבען זיך איינגעביסען אין זיינע ליפען. פון אונטער די האַלב פארמאַכטע אויגען, האָט כיטרע באַטראַכט איהם די קליינע ראָזאַ; דער שטראַליגער בליק פון איהרע בלויע אויגען איז געווען געווענדעט אויף איהם פול מיט אויפגערעגטער מידיגקייט. אויך אַ פאַר׳שכור׳טע פון דעם זונען גלאַנץ האָט זשעני געבויגען איבער איהם איהר דינע טאַליע,

אַ געיעג

וואס איז געווען ארומגענומען מיט א ווייסען דורכזיכטיגען געוועב.

— — האָט רחמנות.... — האָט ארויסגערעדט אנדרע. — דאָס איז דאָך דער נסיון פון הייליגען אנטאָניוס, פארגרעסערט אויף פינף מאָל! האָט רחמנות! אז ניט וועל איך באלד אייך אלע פינף צוקושען.

— אלע? יא, יא, צוקושט אונז אלע, הערר דאקטאר!

— האָט אויסגעשריען ראזא, פאטשענדיג מיט די הענד.

— אנהויבענדיג פון דער קלענסטער! — האָט געענט־פערט אנדרע, און כאפענדיג אונטער די אָרעמס ראזע׳ן האָט ער מיט צוויי קליבגענדיגע קושען זיך צוגעריהרט צו די אנ־געפודערטע בעקלעך פון דער בלאָנדער פופע, וואס האָט גע־לאכט מיט׳ן געלעכטער פון א גליקליך קינד.

— נאָכ׳ן ארדנונג, לענאָי!

דאָס יונגע מיידעל האָט זיך אוועקגעדרעהט: אנדרע׳ס ליפען האָבען אָנגעריהרט איהר ווייסען נאקען.

— סעליגא!

ער האָט כמעט ווי פארמאכט זיינע אויגען, כדי ניט צו זעהן איהרע רויטע ליפען, די פייכטע און צוזאָגענדע.

קאָקעטירענדיג, האָט זשעני איהם אויסגעצויגען איהרע ווייסע פינגערלעך.

— דאָס איז ווייניג! — האָט זי שמייכלענדיג באמערקט,

— איהר דארפט זיין אויף די קני און קושען דעם זוים פון מיין קלייד.

— וואו איז אונזער שוועסטער? — האָט אויסגעשריען ראזא, קונציג א ווארף טוענדיג מיט׳ן פיסעל דעם גומענעם באל, וואס זי האָט מיטגענומען מיט זיך.

וואו איז אין אמת׳ן געווען מארי־לואיז? אנדרע האָט מיט די אויגען געזוכט דאָס מיידעל, וואס האָט זיך ערגעץ וואו

נאָך ליעבע

באהאלטען. ענדליך האָט ער באמערקט פון דער ווייטען אי... הויכע, בויגיגע פיגור. די פאלדען פון איהר קלייד האָבען אויסגעזעהן ווי בלעטלעך פון א לעבעדיג בלימעל, וועלכע אנ־דרע איז געווען גרייט אפצורייסען מיט א מאָל. בארג אראפ צום וואסער האָט זיך מארי־לואיז ארונטערגעלאָזען, אונטערכאַ־פענדיג דאס קלייד פול מיט פרויען גראציע.

— מארי־לואיז!

אָניאָגענדיג זי. האָט אנדרע קוים הערבאר ארויסגעמור־מעלט איהר נאָמען; מאכענדיג זיך, ווי זי וואלט איהם נים געהערט, איז זי זיך ווייטער נעגאנגען צום טייך, וועמעס גרי־נע וואסער, האָט אויסגעזעהן ווי אן אונבאוועגליכער, גרע־נעצלאזער שפיגעל.

ביים ברעג פון שטענגעל האָבען סעלינא און זשעני זיך אפגעשטעלט, אזוי ווי זיי וואלטען געווארט אויף עמיצען... ראזא און לעאָני האָבען געווארפען איינע דער צווייטער דעם באל; באוועגענדיג מיט די יונגע גלידער, זיינען זיי גע־שפרונגען אויף דער זון, ווי יונגע קעצלעך.

— מארי־לואיז, איהר וואלט זיך געמעגט אפרופען, ווען איך רוף אייך!

דאָס מיידעל האָט זיך אומגעדרעהט. א צערטליכער שמיי־כעל האָט באלויכטען איהר פנים. מיט א רוהיגען אויסזעהן האָט זי געלייגט, אז זי האָט נים דערפיהלט אנדרע׳ס נאָהנט־קייט. און ווען זי האָט זיך אויסגעגליטשט און ער האָט זי גענומען אונטער דער האנד, האָט זי געמאכט א טראט צוריק, באפרייענדיג זיך פון איהם.

— וואס זייט איהר בייז אויף מיר, ערלויבט איהר מיר נים אז איך זאָל אייך אונטערכאפען.

אנדרע׳ס פראכטפולע אויגען האָבען פרעגענדיג געקוקט אויף דעם מיידעל, וואס האָט זיך אפגעשטעלט.

אַ גע־יעג

— ניט אלס פאַרוואורף זאָג איך עס אייך, מאַרי־לואיז, אבער פון אַלע אייערע שוועסטער זייט איהר די צוריקגעהאַל־טענסטע... אבער איך, דאַכט זיך, האָב אייך קיינמאָל ניט באַליידיגט.

— מיר ווילט זיך גאר ניט זיין עהנליך אויף מיינע שוועס־טער.

— טאָ וואָס איז די אורזאַכע, וואָס איהר האָט זיך ארויס־געדרעהט פון דעם קוש?

ניט ענטפערנדיג איהם אויף דער פראַגע, האָט מאַרי־לואיז איהם אָנגעוויזען אויף סעלינע׳ן און זשעני׳ן, וועלכע, ארויסקומענדיג אויפ׳ן וועג, האָבען געווערט צו זיי מיט די טיכלאַך.

— וואַרט צו אַ ווײלע, אַנדרע, און באַלד וועלען פאַר אייך זיך ווייזען צוזאַמען מיט סעלינע׳ן און זשעני׳ן אויך גאַסטאָן און זשאַרזש. ווי נאָר זיי זיינען געוואָר געוואָרען, אַז מיר געהען אַלע שפּאַצירען, האָבען זיי זיך ביידע גענומען פאַר סיג־נאַלען.

— סיגנאַלען?

— יאָ, זיי האָבען אַ גאַנצע סיסטעם פון סיגנאַלען מיט דער הילף פון פאַרהאַנגען און טיכלאַך, וועלכע זיי לאָזען אַרונ־טער און הויבען אויף אין דעם פענסטער, וואָס געהט ארויס צו דעם וועג... פון דאָרט זעהען זיך אַלע שכנישע הייזער, עס זעהט זיך אייער הויז, גאַסטאָן׳ס הויז, זשאַרזש׳ס צימער... עס איז קיין צווייפעל ניט, אַז זיי ביידע ווייסען שוין, אַז מיר פאַהרען היינט פרישטיקען אין אַזאַ פלאַץ, וואו זיי קענען אונז באַגלייטען... זיי זיינען היינט כמעט פריי און מיר וועלען זיי ביידע באַלד באַגעגענען, איינעם אויפ׳ן וועג און דעם צווייטען ביים ברעג פון דעם מאַרן. נו, אָט שווימט שוין זשאַרזש צו מיט זיין

נאָך ליעבע

שיפּעל... לאָמיר זיך פאַרדרעהען אביסעל אָן א זייט, איך וויל נישט די ערשטע באַגעגענען זיך מיט איהם...

און מאַרי־לואיז האָט אוועקגעשלעפּט מיט זיך אַנדרע'ען.

— איך קען סעלינע'ן ניט פאַרוועהרען צו שלעפּען נאָך זיך דעם דאָזיגען אינגעל, אָבער מיר איז אונאַנגענעהם דער געדאַנק, אז עס זעהט אויס, ווי איך וואָלט איהר נאָך צוגעגעבען חשק דערצו.

אן אויפגעלעבטע האָט זשעני אין מיטען וועג געפּלוידערט מיט דעם יונגענמאַן.

— אָט איז זשאָרזש, — האָט זי ערקלערט, — ער וועט מיך נעהמען אין זיין שיפּעל.

זי איז שוין געווען גרייט אַראָפּצולויפען צום ברעג פון דער מאַרן, נאָר זי האָט זיך מיט אמאָל אָפּגעשטעלט און, אומגעריכטערהייט אָנכאַפּענדיג אַנדרע'ן פאַר'ן ארבעל, האָט זי מיט א בעטענדער שטימע ארויסגערעדט:

— אַנדרע, באַרוהיגט מאַרי־לואיז... זי וועט מיך אויפעסען... איהר פאַרשטעהט אונז... סוף־כל־סוף זיינען מיר דאָך ניט קיין נאָנעס.

איהרע פלאַמיגע אויגען האָבען ריהרענד געקוקט אויף דעם יונגענמאַן, ניט דערוועגענדיג זיך צו טרעפען מיט מאַרי־לואיז'ס אויגען.

— לויף שוין, לויף שוין צו דיין געליעבטען, ווילדער מויד איינע, אָבער זעה איהם איינצוהאַלטען!

מיט די ווערטער האָט אַנדרע א קנייפּ געטאָן דעם מיידעל פאַר'ן אויער.

מיט דער לייכטקייט פון א הירשין איז סעלינא ארונטערגעשפּרונגען צו דעם צושווימענדען שיפּעל.

— פאַר וואָס מיינט איהר, איז זי אומגערעכט? — האָט

אַ געיעג

מיט אַן אַרויסרופֿנדיקן טאָן געפֿרעגט אַנדרעע, ווענדנדיק זיך צו מאַרי־לואיז, וועלכע איז געוואָרן טרויעריק.

דאָס מיידעל האָט געוואָלט עפּעס ענטפֿערן, אָבער, ניט ענדיגנדיק דאָס אָנגעהויבענע וואָרט, האָט זי געזאָגט:

— זי איז אויך גערעכט, ניט אמת? און צוזאַמען מיט איהר אויך אַלע אַנדערע? בלויז איך אַליין בין אומגערעכט!

אַנדרעע האָט דערפֿיהלט, אַז מאַרי־לואיז איז אויסער זיך פֿאַר ערגערניש, אַז זי איז באַליידיגט, אַז זי איז מקנא אין גע־היים דאָס גליק, וואָס מאַכט, אַז סעלינאַ זאָל אַזוי לויכטען און אַז זשעני'ס בלויע אויגען זאָלען זיך אַזוי אָנצינדען.

— ווער האָט עס דיר טעלעפֿאָנירט, גאַסטאָן?

פֿריינדליך אונטערשמייכלענדיג האָט אַנדרעע אויסגע־שפּרייט זיינע ביידע הענד צו דעם יונגלינג, וואָס, אַביסעל אַ פֿאַרלאָרענער, האָט זיך דערנעהנטערט צו איהם, צוזאַמען מיט דער שמייכלענדער זשעני.

— איך האָב עס געטאָן — האָט פֿאַר איהם געענטפֿערט דאָס מיידעל.

— איך האָב דאָך אייך געזאָגט, אַז זיי האָבען באַשאַפֿען אַ גאַנצען טעלעגראַף.

און, אונטערכאַפּענדיג דאָס קלייד, האָט מאַרי־לואיז זיך גענומען אַרונטערלאָזענדיג מיט די טרעפּ ביי די ענדע פֿון וועל־כע עס איז געווען צוגעפֿעסטיגט אַנדרעע'ס שיפֿעל.

— וואָס מאַכט איהר, אַנדרעע?

— וואָס מאַכט איהר?

זשאָרזש איז פֿאַרזיכטיג צוגעשוואומען, אויסשטרעקענדיג די האַנד סעלינע'ן, וואָס האָט געוואָלט וואָס גיכער שוין זיצען נעבען איהם.

ראָזאַ און לעאָני זיינען געקומען צולויפֿען פֿון באַנג צום ברעג. דער ווינד האָט צובלאָזען זייערע קליידלאַך און

נאָך ליעבע

אויפגעדעקט זייערע פיס און די גאָלדענע זאָקען. הויכע שיך פון דעם זעלבען קאָליר האָבען ענג ארומגענומען זייערע פיס־לעך.

— פאָהרט ניט אוועק אָהן אונז! פאָהרט ניט אוועק!

דער געשיקט געווארפענער באָל איז געפאַלען אין אַנ־דרע'ס שיפעל.

— שטילער, מיידלאָך, שטילער...

דער דאָקטאָר האָט אָפּגעשטעלט די ווילדע מיידלאָך, וואָס האָבען זיך געוואָלט א לאָז טאָן נאָכ'ן באָל.

אנדרע האָט אָפּגעשטופּט זשאָרזש'ס שיפעל אין וועלכען, אויסציהענדיג זיך אין דער גאַנצער לענג, איז האַלב־געלעגען סעלינא, ארונטערלאָזענדיג די הענד אין וואסער.

— שווימט פאָראויס!

זשאָרזש, וואָס האָט געהאַט, לויט זשעני'ס אויסדרוק, אַלע אייגענשאַפטען פון א פרוי, וואָס האַנדעלט מיט זיך, האָט רוהיג גענומען רודערן אין מיטען טייך אריין. סעלינא, זי־צענדיג אונטער איהם, האָט באוואונדערט די בויגיגע באַוועג־גונגען און שטארקע פּלייצעס פון אָט דעם יונגלינג. אמת, ער איז נאָך קיין צוואַנציג יאָהר ניט אַלט געווען און איז געווען פון מיטעלען וואוקס, אָבער די איבונגען און דער רעגעלמעסי־גער אָרט לעבען, וואָס ער האָט געפיהרט, האָבען האַרמאָניש ענטוויקעלט זיין קערפּער. די געקרייזעלטע האָר, די דונקעל־גרויע אויגען, וואָס האָבען געהאַט א זיכליכען אויסדרוק, האָ־בען איהם געמאַכט אויסזעהן פאַרפיהרעריש.

גאַסטאָן דעווורילעס האָט אויסגעזעהן מיט א פּאָר יאָהר עלטער פאַר זשאָרזש'ען; ער האָט געהאַט קליינע בלאָנדע יואָנסעלעך, א פּריש, קינדיש געזיכט, אונשולדיג, גוטע אויגען, וואָס האָבען זיך ניט אָפּגעריסען פון זשעני'ן און וועלכע האָבען

אַ געיעג

שטענדיג געהאַט דעם אויסדרוק פון צערטליכער, אָפענהערציגער פאַרליעבטקייט.

מארי־לואיז האָט באַאָבאַכט ווי דאָס דאָזיגע פּאָרל האָט זיך געזעצט אין שיפעל אריין. דאָס פּאָרל האָט גאָרנישט ניט געהאַט קיין געמיינזאַמעס מיט יענעם, וועמעס לייכטע שיפעל פון רויטען האָלץ האָט זיך געטראָגען איבער'ן טייך, וואָס האָט איצט געלויכטען מיט'ן אפגלאַנץ פון דער זון, וואָס איז געשטאַנען אין מיטען הימעל.

— און איצט, מיידלאָך, זעצט זיך, אָבער שטופּט ניט דאָס שיפעל, איהר הערט?

אַנדרע האָט אָפּגעבונדען דאָס שיפעל פון דעם שמאָלען באַלקען אויף וועלכען עס איז נאָך געשטאַנען מארי־לואיז, ווי אַ סטאַטוע, מיט רעטזעלהאַפטע אויגען.

— וואָס־זשע, מארי־לואיז, ניט שוין־זשע ווילט זיך דיר, אז אנדרע זאָל דיך ארונטערנעמען אויף די הענד? — האָט אַ געשריי געטאָן ראָזא.

— איז אייער פאַרלאַנג, אז איך זאָל אייך פאָרזיכטיג ארונטערנעמען אויפ'ן דעק פון דער שיף? איך בין צו אייער דיענסט.

אַנדרע האָט געלאַכט, קוקענדיג מיט אַ פרעגענדיגען בליק אויף דער מיידעל. מארי־לואיז האָט אַ וואָרף געטאָן אויף איהם אַ דורכדרינגענדען בליק, צום ערשטען מאָל, דאַכט זיך, באַמערקט, ווי שעהן ער איז. מיט'ן געבוי פון אַן אַטלעט, האָט ער דערמאָנט מיט זיך די שעהנהייט פון אַנטיקע סטאַטוען. אַן אָנגעשטרענגט פייערעל האָט געברענט אין זיינע שוואַרצע אויגען, אויף וועלכע עס איז געפאַלען דער שאָטען פון די אויפגעהויבענע ווייהעס און האָבען געלויכטען ווי אַ עדעל־שטיין; אין געוויסע מאָמענטען האָבען זיי געהאַט אַ זאָנדערבאַרען סאַמעטנעם אויסדרוק, — אַזאַ אויסדרוק האָבען זיי געהאַט איצט,

נאָך ליעבע

ווען מאַרי־לואיז, דורכשאַרענדיג זיך פאַרביי איהם, האָט זיך ליכט אָנגעלעהנט אָן זיין אויסגעשטרעקטער האַנד.

„יאָ, איך גלויב, אַז לעאָני איז גערעכט, — האָט אַ טראַכט געטאָן מאַרי־לואיז, זעצענדיג זיך אין דעם שיפעל, וואָס אַנדרע האָט גענומען אַנטרייבען, — איך שטעה אָן אַ זייט, איך טו גאָרנישט ניט כדי איהם צוציהען צו זיך, אין דער צייט, וואָס מוטערס און טעכטער היטען איהם אָפּ און זיינען גרייט צו טאָן אַלע זייערע פאַרלאַנגען.״

זי האָט געוואוסט, אַז ראָזאַ האָט ניט געליגט, ווען זי האָט געזאָגט, אַז ווען אַנדרע איז געגאַנגען איבער די גאַסען פון סען־מאַר, האָבען פון אונטער די פאַרהאַנגען אַרויסגעקוקט גייציגע פרויען, וואָס זיינען גרייט געווען איהם צו באַשיטען מיט קושען, אויב ער וועט עס נאָר פאַרלאַנגען, — אַלץ איינס, אפילו אָהן אַ חופּה.

מאַרי־לואיז האָט געקוקט אויף די אַנדערע פאַרלעך און געצויגען אַ פּאַראַלעל צווישען זיי און דער, וואָס זי און אַנדרע וואָלטען געבילדעט... און זי האָט געפיהלט, אַז ביי זיי וואָלט געווען עפּעס אַנדערש, עפּעס גאָרנישט עהנליכעס אויף דער נאַ־איווער צערטליכקייט פון זשעני׳ן און גאַסטאָן׳ען אָדער אויף דער גראָבער ליידענשאַפט פון זשאַרזש׳ען און סעלינאַ׳ן, וועלכע דער פּשוט׳ער אינסטינקט האָט בלינד געטריבען איינס אין דעם צווייטענס אָרעמס.

מיט אָן אָנגעשטרענגטען, קאָנצענטרירטען בליק האָט אַנדרע שווייגענדיג גערודערט. גאַסטאָן׳ס דינער קערפּער, וואָס איז געזעסען פאַר איהם און געהאַרכזאַם איהם אָפּגעענט־פערט מיט די רודער, האָט פון מאַרי־לואיז ניט פאַרשטעלט דאָס פאַרברענטע געזיכט און די ברייטעפּלייצעס פון דעם דאָק־טאָר.

קוקענדיג אויף דער נישט דורכדרינגליכער מאַסקע, וואָס

אַ געיעג

האָט פאַרשטעלט זיין פּנים, האָט מארי־לואיז דורכגענומען אַ פּיינליך ציטערדיק געפיהל. וואָס קען מען אויסלעזען אין די דאָזיגע פאַרשלאָסענע שטריכען, אין דעם שטערען, וואָס איז צוּאַקערט מיט קנייטשען...

איז דען דאָס אמת? האָט ער דען ליעב סעלעסטע׳ן, אַט דער צוויט־קלאַסיגער אקטריסע, יועמען זי, מארי־לואיז, געהט קליידער כדי צו האָבען אַ מעגליכקייט עפּעס אויפצוגעהען אויף פאַר זיך? וואָס באהאַלט זיך אין דער טיפעניש פון אַ מענערשער נאַטור, אויב זי גיט זיך אזוי לייכט אונטער צו אלע טייוואָלים פון ליידענשאַפט, וואָס פאַרוואַנדעלט דעם מאַן איז רויב פאַר יעדער פרוי, וואָס וויל עס נאָר.

„און — האָט פאַרטגעזעצט צו טראַכטען מארי־לואיז, — ווען איך זאָל זיך וואַרפען אין די דאָזיגע שטאַרקע ארעמס אין וועלכע, דעם אמת זאָגענדיג, עס וואָלט גאַנץ אנגענעהם געווען אָפּצורוהען, וואָלט איך דען, פון מיין זייט, ניט געוואָרען רויב, מיט וועלכען ער וואָלט זיך אָנגעגעסען ביז זאַט, ווי אַ פּול באַרעכטיגטער באַלעבאָס און דערנאָך וואָלט ער, אָן איבערזעטיגטער, מיך, אין אַ שעהנעם טאָג, ארויסגעוואָרפען. ניין! איך וויל ניט זיין קיין ציעל פאַר מענערשער תאוה!"

ווי אָפט האָט מארי־לואיז, וואָס האָט זיך אָנגעהערט פיעל אומאָנשטענדיגע רייד פון אקטיאָרען, ווען זי האָט באגלייט סעלעסטען, איבערגע׳חזר׳ט די דאָזיגע ווערטער, ווען אַן אקטיאָר פלעגט צו איהר צושטעהן אונטער די קוליסען! „איך וויל ניט זיין קיין ציעל פאַר זייער תאוה!"

„אפילו ניט פאַר זיינער", — האָט איינגעשפּאַרט גערעדט צו זיך מארי־לואיז און איהר פּנים האָט אָנגענומען אַ גרויזאַמען אויסדרוק, ווען אנדרע, אויפהויבענדיג די זויגען, האָט געשמייכעלט צו איהר.

זי האָט ניט געוואוסט, ווי איהם איז געפעלען געווען איהר

נאָך ליעבע

ריינער פראָפיל, דער טרויעריגער און שטרענגער אויסדרוק פון איהרע אויגען אין וועלכע די ליידענשאַפט האָט נאָך ניט געהאט אריינגעשריבען איהר וואָרט, צו וואָס ער האָט זיך, אגב, באַצויגען ווי צו בלויז א צופעליגקייט... איהם, אַלס אַן אַרצט, האָט אויסגעזעהן ווי א וואונדער, וואָס די דאָזיגע קלוגע, שעהנע און לעבעדיגע מיידעל האָט נאָך ביז איצט ניט געליעבט און אַז אין איהרע זעקס און צוואַנציג יאָהר האָט זי נאָך קיינמאָל ניט געהאַט דעם פאַרלאַנג נאָך מענערשער צערטליכקייט. אין זיינע אויגען איז געווען גאַנץ נאַטירליך, וואָס סעלינאַ האָט זיך אויסגעצויגען אין שיפעל ביי זשאָרזש'ס פיס, ווי אַ געזונטע צויג, וואָס רוהט זיך אויס פאַר דעם באַלעבאָס אויגען. ער האָט אויך פאַרשטאַנען, פאַר וואָס זשעני האָט ניט איינגעוויליגט אויף קיין איין שפּאַציר אָהן גאַסטאָן'ס באַגלייטונג, אָהן דעם אויפמערקזאַמען, צערטליכען באַגלייטער.

מיט מאָרנע רייד האָבען די איינגערע שוועסטער גערעדט וועגען ליעבע. אַנדרע האָט געפיהלט, אַז זיי איז קלאָר די אַלמאַכט פון דעם אינסטינקט, וואָס ציהט אונאויפהערליך איין געשלעכט צו דעם צווייטען. זיי האָבען געפלוידערט אָהן אויפהער, זיצענדיג ארומגענומענע אויפ'ן הינטערשטען טייל פון שיפעל, וואָס האָט זיך געגליטשט איבער דעם וואַסער, ווי א מערכענהאַפטע שיפעל אָנגעלאָדען מיט'ן טייערסטען רויב. פיער ווייסע, שלאַנקע סילועטען האָבען זיך אָפּגעשפּיגעלט אין דעם גרינליכען שפּיגעל און די איינגעבויגענע פיגורען פון גאַסטאָנען און אַנדרע'ען האָבען איהם געהאַלטען אין איין צוברעכען מיט דעם ריטמישען קלאַפּען פון די רודער, וואָס האָבען געהאַלטען אין איין הויבען זיך אין דער הויך און אַרונטערלאָזען זיך אין וואַסער.

דאָס ריטמישע סקריפּען פון די רודערס האָט געקלונגען ווי א טרויעריגער ליעד פון דעם באַליידיגטען טייך, וואָס האָט גע־

א געיעג

קרעבצט אונטער דעם דאָפּעלטען קוש פון צוויי שיפלעך, וואָס זיינען געשוואומען אייגס נאָהענט פון צווייטען, פּאַרטשעפּענדיג די הויכע גראָזען צווישען וועלכע עס האָבען געלויכטען די וואַסער ליליען.

לעאָני האָט ברייט געעפענט איהרע טונקעל ברוינע אויגען אַנלעהנענדיג זיך אָן ראָזע׳ס פּלייצעס.

— אַ, ווערען אן אונדין — האָט זי געמורמעלט אזוי ווי אין חלום, — ווערען א נימף פון דעם הייליגען אינזעל פון ליעבע, יוערען סאַפאָ, סאַלאָמע, קלעאָפּאַטרא...

מיט אַ זאָנדערבארען פּייעריל האָבען זיך אָנגעצונדען ראָזע׳ס בלויע שווארץ־אפּעל.

— זיין אַ סירענע, וואָס ציהט נאָך זיך אין תהום אריין,— האָט זי ארויסגערעדט.

— זיי הויבען שוין אָן צו רעדען פון היץ, — האָט צוזאַמענציהענדיג די ברעמען, ארויסגעמורמעלט מארי־לואיז.

— זיי האָבען זיך איינגערעדט, אז מיט אזוינע ווערטער וועלען זיי אראָפּפיהרען מענער פון זינען, — האָט שטיל באַמערקט זשעני, וואָס איז געזעסען נעבען גאַסטאָנ׳ען.

— וועט איהר עס גלויבען, אנדרע, זיי האָבען א פאַרשטעלונג, אז זיי זיינען אַ נייע פאַרקערפּערונג פון די אלטע געצען... יאָ, ניט מעהר און ניט ווייניגער... לעאָני אליין האָט עס מיר אַמאָל געזאָגט.

— דאָס איז גאנץ מעגליך, — האָט רוהיג און ערנסט געענטפערט אנדרע.

— איהר אויך מיט זיי?

מארי־לואיז איז כמעט אין כעס געוואָרען.

— איהר וועט דאָך ניט צוגעבען זיי מוט אין זייער משוגעת׳ן, און זיך נעהמען ערנסט באַציהען צו דעם, וואָס זיי

נאָך ליעבע

פּלוידערען? עס קען דאָך מאַכען דעם איינדרוק, אַז איהר זייט פּונקט אַזוי קראַנק, ווי זיי!

— איך בין קראַנק, משוגע? וואָס, בלויז דערפאַר, וואָס איך, צוזאַמען מיט די מיידלאַך, האָבען זאָן אַנדער קוק, ווי איהר? האָט איהר דען דאָס איינציגע רעכט אויפ'ן אמת? עס וועט דורכגעהען אַ פּאָר יאָהר און מיר אַלע וועלען ווידער פאַרוואַנדעלט ווערען אין שטויב... צי זיי זיינען קלוג אָדער נאַריש... זיי זיינען גליקליך און איהר דאַרפט זיי לאָזען צו רוה.

שאַרף האָט אַנדרע אַרויסגערעדט די דאָזיגע ווערטער; עס האָט זיך געפיהלט אַ געוויסע באַליידיגונג אין זיין קול, וואָס עס איז גיט פאַרבייגעגאַנגען אונבאַמערקט פאַר מאַרי־לואיז. ער האָט איהר מוחל געווען איהר קלוגהייט.

— דאָס איז דיין לוין, פּאַרקערפּערטע ווירדיגקייט!

— דאָס קריגסטו דערפאַר, וואס דו לאָזט אונז חלומ'ען אויפ'ן וואָהר.

לעאָני און ראָזאַ, וואָס זיינען געזעסען אונטער אַנדרע'ן, האָבען איהם צוגעוואָרפען לופטיגע קושען; ער האָט אָנגעהאַלטען דעם קאַלטען אויסדרוק אויף זיין פּנים.

— יאָ, מאַרי־לואיז, — האָט אונטערגעכאַפּט לעאָני, — אונדזינען פאַרשלעפּען אין אונבאַקאַנטע תהומ'ען, זיי פיהרען צום אונטערגאַנג, זיי קענען מאַכען מענער אונטערטעניג צו זיך, זיי שניידען און זיך נעהרען מיט זיי.

לעאָני, אויף וועמעס ענטבלויזטער ברוסט האָט זיך אַרויסגעזעהן, ווי אַ בלוטיגער פלעק, אַשטיק קאָראַל, לעאָני מיט די פראַכטפולע אויגען און אונטערגעפאַרבטע ליפּען, האָט באמת אויסגעזעהן ווי אַ פאַטאַלע קראַפט צו וועלכען עס האָבען געשטראָמט אַלע באַגעהרען פון מענער; איהרע ווייסע ענטבלויזטע אָרעמס האָבען צושפּרייט אַ תהום אין וועלכען עס פאַרזינקט האָפנונגסלאָז יעדער ווילען.

אַ געיעג

— מיינסטו אויף אַן אמת, דו נאַריש מיידעל, — האָט איראָניש באַמערקט מאַרי־לואיז, — אַז אַ מאַן קען מען פאַנגען ווי א פייגעלע? יאָ, אויף אַ פּאָר מינוט קען ער פאַרלירען דאָס באַוואוסטזיין, אָבער ער וועט גלייך זיך ארויסדרעהען פון דיינע הענטלעך! — אַ, ווי לייכטזיניג איהר זייט נאָך אַלץ!

— מאַרי־לואיז, אויב איהר וועט אַלץ האַלטען אין קאַליע מאַכען אונזער יום־טוב, וועל איך אייך ניט אַרונטערנעהמען פון דעם שיפעל, ווען מיר וועלען דערגרייכען דעם ברעג... איך וועל אייך איינע אליין איבערלאָזען... הערט זיך איין, איך וויל זיך אויך פרעהען, זיין לוסטיג! אין א וואָך ארום וועל איך שוין ניט הערען קיין פרויען־שטימע... אָט האָב איך זיך שוין אויך אָנגעשטעקט פון אייך... לאַכט, פרעהט זיך, מיידלאַך!... זייט פרעהליך היינט...

אַן אויפרעגונג האָט זיך געפיהלט אין אַנדרע׳ס שטימע און מאַרי־לואיז האָט דערפיהלט אַ טרויער, וואָס באַלד וועט אויסקומען זיך צושיידען.

ראָזא און לעאַני, פרעהענדיג זיך, וואָס אַנדרע פיהלט זיי מיט, אָדער, אָם ווייניגסטענס, פאַרשטעהט זיי, האָבען אויפ׳ן קול גענומען אויסדריקען זייער ענטציקונג.

— בראַוואָ, הער דאָקטאָר, בראַוואָ!

— פיהרט אונז אַוועק מיט זיך, מיר וועלען פאַרווייגען אייך מיט אונזערע מעשה׳לעך.

— זינגען ליעדער!

— טאַנצען!

— נידער מיט די קאָרסעטען! דעם באַקעטען לייב וועלען מיר פאַרוויקלען אין א פּאָר איילען מושלין!

— דאָרט וואָלט מען פאַר אונז אויסגעבויט אַ טעמפּעל מיט פינף מאַרמאָרנע הייהלען.

— מיר וואָלטען געוואָרען די פריסטערינס!

נאָך ליעבע

— מיר וואָלטען געהאַט שקלאַפינס!

— מיר וואָלטען שוין מעהר ניט געדאַרפט ארבייטען!

— אַט זיינען מיר שוין אָנגעקומען! אייך, ווי עס זעהט אויס, איז זעהר פרעהלאַך! — האָט סעלינא געוועהט צו זיי מיט א מיכעל פון זאָשרוש'ס שיפעל, וואָס איז שוין געוועז צו־געשוואומען צום ברעג.

אין גאַנצען פאַרזונקען אין גרינס איז געשטאַנען דער רעסטאָראַן. וואונדערליך איז געוועז די געביידע מיט איהרע טורעמלעך, הילצערנע באַלקאָנען, טיעפע פענסטער מיט קליינע שויבען, וואָס זיינען געוועז פאַרשטעלט מיט הילצערנע גראַ־טעס. מען האָט געזאָגט, אַז די דאָזיגע געביידע איז געוועזן אין די צייטען פון לודוויג דעם דרייצעהנטען, א יאַגד־שלאָס.

איצט פלעגט מען דאָ קומען טאַנצען אין די זונטאַגס.

די צוויי שיפלעך האָבען געשריען; עס איז זיי געקומען אַנטקעגען דער באַלעבאָס פון דעם האָטעל; ער האָט געוואוסט פון זייער קומען, ווייל נאָך אין דער פריה האָט אַנדרע באַ־שטעלט ביי איהם פריהשטיק.

אלץ איז געוועז צוגעגרייט פאַר דער אויפנאַמע פון די שעהנע נימפען, וועלכע אלע האָבען געקענט אין דער גאַנ־צער געגענד פון סען־מאַר. ניט איינמאַל האָבען די, וואָס וואוינען ביים ברעג געזעהן ווי זיי שווימען אויף דעם קאַפּי־טאַנ'ס שיפעל, מיט וועלכען זיי האָבען זיך פריי באַנוצט אין דער צייט, ווען ער איז געוועז אין די קאָלאָניען.

דאָס עסען איז געוועז צוגעגרייט אויף דער טעראַסע, וואָס איז געוועז הארט ביים וואַסער.

דער טיש, וואָס איז געוועז אַרומגעשטעלט מיט רויזען, די שמאָלע באָקאַלען, וואָס האָבען ערווארטעט אָנגעפילט צו ווערען מיט שאַמפּאַניער, די טעלער מיט קרעבסען — דאָס

אַ געיעג

אַלץ האָט עדות געזאָגט מיט וויפיעל איבערגעבענהייט אַנדרע פלעגט טראַקטירען זיינע באַגלייטערינס.

— דאָס איז אונזער געזעגנים פריהשטיק, קינדער, מען דאַרף זיין פרעהליך!...... און איך בין זעהר צופרידען וואס איהר זייט אויך דאָ, — האָט אַנדרע געזאָגט ווענדענדיג זיך צו גאַסטאָן'ען און זשראָזש'ען, וועלכע האָבען זיך געפיהלט אַ ביסעל פאַרלאָרען, זעהענדיג די אַלע צוגרייטונגען.

— איך האָב געוואָלט אייך אַלע נעמען היינט אוועגד נאָך פּאַריז, כדי צוזאַמען צו פאַרברענגען דעם אָוועגד, אָבער דאָ וועט אונז זיין פיעל פרעהליכער.

— אומגליקליכער! עס ווערט טרויעריג אויפ'ן האַרצען, ווען מען גיט אַ טראַכט, אַז גאָר אין גיכען וועט דיר אויסקומען צו געהן אויף יאַגד נאָך געלהויטיגע אָדער שוואַרצהויטיגע שעהנהייטען! איך בין זיך מודה, אַז די דאָזיגע קאָלירען וואָלטען ניט אויפגעפלאַמט מיט בלוט.

דאָס האָט געזאָגט זשאַרש, דרעהענדיג זיך אַרום סעלינא'ן, וואָס האָט געהאַלטען אין צופעסטיגען אַ רויז צו איהר קאָרסעט. די שוועסטער האָבען נאָכגעפאָלגט איהר ביישפּיעל. אויף איהר צערטליכער און ווייסער הויט האָבען העהרליך אויפגעבליהט ווייסע און רויטע רויזען בלעטלעך. מארי־לואיז האָט צוגעפעסטיגט אַ פורפור רויז צו איהר ברוסט, און געגען דעם מאָט בלייכען קאָליר פון דעם מיידעל'ס לייב, האָט די בלום אויסגעזעהן, ווי זי וואָלט אָפּגעגאָסען מיט בלוט.

פּונקט אַזאַ בלוט רויטע רויז האָט אַנדרע אַריינגעשטעקט צו זיך אין לאַץ.

— ער האָט ליעב די קאָלירען, וואָס דו האָסט ליעב, מאַרי־לואיז, דאָס איז אַ ליעבעס ערקלערונג — האָט ראָזאַ אַריינגעמורמעלט אין איהר שוועסטער'ס אויער. — און דו רופסט מיך נאַר, דו ביסט נאַרישער פון מיר.

נאָך ליעבע

— זאָל לעבען אנדרע!
— אונזער גוטער שכן!
— אונזער וואוילער באַלעבאָס!

אויגען שווארצע, אויגען בלויע, און אויגען מיט'ן קאָליר פון קאָרנבלומען, שווארץ־אַפּלען, וואס האָבען געלויכטען ווי שווארצע בריליאנטען, — אָט די אַלע בליקען האָבען געפלאַמט; ראזע און רויטע ליפּען האָבען זיך געעפענט ווי די בלומען, וואָס האָבען געדופטעט אויף די בריסטען פון די מיידלעך; קליינע הענטלעך האָבען זיך באוואויגען אין דער לופט אין עלע־גאנטע באוועגונגען, באשאַפענדיג עפּעס באצויבערענדעס.

אנדרע האָט נאָכגעפאָלגט נאָך די באוועגונגען פון די מיידלאך, ער האָט זיך איינגעהערט אין זייערע שטימען, וואס האָבען געקלונגען אמאָל דורכדרינגענדיג, אמאָל פאדערגדיג און אמאָל קלאָר ווי קרישטאָל. אין ס'אָרא וואונדערבארער מע־לאָדיע האָבען זיך צוזאמענגעגאסען די אַלע פרויען שטימען, דאָך וועט אָט די מוזיק ניט פארוויגען זיין הארץ, זיינע טרוימען דאָרט, אויף יענער זייט פון ים. עס האָט באגייסטערט די אויגען דאָס בילד, וואס די פינף מיידלעך האָבען געשאַפען צווישען גראָז, ביים ים, באלויכטען פון דער זון. עס זיינען ארויסגעשפרונגען די פּראַפּענס פון די פלעשער מיט דעם גאָל־דענעם ווייַן און דאָס שארפזיניגקייט פון די מיידלעך האָט גע־נומען פינקלען מיט אונערווארטע איינפאלען. ביסלעכווייז האָבען זיך זייערע נשמות געעפענט פאר אנדרע'ן; ער האָט גענומען באגרייפען יענעם סוד פון דעם פרויען כשוף, וועלכען ער האָט געאהנט אין זיי, ווען זיי זיינען נאָך געווען גאנץ יונגע מיידלעך, — א סוד וואס עס איז איהם קיינמאָל ניט געלונגען אויפצודעקען אין זיינע צייטווייליגע פארבינדונגען מיט פרויען. אלץ וואס ער האָט געזעהן ביי סעלינא'ן איז געווען בלויז איהר פראכטפולער לייב און אלע איבריגע האָבען איהם

אַ געיעג

געגעבען צו פיהלען יענעם ציטער פון גענוס, וואס פארלעשט זיך גיך. קיינמאָל האָט ער ניט געוואוסט, וואס עס הייסט צו באזיצען א פרויען נשמה, יענעם אייביגען אוצר, וואס האָט זיך איצט געעפענט פאר איהם.

דערווייל האָט מארי־לואיז גערעדט בלויז וועגען קליי־ניגקייטען. וועגען איהר נשמה, וועגען איהרע פארלאנגען, ווע־גען דעם, וואס האָט זי ציטערען געמאכט, וועגען אלעם, וואס האָט זי געדארפט באגייסטערען אין דער בליהונג פון זעקס און צוואנציג יאהר, האָט זי קיין ווארט ניט ארויסגערעדט. אנדרע האָט געפיהלט, אז זי גליטשט זיך ארוים פון זיין אויפ־מערקזאמקייט, אז איהם איז ניט באשערט געוואָר צו ווערען וואס עס באהאלט זיך אונטער דעם באצויבערענדען פנים׳ל מיט דעם ליכטיגען פראפיל.

ער האָט גאר נישט פארדעכטיגט, אז מארי־לואיז האָט פונקט דאָס זעלבע געטראכט וועגען איהם.

וואלט ניט בעסער זיין, אז ער זאָל... וואגען... אז ער זאָל באהערשען אָט דאָס מיידעל, צווינגען זי, אז זי זאָל איהם ליעב קריגען, מיט גוואלט פארכאפען די דאזיגע נשמה, דאָס דאָזיגע לייב, דאָס דאזיגע הארץ!

אין א פאר טאָג ארום וועט זיך פאר איהם צושפרייטען א וואסער־מדבר... און דארט, אָן אנדערער, אָן אמת׳ער מדבר. א כעס האָט אויפגעפלאמט אין זיין הארצען געגען דער שטאָלצער, ניט צוגעלאָזענער מיידעל.

און דאָ, נעבען די פיינע ליעבע מיידלעך, מיט די זשעס־טען פון אקטריסעס, נעבען מארי־לואיז, האָט אנדרע מיט א באזונדערער קלאָרקייט זיך געגומען דערמאָנען די צופעליגע באקאנטע מיט די זינדיגע בליקען, מיט וועלכע דו וועסט גוט באקאנט אין איין אוונד — מיט פרויען, וואס האנדלען מיט זיך... איהם האָט זיך געוועלט ווידער אמאָל זיך ווארפען אין

נאָך ליעבע

זייערע אַרעמס, ווידער אַמאָל זיך אונטערטויכען אין די שטראַ־מען פון זינליכע פאַרגעניגענס, איידער ער פאָהרט אַוועק אין דער מדבר.

ראָזע׳ס דורכדרינגענדע שטימע האָט באַהערשט דעם גאַנ־צען טומעל:

— לאָמיר געה נאָך טאַבאַרען! מיר ווילט זיך זיין אין טאַבאַרען, אויפ׳ן באַל פון די האַלבע יונגפרויען.

— געוויס, געוויס, — האָט נאָכגעזאָגט זשאָרזש, אַ ביסעל אַ באַרוישטער, איינבויגענדיג זיך צו סעלינאַ׳ס קאָרסעט, וועל־כע האָט עס גאַנץ פריי ערלויבט.

— געוויס, אין טאַבאַרען, דאָרט וועט זיין אַ קאָנקורס פון שעהנע ליטקעס און איך וועל אַרויסשטעלען מיינע!

לעאָני האָט זיך אויפגעשטעלט און געוויזען איהרע פיס אין די גאָלדענע זאָקען.

— לעאָני! פיהר זיך אויף אַ ביסעל אַנשטענדיגער! מאַרי־לואיז האָט אַרונטערגעלאָזען לעאָני׳ס קליידעל אי־בער איהרע, ווי מאַרמאָר, ווייסע פיס.

— אַרונטער צו דער מאַרן.

— שרעק זיך ניט, מאַרי־לואיז! לעאָני ווייזט איהר ליטקעס, אָבער זי לייגט זיי קיינעם ניט פאָר.

— אַ דאַנק גאָט דערפאַר!

— אַלענפאַלס וואָלט קיינער פון די אַנוועזענדע זיי ניט געקענט קויפען.

אַרויסרעדענדיג די דאָזיגע ווערטער, האָט ראָזאַ מיט אַ ווירדיגען אויסזעהן גענומען באַגיסען מיט שאַמפּאַניער איהר ערד־בער.

— וויפיעל? איך לייג פאָר עס צו שטעלען אויף אַק־ציאָן.

אַ געיעג

אַנדרע האָט זיך געזעגנט און די איבעריקע שוועסטער האָבן עס פאַרשטאַנען.

— די ערשטע פרוכטן קען מען ניט אָבשעצן.

— באַזונדערס, ווען זיי זיינען אַזוי זאַפטיג.

— מיר וועלן שוין אַכטונג געבן, אַז דער קורס זאָל ניט פאַלן.

— וויפיעל מאָל קלייבט איהר זיך דאָס צו זיין דער ערש־טער פרוכט?

רוהיג האָט געענטפערט ראָזא:

— דאָס איז אָפּהענגיג אָן דעם קליענט!... אָן זיין איגנס־טינקט!... דריי־פיער וועלן לייכט גלויבען, אַז די פרוכט איז פון בעסטען קוואַליטעט! פאַר אַ לומפּיגע הונדערט פראַנק קען מען אויף ס׳ניי געבאָרען ווערען... פאַרניכטען אַלע צופעי־ליגע באַשעדיגונגען... עס איז דאָ פאַרהאַנגען אָן עלטערע דאַ־מע, זעהר אָן עהרווירדיגע פערזאָן — זי האָט מיר אַרויסגעגעבען דעם סעקרעט.

— דיין שוועסטער וועט נאָך ווייט אַוועקגעהן! — האָט אין סעליניא׳ס אויער אַריינגערוימט זשאַרזש.

— עס זעהט אויס אַזוי!

אומבאַמערקט האָבן זיך זשעני און גאַסטאָן אויפגעהויבען פון אונטערן טיש. אין גאָרטען, צווישען די בוימער, וואָס האָבן אַרומגערינגעלט דעם רעסטאָראַן, האָט אַ שימער געטאָן איהר ווייסער סילועט; דערנאָך האָט זי זיך אַביסעל געהויערעט; גאַסטאָן האָט זי געהוידעט.

— אויב טאָבאַרען, זאָל זיין טאָבאַרען, — האָט זיך אָפּגערופען מאַרי־לואיז, ווענדענדיג זיך צו ראָזאַ׳ן און לעאַני׳ן, וואָס האָבן געריסען די רויטע און ווייסע בלעטלעך פון די רויזען און זיי געוואָרפען אין אַנדרע.

נאָך ליעבע

— הייסט עס, אז יא! פאר דער מאמען וועלען מיר שוין אויסטראכטען עפעס א תירוץ.

— אָט דאָס געפעלט מיר! ענדליך האָסטו זיך ענטשלאָסען! דו האסט וואונדערבארע אנקלען! דו וועסט זיי וויזען?

— איך ווייס ניט! איך וויל פרעהליך זיין!... איהר זייט גערעכט, מען דארף זיך איילען צו לעבען!...

אויסגלייכענדיג, האָט מארי־לואיז א בלייכע געלאכט מיט די אויגען פול מיט טרערען.

זיינען דאָס טרערען פון פרייד צי פון ערגערניש?

אזוי האָט זיך אליין געפרעגט אנדרע. א טיפער רחמנות האָט ארומגעכאפט זיין נשמה ווען ער האָט אונטער דער מאסקע פון שטאלץ אזוי פיעל טרויער באמערקט.

— איהר האָט פיבער, מארי־לואיז!

נעהמענדיג זי פאר דער האנד, האָט ער זי צארט אוועקגעפיהרט אָן א זייט.

קומט זיך אביסעל דורך, וועט איהר זיך בארוהיגען.

— זאגט שוין בעסער אפען, אז איך בין שכור, דאס איז אָן אמת.

צוריקקעהרענדיג צום טיש, האָט מארי־לואיז דערטרונקען דעם באָקאל שאמפאניער. זי האָט צובראכען דעם באָקאל שטעלענדיג איהר צוריק צו האסטיג אויף זיין ארט.

לעאָני איז צוגעגאנגען צו דער שוועסטער און איהר שטארק א טרייסעל געטאָן.

— הער, דו דערפיהר זיך ניט צו היסטעריקע, אז ניט וועל איך דיך אָפגיסען מיט קאלט וואסער, כדי אביסעל אפצופרישען דיין קאָפּ.

— לאז איהר צורוה, לעאָני, אונזער מארי־לאויז לעבט אויף; מארגען וועלען מיר זי אוועקפיהרען נאָך טאבארען...

אַ גע־יעג

גיב בעסער אַ קוק אויף סעלינאַ'ן. זי זשענירט זיך גאַר ניט מיט איהר זשאַרזשע'ן.

ווי אַ פּייל האָט זיך ראַזאַ אַ וואַרף געטאָן נאָך דעם פאַרליעבטען פּאָרל, וואָס האָבען, אַרונטערגעהענדיג מיט די טרעפּ, וואָס האָבען געפיהרט צו דער מאַרן, זיך צערטליך גע־דריקט איינע צו דעם צווייטען.

— גענוג צו פיהרען ליעבעס אין דער איינזאַמקייט, סע־לינאַ! לאָמיר שפּיעלען אין באַל. וואַרף איהם צו אונז. לעאָני איז צוגעגאַנגען צו ראַזאַ'ן.

— לאָמיר זיי איבערלאָזען אַליין, — האָט זי אַ מורמעל געטאָן דער שוועסטער אין אויער אַריין — אפשר וועלען זיי זיך פאַרט צו עפּעס דערדערען.

עס האָבען אַ שימער געטאָן ווייסע קליידלעך. דער באַל האָט גענומען אונטערשפּרונגען, געשטויסען פון אונגעדולדיגע פּיסלעך.

האַלטענדיג זיך פאַר די הענד, האָבען סעלינאַ און זשאַרזש גענומען אַן אַנטייל אין שפּיעל. זיי זיינען געווען געשווינד און בויגזאַם און עהנליך איינער אויפ'ן צווייטען, אַזוי זיי־נען אויך געווען עהנליך איינער אויפ'ן צווייטען גאַסטאַן און זשעני, וואָס האָבען, צערטליך אַרומנעמענדיג זיך, אַרומגעשפּאַ־צירט אין דעם טיפען וועלדעל.

— ...איך האָב דאָס געקראַגען היסטעריקע? — האָט רו־היג ווידערהאָלט מאַרי־לואיז, ווענדענדיג זיך צו אַנדרע'ן. — איך בין קיינמאָל נאָך אין מיין לעבען ניט געווען אַזוי פאַר־שטענדיג, ווי איצט; איצט איז מיר קלאָר מיין גאַנץ לעבען... איך טראַכט בלויז, אַז פון מיר וועט אויך אַרויסקומען אַ גאַנץ פיין מיידעל מיט דער צייט... אבער דאָס איז פּונקט אַזאַ אויס־וועג, ווי יעדער אַנדערער אויסוועג... אבער מאַרגען פאַהר איך אומבאַדינגט נאָך טאַבאַרען. און איצט, אויב איהר זייט

נאָך ליעבע

אין דעם פאראינטערעסירט, מיין ליעבער פריינד, קען איך אייך אוועקשענקען די ערשטע פרוכט... אויב, פארשטעהט זיך, איהר זייט גרייט באצאָהלען זיין ווערט, ווי ראזא האָט זיך אויסגעדריקט...

— מארי־לואיז, ווערט שטיל!

צוזאמענלייגענדיג די הענד, האָט אנדרע זי באטראכט מיט אויגען, וואס האָבען געברענט פאר כעס און מיט ציטערדיגע ליפען.

— איך פארבאָט אייך צו פאהרען קיין טאַבארען, איהר הערט, איך פארבאט עס אייך!

— וואס האָט איהר געזאָגט?

זי האָט א קוק געטאן אויף איהם מיט אזא טראציגען, שטאָלצען בליק, אז אנדרע'ס הארץ האָט גענומען ציטערען פאר ערגערניש. דאָס ווארט, וואס ער האָט געוואלט ארויסברענגען, איז אפגעשטארבען אויף זיינע ליפען. מארי־לואיז האָט געקוקט אויף איהם ארויספאדערנדיג, קאלט און הויכמוטיג.

ער האָט זיך אויפגעהויבען, אומגעדרעהט זיך און אוועק צום טייך און אפגעבונדען זשאָרזשע'ס שיפעל.

— אין א שטונדע ארום וועל איך קומען נאָך אייך, — האָט ער געזאָגט זשעני'ן, וואס איז צוגעלאפען צו איהם.

— ער איז קראנק!

— ער איז משוגע געווארען!

— וואס האָסטו איהם געזאָגט, מארי־לואיז?

ראָזא און לעאָני האָבען געהאלטען אין איין פארנאנדערפרעגען זייער עלטערע שוועסטער, וועלכע האָט קיין ווארט ניט ארויסגערעדט.

— פשוט, ער האָט געכאפט אן איבריג גלעזעל, — האָט

אַ גע יעג

זיך אַריינגעמישט סעלינאַ. — וואָס אַרט דאָס אונז אין גאַנצען!
— אמת, דו ביזט גערעכט!

מיט קאַלטע, אויסדרוקלאָזע אויגען האָט זיך מאַרי־לואיז אויפגעהויבען פון איהר פּלאַץ.

די שוועסטער איז געווען גערעכט: געוויס, אַנדרע וועט באַלד צוריקקומען. פון דעם גוטען פרישטיק, פון דעם שאַמ־פּאַניער, פון אַזוי פיעל שעהנע מיידלעך איז ער געוואָרען צו־פיעל אויפגערעגט, אַליין ניט וויסענדיג פאַר וואָס ער וועט זיכער אין גיכען צוריקקומען, ער וועט זיך באַרוהיגען, וועט, ווי שטענדיג, זיין לוסטיג, פרעהליך.

— מיר האָבען אַלע היינט, דאַכט זיך, איבערגעכאַפּט! מען דאַרף עס איהם פאַרגעבען!

ראָזאַ און לעאָני האָבען געשטופּט איינע דער צווייטער די עלענבויגענס, ווייזענדיג מיט די אויגען אויף מאַרי־לואיז.

— פאַרשטעהט זיך, מען דאַרף עס איהם פאַרגעבען, ער איז דאָך אַזאַ גוטער!

איראָניש האָט מאַרי־לואיז געגעבען דעם סיגנאַל.

— לאָמיר, איידער ער קומט, זיך אויפטרייסלען אַ ביסעל! לאָמיר שפּיעלען אַ ביסעל, מיידלעך!

עס האָט אַ שפּרונג געטאָן דער פוס־באָל און אַלע האָבען זיך געלאָזען נאָך איהם.

6

עלעקטרישע פייערען האָבען געוויזען דעם אַריינגאַנג צו דעם זאַל וואו דער באַל איז פאַרגעקומען. עלעקטרישע פייערען האָבען געברענט צווישען די דראַפּירונגען, וואָס האָבען באַ־

נאָך ליעבע

שיינט דעם וועסטיביול, וועלכער האָט פאַרשלונגען א גאנצע מענגע פרויען און שרייענדיגע קאָסטיומען, מענער וואס האָבען געטראָגען פאַלטאָ'ס איבער זייערע פראַקען, און יונגע לייט אין סמאָקינגס, מיט בלימלעך אין די לאַצען, עס האָבען געשטראַמט פריקאַזשיקעס, קליינע בעאַמטע.

געדונגענע אויטאמאָבילען און דראָשקעס האָבען אַלע ווייַלע צוגעפיהרט נייעגריגע בורזשויקים אין באַשיידענע קאָסטיומען. אייגענע אויטאמאָבילען האָבען זיך אָפּגעשטעלט אויף דער אַנדערער זייט פון גאַס. עלעגאַנטע דזשענטעלמענען אין פראַק האָבען אַרויסגעפיהרט פון זיי זייערע רייך געקליידעטע דאַמען.

די פינף פּעען פון דער מאַרן זיינען אַרויסגעשוואומען פון דעם באַהן-טונעל, שלאַנקע און בויגזאַמע, פּערוויקעלט אין שווארצע מאַנטלען, וואס האָבען פאַרשטעלט זייערע ווייסע קליידער, מיט האָר טייל שווארצע ווי נאַכט און טייל העל בלאָנדע, האָבען זיי זיך אויפגעהויבען אויף די שטיגען. די גרויע היט האָבען געוואָרפען שאָטענס אויף זייערע איראַנישע, אונרוהיגע און אַרויסרופענדע פּנים'ער.

— ביזטו זיכער, סעלינא, אז אַנדרע וועט ניט אהער קומען ? — האָט אומרוהיג געפרעגט מאַרי-לואיז וואָרפענדיג די בליקען נאָך אַלע זייטען.

— געיוויס ניט ! ער איז מיט גאַסטאָנ'ען און זשאַרזש'ען ערגעץ אוועקגעפאָהרען. איך האָב עס דיר דאָך שוין צוויי מאָל געזאָגט.

מיט אַן אומרוהיגען זשעסט האָט סעלינא אַביסעל אויפגעהויבען אונטער'ן מאַנטעל דאָס צו לאַנגע קלייד.

— דו ביסט אונערטרעגליך, מאַרי-לואיז ! צו וועסטו אונז קאַליע מאַכען דאָס גאַנצע פערגעניגען מיט דיין אונענטשלאָסענ־

אַ געיעג

היים! דו האָסט געדאַרפט בעסער זיצען אין דער היים, אויב דו ציטערסט אַזוי, אַז מען זאָל דיך דאָ ניט זעהן.

— ביסטו דען ניט קיין פרייער מענש?

ראָזא איז געוואָרען אויסער זיך פון מאַרי־לואיז'ס אונ־ענטשלאָסענהייט; מאַרי־לואיז איז געבליבען שטעהן אויף די טרעפּ.

— דו ווייסט גאַנץ גוט, מאַרי־לואיז, אַז דער דאָקטאָר האָט מיט וואָס זיך צו פאַרנעמען אויסער מיט אונז. אין צוויי טאָג אַרום פאָהרט ער אַוועק און ס'איז פאַרשטענדליך, אַז ער וועט פּאָרציהען צו פאַרברענגען די צייט מיט פרויען.

— לאָמיר שוין געהן! מען קוקט אויף אונז.

ראָזא האָט אַוועקגעשלעפּט מיט זיך מאַרי־לואיז, זי האָט איהר אָנגעוויזען אויף זשעני'ן און סעלינאַ'ן, וועלכע האָבען מיט זיכערע טריט דורכשפּאַצירט דעם סקוועַר.

— מיר טאָרען דאָ ניט שטעהן, אַז ניט וועלען מיר אויפ־וועקען פאַרדאַכט אין די אויגען פון די אַלע פרויען, וואָס „אַר־בייטען" אין דעם קוואַרטאַל... זיי וועלען מיינען, אַז מיר זיי־נען געקומען קאָנקורירען מיט זיי, און איך, ווי דו ווייסט, שעץ זעהר הויך מיינע אויגען!...

זיי האָבען זיך געלאָזט געהן. ראָזא האָט אויסגעזעהן אַזוי קליין אין איהר מאַנטעל, אַז מען האָט זי געקענט אָננעמען פאַר אַ קליין מיידעל, ווען ניט דער גלאַנץ פון איהרע שוואַרץ־אַפּעל און די פּראַכט פון איהרע גאָלדענע האָר, וואָס זיינען אין זיי־דענע לאָקען געהאַנגען איבער איהר נאַקען.

די דורכגעהער האָבען זיך אומגעקוקט אויף דער דאָזיגער גרופּע יונגע מיידלעך. עס איז געווען לייכט צו דערקענען, אַז אונטער די שוואַרצע מאַנטלען האָבען זיי געטראָגען ווייסע קליי־דער פון אונטער דעם מאַנטעל האָט אַרויסגעשטאַרט ווייסער מושלין און זיך געריסען, ווי ער וואָלט געוואָלט אַנטלויפען.

נאָך ליעבע

אויף די חוצפה'דיגע בליקען פון די פאַרבייגעהער, האָט לעאָני געענטפערט דערמיט, וואס זי האָט שפּאַסהאַפט גע־דראָהט מיט'ן פינגערל.

פאַר'ן אַריינגאַנג האָבען זיי זיך אָפּגעשטעלט.

— ווער וועט געהן נאָך בילעטען? — האָט געפרעגט זשעני, רוהיג, ווי שטענדיג און מיט אַזאַ מינע, ווי דאַס וואָלט געגאַנגען וועגען אַפּערע בילעטען, אָדער וועגען אַ פּשוט'ן וויזיט.

— איך וואָג ניט — האָט אַרויסגערעדט מארי־לואיז, דערלאַנגענדיג איהר פּאָרטמאַנע סעלינאַ'ן — גיט ניט אויס דאָס גאַנצע געלד, ווייל מען דאַרף נאָך אַהיים פאָהרען מיט דער באַהן, אָדער נעמען אַ דראָשקע און געהן נעכטיגען צו סע־ליסטען; איך האָב איהר וועגען דעם אָנגעזאָגט.

— בעסער וואָלט געווען, ווען מיר זאָלען מאַכען, אַז עמיץ זאָל אונז נעמען אויף אַ מיטאָג און אין דער פריה ערשט אַהיים פאָהרען — האָט מיט אַן ערנסטער מינע געזאָגט ראָזאַ.

מארי־לואיז האָט איהר גענומען אונטער דער האַנד:

— אויב דו וועסט נאָך אַלץ רעדען נאַרישקייטען, וועל איך ניט מיטגעהן מיט אייך.

— אָבער עס איז שוין צייט צו באַשליסען זיך.

זיי זיינען אַריינגעגאַנגען. סעלינאַ איז געגאַנגען פאַר־אויס.

פאַר'ן קאַסע־פענסטערל האָבען זיי זיך אַ ווײַלע באַראַ־טען.

מיט אַ פאַרטרויערט פּנים האָט זיך סעלינאַ אומגעקעהרט צו די שוועסטער:

— עס לאָזט זיך אויס, אַז היינט איז אַ ספּעציעלער אָווענד, עס קאָסט פינף פראַנק אַ בילעט! וואָס זאָגט איהר דערצו?

מארי־לואיז האָט געענטפערט:

אַ געיעג

— ניין, אזוי פיעל צאָהל איך ניט. פאַר דעם פּרייז וועל איך ליעבערשט געהן אין דער אָפּערא, וואו מען קען הערען עפּעס אנשטענדיגעס.

ראָזא האָט א צוק געטאָן מיט די פּלייצעס.

שמייכלענדיג זיינען צוגעגאנגען צו זיי די קאָנטראָלע־רען אין פראקען.

— צאָהלען פינף מארק דערפאַר, וואס מען וועט קוקען אויף אונז!

מיט א גיכער באוועגונג האָט ראָזא ארונטערגעווארפען פון זיך איהר מאנטעל. שטאט א פארוויקעלטער אין שווארצען, איז געשטאַנען איצט א הערליכע ראזע בלום איינגעוויקעלט אין מושלין. איהר קורץ קליידעל האָט געוויזען איהרע וואונדערבאַרע פיסלעך, וואס זיינען געווען געטליך באצירט אין ווייסען זאַמש.

— און פון אונז, מיינע הערען, — האָט זי ארויסגע־רעדט, אָנווייזענדיג אויף די שוועסטער, — וויפיעל פאדערט איהר פאר בילעטען?

זי איז געווען באצויבערענד אין איהר ארויסרופענדער גראציע און שפאסהאפט האָט זי געוועהט מיט׳ן פארטמאנע, וואס זי האָט געהאט צוגענומען פון סעלינא׳ן.

— צו פראנק פאר א בילעט, — האָט געזאָגט איינער פון די קאָנטראָלארען, וואס האָט זיך איינגעבויגען צו דער קאסי־רערין.

מיט א זיגערישען בליק, האָט זיך ראָזא אומגע־דרעהט צו מארי־לואיז.

— נו, מארי־לואיז, וואס זאגסטו אויף דעם?

— אז דו האָסט, מיין טייערע, זעהר א סך חוצפה.

— באמת? — האָט מיט א נאאיווער מינע געפרעגט ראָ־סא.

נאָך ליעבע

זיי זיינען אריין אין זאל, וואס איז געווען באלויכטעט מיט א בלענדענדער ליכטיגקייט.

ווען די שוועסטער האָבען אראפגענומען די מאנטלען, האָבען זיי מיט זיך פארגעשטעלט עפּעס אייגענטימליכעס; זיי האָבען געטראגען ווייסע שיך, מושלינענע קליידער, אויסגעשניטען פארענט און אויף דער פּלייצע. בלויז די קאלירטע בענדער ארום די טאַליעס האָבען געשטערט די הארמאָניע פון זייער טואַלעט: רובינען בענדער ביי מארי־לואיז און סעלינען, בלויע ביי ראזא'ן און זשעני'ן, לעאָני'ס בויגזאמע פיגור האָט ארומגענומען א העל־בלויער באנד.

ווען די שוועסטער האָבען זיך באוויזען, איז א מורמעל און א פארוואונדערונג דורכגעלאָפען דורך דער גרופּע פון מענער, וואס זיינען געשטאַנען ביים ארקעסטער.

נייגעריגע בליקען האָבען זיך געווענד אויף זיי. אונטער די גלעזער פון די מאָנאָקלען האָבען געברענט אויגען.

ניט פארלירענדיג זיך אויף א האָר, זיינען ראזא און לעאָני דורכגעגאנגען געאָרעמטערהייט איבער'ן זאל.

געשטופּט פון די ארומיגע פארלעך, באטויבט פון ארקעסטער, האָבען סעלינא און זשעני פארלאָרען פון אויג מארי־לואיז און געוואלט זיך פאראייניגען צו די אינגערע, וואס האָבען זיך געדרעהט צווישען די שווארצע פרעק.

א שרעק איז באפאלען מארי־לואיז, וועלכע איז געבליבען אליין; זי האָט זיך גלייך דערמאָנט, אז זיי האָבען זיך אָפּגערעדט צו טרעפען ביים ארקעסטער; זי האָט זיך א ביסעל בארוהיגט, ארומגעקוקט ארום זיך און מיט נייגעריגע בליקען באטראכט אָט די אומגעבונג, אין וועלכער ראזא און לעאָני האָבען גע'חלומ'ט אמאָל צו קעניגען.

אייניגע קאנדידאטקען אויפ'ן קאָנקורס פון די ליטקעס, האָבען זיך געדרעהט אין זאל אין לייוואנטענע בלוזעס. לאנגע

א געיעג

פון אלערליי קאלירען צעפ זיינען געהאנגען אויף זייערע פלייצעס. די פיס זיינען געווען ענטבלויזט.

די מענגע האט זיך א וויג געטאן און אוועקגעטראגען מארי־לואיז אין דער ערשטער רייה פון צושויער, וואס האבען ארומגערינגעלט די דאזיגע פרויען, די האלבע־מיידלעך, וואס האבען געטאנצט א קאדריל... זייערע הויכע ווייסע, געלע און שווארצע שיך, האבען זיך געהויבען צום טאקט, ווייזענדיג וועש פון צווייפעלהאפטער ריינקייט. די נערוועזע פיס האבען קוים אנגעריהרט דעם דיל און ווידער זיך געלאזען אין א שווינדעלדיגען וויכער לויט'ן ווילען פון די באלעבאטים, וואס האבען זיי געצאהלט פאר'ן טאנצען.

א טרויעריגער, טויטער אויסדרוק איז געלעגען אויף די אנגעפארבטע פנים'ער פון אט די אלע טענצערינס, מיט דעם זעלבען מידען זשעסט האט איינע פארווארפען א פוס אויף דעם אקסעל פון דער צווייטער; ווען עס האט זיך דערטראגען צו זיי עפעס אן אונאנשטענדיגע באמערקונג, האבען זיי זיך פריינדליך צושמייכעלט מיט זייערע שוין צופיעל רויטע ליפען. מארי־לואיז האט געקוקט אויף דעם אלעמען, וואס עס איז איהר געווען אזוי פרעמד און אין הארצען איז געוואקסען אן עקעל.

מענער זיינען אהער געקומען כדי צו שטילען זייערע נידעריגסטע אינסטינקטען, די מיאוס'טע ליידענשאפטען, וועלכע זיי האבען ניט געוואגט ארויסצואווייזען צו זייערע געזעצליכע ווייבער. מארי־לואיז האט זיך איינגעקוקט אויף די דאזיגע פנים'ער, אויף וועלכע עס איז אפען געווען אויסגעדריקט זייער ליידענשאפט, זיי אלע זיינען געווען אויפגערעגט פון דער נאהענטקייט פון די גאסען־פרויען, וואס האבען זיך געווארפען, ווי אין אן עפילעפטישען אנפאל און פארשפרייט ארום זיך דעם ריח פון שטארקען פערפום.

נאָך ליעבע

עס איז געווען א מאָמענט, ווען מארי־לואיז האָט שיער ניט געגעבען א פּאטש איינעם פון די מענער, וועלכער האָט, אוועק־קעהרענדיג זיך פון די טאַנצענדיגע, געוועגדט אויף איהר זיי־נע רונדע אויגעלעך, פארליגענדיג זיין קורצע, פעטע האנד אויף זיין וועסט, אין דער ברייט פון וועלכער, עס איז געהאנ־גען א מאסיווע גאָלדענע קייט.

דאָס בלוט האָט א זעץ געטאָן מארי־לואיז אין פּנים אריין; זי האָט געמאכט א טראָט אויף צוריק, זי האָט א שטופּ גע־טאָן א דזשענטעלמען אין א פראק; דאָס מיידעל האָט זיך איינגעבויגען, א קנאק געטאָן לייכט מיט דער צונג און ענטשולדיגט, דער דזשענטעלמען האָט א שמייכעל געטאָן, פאמיליאר אנגענומען דאָס מיידעל פאר'ן קין. זי האָט זיך א ריס געטאָן.

— לאָזט אפּ! איך בין ניט פון „יענע”.

זי האָט אָנגעצייגט אויף דער סטאדע מענשען, וואס האָט אונאנשטענדיג געטומעלט א פּאר טריט פון דאנען.

— אזוי?... איהר האָט געוואלט זאגען דערוויילע נאָך ניט פון „יענע”.... גוט, איך וועל צוואווארטען.

און איראָניש שמייכלענדיג, האָט ער זיך פארלוירען צווי־שען דער מאסע.

אין דער צייט, וואס זי איז געגאנגען צו די טרעפּ, זוכענ־דיג אן ארט, וואו זיך א ביסעל אפּצורוהען, האָט צו איהר אוים־געצויגען די הענד עפּעס א לאנגגעזיוקסיגער יונגערמאן:

— שעהנהייט מיינע! ערלויבט מיר מיט אייך צו טאַנ־צען.

— איך מיט אייך?

מיט דער לייכטקייט פון א הירשין איז זי אוועק, אי־בערלאזענדיג דעם יונגענמאן אין גאנצען אן ערשטוינטען.

אַ געיעג

ווי אַ ווייסע זעהונג, וואָס שימערט אויף און פאַר־שווינדט, האָט זי זיך אַ טראַג געטאָן איבער די טרעפּ.

אין דער הויך האָבן פּאָרלעך געטרונקען פאַרשידענע קאָלירטע געטראַנקען אין גלעזער פון די קאָמישסטע און וואונדערליכסטע פאָרמען. עפּעס אַ פרוי האָט געבעטען ביי אַן אַלטען הער אַ פראַנק צו קויפען קאָנפעקטען; אַ צווייטע, וואָס איז פאַרבייגעגאַנגען, האָט אויסגעצויגען די האַנד:

— שענקט צוויי סו, איך וויל אַן אַראַנזש.

אַ נעגער, אָנגעטאָן אין רויטען, האָט פאַרבייגעטראָגען אַ קוישעל מיט פּאָמעראַנצען.

רוהיג האָט דער אַלטער צוטיילט דאָס קליינגעלד, וואָס ער האָט געקראָגען פון דער קעשענע פון דעם ווייסען וועסטעל. זיין צווייטע האַנד האָט געבלאַנזשעט אויף דער פּלייצע פון דער שמייכלענדער פרוי.

אָנלענענדיג זיך אויפ׳ן פּאַרענטש פון די שטיגען, האָט מאַרי־לואיז אַרונטערגעקוקט אויף דעם שווימיגען ים פון מענשען. זי האָט באַמערקט ראָזע׳ן און לעאָני׳ן, וואָס האָבן געטאַנצט מיט עפּעס יונגע לייט. די שניי ווייסע סילועטען אין די שוואַרצע פראַקען האָבן זיך געדרעהט, געטראָגען זיך, צוזאַמענגעפלאָכטען זיך. אַ גרופּע מענער, האָבן אַרומגערינגעלט זשעני׳ן און סעלינאַ׳ן. פון אונטער די שוואַרצע האָר, וואָס האָבן געוועהט איבער איהר פּנים, האָבן סעלינאַ׳ס ברענענדיגע בליקען ניט פאַרלאָרען קיין צייט... לייכט רויט־ווערענדיג, האָט זשעני אומשולדיג און צערטליך געטאַנצט. די פרויען, וואָס זיינען פאַרבייגעגאַנגען פאַרביי אָט דעם טאַנעצנדיגען פּאָרל, האָבן עס מיט כעס געשטופּט.

מיט אַמאָל האָט זיך אויפגעהויבען אַ טומעל, עס האָבן זיך געהערט געשרייען פון באַגייסטערונג, אַ פּייפעריי, אַפּלאָדיסמענטען; זי האָט אַ קוק געטאָן... שווער אַטמענדיג האָט

נאָך ליעבע

זי געמאכט א פּאָר טריט אויף צוריק... אבער זי האָט ניט אוועקגענומען די אויגען.

ראָזא האָט צולאָזען איהרע האָר... פון די פּיס ביז'ן קאָפּ איז זי געוועו איינגעהילט אין א גאָלדענעם לאַנגען מאַנטעל, א ליכטען און דורכזיכטיגען, א בויגענדיגען זיך, פּונקט ווי א צושמאָלצענער מעטאַל. א גאָלדענער אפשיין איז געפאַלען אויף איהר אויפגעהויבען מושלינען קלייד. ווי כוואַליעס פון ים האָבען זיך פאַרלאַנגען געטראָגען צו איהר פון די צוקוקענדע, זיי האָבען זיך אָנגעכאַפּט אָן איהר טאַליע, אָן איהר קינדישער ברוסט. זקנים האָבען אָנגעשטעלט אונבאַוועגליכע בליקען אויף איהר פּנים, פון וועמעס אויגען עס האָט ארויסגעגלאַנצט דער הימעל; מיט פייכטע מיילער, האָבען זיי אויסגעשטרעקט זייערע הענד צו דער ליכטענדער, גאָלד לאָקיגער וויזיאָן... עמעס א פרוי אין א קאָסטיום צוגעשניטען אויפ'ן מענערשען אָרט, האָט געקוקט איינגעשפּאַרט אויף איהר דורכ'ן לאָרנעט.

מיט א מלאכים שמייכעל אויף די ליפּען האָט זיך דאָס מיידעל געטראָגען אין וואָלס, ווי זי וואָלט ניט באמערקט די גאַנצע אויפרעגונג, וואָס האָט זיך אויפגעהויבען. מיט דער בויגזאַמקייט פון א צווייג, האָט זי זיך געדרעהט אין די אָרעמס, וואָס האָבען זי געטראָגען אין דעם שטראָם פון ווייסע קליידער.

א לייכטע, א שוועבענדע האָט זי אַלץ נאָך געטאַנצט.

מאַרי־לואיז האָט אויפגעציטערט פון דעם אַלעם, פון דעם, וואָס עס האָט זיך אָפּגעשפּיגעלט אויף ראָזע'ס אָפּגעפּאַרבטען געזיכט און פון דעם בילד ווי לעאָני האָט א בארוישטע זיך אָנגעלעהנט אויף דער ברוסט פון איהר קאַוואַליער; זי האָט זיך געקליבען ארונטערצוגעהן און צו מאַכען אָן ענדע פון דעם אַלעם — אָבער מיט א מאָל האָט זי דערפיהלט, ווי א שווערע

אַ געיעג

האנד לאָזט זיך אַרונטער אויף איהר אַקסעל. אַ צושראָקענע האָט זי זיך אומגעדרעהט: פאַר איהר איז געשטאַנען אַנדרע וויניאַלאַ.

אַנדרע איז געווען בלייך. אַזוי בלייך האָט איהם מארי־לואיז נאָך קיינמאָל ניט געזעהן... מיט אַרונטערגעלאָזענע ברעמען איז ער געשטאַנען נעבען איהר ציטערנדיג פון איינגעהאַלטענעם כעס.

— וואָס טוט איהר דאָ?

זיין קול האָט שאַרף געקלונגען.

— מיך וואונדערט גאַרנישט וואָס אייערע שוועסטער זיינען דאָ, אבער איהר, מארי־לואיז! ווי אַזוי האָט איהר ערלויבט זיך פאַרשלעפּען אין אַזאַ אָרט! ווילט איהר באמת ווערען אַ...

ער האָט מיט אַזאַ טיפע פאַראַכטונג אַרויסגערעדט אַ גראָב זידעל־וואָרט, אַז מארי־לואיז האָט זיך געפיהלט באַליידיגט ביי דעם געדאַנק אַז איהרע שוועסטער זיינען שוין אַרויפגעטראָטען אויף יענעם גליטשיגען וועג, אויף וועלכען דאָס לעבען אַליין האָט זיי געשטופּט, אַ טייל לויט זייער אייגענעם ווילען און די אַנדערע — געגען זייער ווילען... אין איהר האַרצען האָט זיך אויפגעהויבען אַ ביטערער כעס געגען אַלע מענער, וואָס האָבען זי ניט געלאָזען צו־רוה, ווען איהר האָט זיך געוואָלט געהן האַנד אין האַנד מיט איינעם און ניט זיין אַ צייטווייליגע באַפרידיגונג פאַר פיעלע.

— איהר האָט קיין שום רעכט ניט, אַנדרע, צו פאַראַכטען יענע פרויען, צו וועלכע איהר ווענדט זיך אַליין, און וועמעס סאָציאַלע נויטווענדיגקייט איהר האָט נאָך נעכטען צוגעגעבען... אָט די אַלע מענער, וואָס וויקלען זיך אַרום אַרום זייערע קרבנות, זיינען עהנליך אויף אייך! וועה איז צו זיי, אויב די פרויען

נאָך ליעבע

נעהמען אמאָל נקמה פון זיי און ווערען אליין הענקער... איך בין גרייט איינצושטימען, אַז ראָזע'ס און לעאָני'ס שעהנהייט זאָל דיענען אלס נקמה פאַר די אלע באַליידיגונגען, וואָס אונז קומט אויס איבערצולעבען, זייט מיר האָבען מעהר קיין מאַנס־פערזאָן ניט אין הויז!

די ווערטער האָבען זיך געשאָטען און ווען געטאָן אַנדרע'ען, וואָס האָט זיך געפיהלט הילפלאָז געגען דעם קאַלטען גרימצאָרן, מיט וועלכען מארי־לואיז האָט גערעדט.

— גיט אַ קוק אויף זיי, — האָט זי פאָרטגעזעצט צוציהענדיג דעם דאָקטאָר צום פאַרענטש פון דעם באַלקאָן, פון וואַנען עס האָט זיך געזעהן אלץ, וואָס טוט זיך אונטען. — גיט אַ קוק אויף זיי. זיינען אָט די מענער, וואָס שטופען זיך ארום מיינע שוועסטער ניט עהנליך אויף אייך? אָט, למשל, דער, וואָס האָט זיך אָפּגעשטעלט פאַר דער קליינער ברונעטין. ער איז יונג, קלוג... מסתמא רייך... און אהער איז ער געקומען פאַר נייע אויפרעגונגען.

— מארי־לואיז, איך בעט אייך!

— ניין, איך וועל ניט שטיל ווערען! איהר האָט ניט קיין רעכט אונז צו אורטיילען! איהר, וואָס זייט אונפעהיג צו מאַכען גליקליך אַן איין־איינציגע פרוי!

— ווי אזוי קענט איהר עס וויסען?

מיט משוגענע בליקען האָט ער געדריקט איהרע הענד. איינהאַלטענדיג זיך, ניט צוצושרייען זיך פאַר וועהטאָג, האָט זי ארויסרופענד אַ קוק געטאָן אויף איהם:

— אלע זייט איהר גלייך! אלע! פון איין בלאָטע זייט איהר אלע געמאַכט! אין אייך אלע רעדען די זעלבע אינסטינקטען, וואָס זיינען גענוג שטאַרק אויסצוהאַלטען אַ גאַנצע אַרמעע פון זינדיגע נפשות אין דער צייט ווען די, וואָס בלייבען ביי

א געיעג

זייער טוגענד, שטארבען פאר הונגער. טוגענד איז א לוקסוס, וואס ניט יעדער קען עס זיך פארגינען.

נערוועז האט מארי־לואיז געלאכט וועלענדיג באפרייען די הענד, וואס אנדרע האט שטארק געהאלטען אין זיינע.

— איהר טוט מיר וועה, לאזט מיך, געהט אייך!

די פארבייגעהענדע מענער האבען נייגעריג געקוקט אויף דער שעהנער פרוי, וועלכער, ווי עס זעהט אויס, דער געליעבטער האט פארגעטערט. איינינע האבען געשמייכעלט.

אנדרע איז עמפערט געווארען.

— קומט, מארי־לואיז, קומט איך בעט אייך!

די כחות האבען מיט א מאל פארלאזען דאס יונגע מיידעל, א ציטער איז דורכגעלאפען איהר גאנצען קערפער; איהר איז פינסטער געווארען אין די אויגען; זי האט זיך אנגעכאפט אן אנדרע'ס האנד, כדי ניט צופאלען.

— מארי־לואיז, איך וויל ניט, אז אייך זאל ניט גוט ווערען. קומט גלייך פון דאנען!

אנדרע'ס צערטליכע שטימע האט איהר צוגעגעבען מוט.

— קומט. איך ווער שיער דערשטיקט.

ער האט זי גענומען מיט זיך, שטופענדיג די פארלעך, וואס ער האט באגעגענט אויפ'ן וועג. די פארלעך האבען דורך די ציין ארויסגעלאזען קולות אויף דעם אדרעס פון די דאזיגע אונגעדולדיגע פארליעבטע.

— וואס וועט זיין מיט מיינע שוועסטער, אנדרע? מיר דארפען זיי אנזאגען.

אונענטשלאסען האט ער גענומען זוכען מיט די אויגען די מיידלאך, וואס האבען, ווי פריהער, געטאנצט אין א קרייז פון באצויבערטע צושויער.

— זשעני!

נאָך ליעבע

מארי־לואיז האָט מיט'ן אויג דערכאַפּט די שוועסטער, וועל־כער סעלינא האָט געפיהרט פאר דער האנד.

— אנדרע!

די יונגע מיידלעך זיינען רויט געוואָרען. דערנאָך, ווען זיי האָבען באמערקט, ווי מארי־לואיז איז בלייך, האָבען זיי צושראָקען געפרעגט:

— ביסט קראנק? ווילסט אהיים געהן?

— ניין, איך פיהל זיך גאַנץ גוט... איך בין אביסעל באַ־טויבט פון אַט דעם גאַנצען טומעל... איך האָב אַ קליין ביסעל קאָפּ־וועהטאָג. איך וועל אביסעל ארויסגעהן מיט אנדרע'ען... די פרישע לופט וועט מיר לייכטער מאכען... ארום מיטען־נאכט וועל איך קומען נאָך אייך.

אנדרע האָט זי ארויסגעפיהרט. מיט פארטרויען האָט זי זיך אָנגעשפּאַרט אָן אנדרע'ס האנד. זי האָט זיך געלאָזט איינ־הילען אין דעם מאנטעל, און וועלכען אנדרע האָט זיך אָנגע־כאפּט מיט אַ פיבערהדיגער שנעלקייט, כדי צו פארדעקען דעם פראכטפולען לייב, צו וועלכען אנדרע האָט ניט געוואגט זיך צו־צוריהרען און אויף וועלכען מענער האָבען היינט אָוועגד גע־קוקט מיט ליידענשאפטליכע בליקען.

זייענדיג אויפ'ן טראָטואַר, האָט אנדרע זיך געפרעגט, וואו־הין זאָל ער אוועק אום צו קענען זיין אויג אויף אויג מיט מארי־לואיז. ארויסקומענדיג אויף דער פרייער לופט, האָט זי זיך געפיהלט בעסער.

זיי האָבען גענומען אַן אויטאָמאָביל און ניט טראכטענדיג פיעל האָט אנדרע געהייסען פאָהרען אין גראנד־האָטעל, וואו עס איז איהם זעהר געפעלען געוואָרען דער זאָל, וואָס איז געווען אין גאַנצען באציערט מיט גרינס.

אין צייט פון פאָהרען האָט ער ניט גענפענט די ליפּע...

אַ געיעג

זעצענדיג זיך אין אַ ווינקעל פון אויטאָמאָביל, האָט ער זיך ניט צוגעריהרט צו מארי־לואיז כדי ניט צו פיהלען די ווארעמ־קייט פון איהר לייב און ניט איינזאפּען אין זיך דעם ריח פון איהרע פּערפומען; ער האָט זיך באמיהט ניט ארויסצואווייזען זיין אינערליכע אונרוהיגקייט. ער האָט זיך איינגעשפּארט גע־האלטען אָן זיין טעאָריע: אין אָנפאנג האָט ער געוואָלט, אז ער זאָל זיין ווילקאָמען ווי אַ געליעבטער, און שפּעטער ערשט — ווי אַ מאַן.

ווען ער זאָל זיך וועלען איינהערען בלויז צו זיינע אינ־סטינקטען, וואָלט ער זיך אַ וואָרף געטאָן אויף דעם מיידעל, אונטער וועמעס קאלטער מאסקע ער האָט געפיהלט אַ גרויסע ליידענשאפט... ער וואָלט זי אַ כאַפּ געטאָן, אוועקגעטראָגען, באגאנגען זיך מיט איהר ווי אַ ווילדער... אָבער ער האָט גע־וואָלט זיך באשאפען אַ באשטענדיגען גליק, ניט עפּעס פארביי־געהענדעס.. אָ, ס'ארא טריאומף־געשריי וועט זיך ארויסרייסען פון זיין הארצען, ווען דאָס דאָזיגע ציטערדיגע מיידעל, אַ פארמאטערטע פון לאנגען ווארטען, וועט אויסציהען צו איהם איהרע הענד און וועט זיך איהם פאָרלעגען, וועט איהם בעטען, אז ער זאָל זי מאכען פאַר זיינער.

קיינע פון די יונגע מיידלעך, וואָס זיינען איהם פאָרגע־שטעלט געוואָרען, איז ניט געווען פעהיג אויף אזא שריט! זיי וואָלטען געוואַרט, אז אנדרע זאָל זיי ענטפּלעקען דעם סוד... איין מארי־לואיז, וואָס איז אויסגעוואַקסען אויפ'ן שויס פון דער נאטור, האָט געקענט איהם געבען צו פיהלען דעם פולען גענוס פון ליעבע. בלויז זי אליין האָט געקענט באגרייפען די גאַנצע שעהנקייט פון אזא קרבן. און אָנגעזיכט פון איהר צובראָכענעם שטאָלץ, וואָלט אנדרע אוועקגעלעגט זיין געוועהר, וואָלט זי ליעב געקראָגען אויפ'ן גאַנצען לעבען! ער האָט גע־

נאָך ליעבע

וואָלט געניסען אַט די נידערלאַגע, וואָס וואָלט געקומען אַ דאַנק דער עהרליכער און שטאַרקער צוגעבונדענקייט, וואָס ער האָט געפיהלט צו מארי־לואיז.

דאָס אָפּשטעלען זיך פונ׳ם אויטאָמאָביל האָט צושטערט אַנדרע׳ס חלומות.

ער האָט געהאָלפען מארי־לואיז ארונטערצושטייגען. ווען די האנד פון דעם מיידעל האָט אָנגעריהרט זיין האנד, איז אַ ציטער דורכגעלאָפען דורך זיין לייב. ער איז דורכגעגאַנגען דעם וועסטיבול, דעם זאַל און אריין אין אַ כמעט לעדיגען צימער, וואו אייניגע אויסלענדער האָבען גערויכערט, געלעזען, שטיל געפּלוידערט אונטער די קלאַנגען פון אַ נישט זעהבארען אָר־קעסטער.

אַנדרע און מארי־לואיז זיינען געזעסען ביים טיש. פאר זיי איז געשטאַנען טיי און געבעקס. זיי האָבען מעכאַניש באַ־וועגט זיך, זייענדיג פארנומען מיט דעם, וואָס זיי וועלען ענדליך זאָגען איינער דעם צווייטען.

מארי־לואיז האָט אַנגעשטרענגט געקוקט אויף די אוזאָרען פון טעפּיך, ווארטענדיג אויף אַ נס.

— הערט, מארי־לואיז.

זי האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ און דערזעהן, אַז אַנ־דרע׳ס פראַכטפולע אויגען האָבען אַ גלאַנץ געטאָן און פון זיי האָט ארויסגעלויכטען אַ צארטער שיין; איהרע וויהעס האָבען אַ ציטער געטאָן.

— הערט מיך אויס, מארי־לואיז: אין צוויי טאָג ארום פאָהר איך אוועק... איך וואָלט געוואָלט אוועקפאָהרען מיט׳ן באוואוסטזיין, אַז איהר זייט גליקליך.

— גליקליך, איך?

אַ גע יעג

זי איז זיך פאַרגאַנגען מיט אַ ביטער געלעכטער, וואָס האָט טרויעריג אָפּגעקלונגען אין אַנדרע'ס האַרץ.

— איהר קענט זיין גליקליך, אויב איהר וועט עס נאָר וועלען, מאַרי־לואיז.

ער האָט גערעדט מיט אַ קלאָרער, פאַרשטענדליכער שפּראַך. אַ געטראָפענע פון זיינע ווערטער, האָט זיך דאָס יונגע מיידעל געפרעגט, וואָס עס באַדייטען זיינע ווערטער. ער פאָהרט אַוועק אין צוויי טעג אַרום... ווי אַזוי קען זי זיך פיהלען גליקליך?

זי האָט איבערגעריסען איהרע געדאַנקען; אַנדרע האָט פאָרטגעזעצט:

— האָט איהר קיינמאָל ניט געטראַכט פון שטעלען זיך אין אַן אונאָפּהענגיגער לאַגע פון אייער פאַמיליע, אויסער דעם קרייז פון אייערע שוועסטער, אויסער דער גאַנצער אומגעבונג וואו איהר פּטר'ט אומזיסט אייערע קרעפטען? וואָלט עס דען ניט געווען פאַר אייך אַ גליק צו לעבען באַזונדער, פיהרענדיג אייער אייגען באַלעבאַטישקייט אויף מיטלען, וואָס איך וואָלט אייך געהאָלפען פאַרדיענען? די זאַך באַשטעהט אין דעם, וואָס איך פיהל צו אייך אַ גרויסע צוגעבונדענקייט, און מיר ווערט שווער פון'ם געדאַנק, אַז איהר זייט אומגליקליך.

נאָר אַנדרע'ס ווערטער האָט זי ערוואַרט! עס האָט זי אַרומגענומען אַ טיעפע בענקשאַפט מיט אַ צומיש פון אַ ניט שעהנעם שטאָלץ.

— וואָס ווייסט איהר דערפון? — האָט זי אויסגעשריען העזה'דיג.

מיט אונצוטרויען האָט ער אַ שאָקעל געטאָן דעם קאָפּ.

— אָרעם מיידעל! איהר נאַרט בלויז זיך אליין! מיינט איהר באמת, אַז איך פיהל ניט, ס'אַ טיעפער טרויער איז פאַרבאָרגען אונטער אייער געלעכטער, אונטער אייער איראָניע

נאָך ליעבע

און אפילו אונטער אייער פיינדשאפט! מיינט איהר באמת, אז איך זעה ניט די טרויעריגע קאָמעדיע, וואָס אייך קומט אוים צו שפּיעלען אין קרייז פון אייערע עגאָאיסטישע שוועסטער און אייער קינדישער מוטער! ווי זאָל איך ניט ציטערען, אז אייך קומט אוים צו זיין נאָהענט מיט די, וואָס מאכען טרויעריג אייער נשמה, ווען עס קומט אייך אוים צו שלעפּען זיך אונטער די קוליסען. וועלכע מענשען פּארטשעפּען אייך דאָרטען, וועל־כע זינד?

— קיינע. איך פּארזיכער אייך אין דעם, אנדרע. בלויז א שמייכעל רופען ארוים ביי מיר די אַלע פּאַיאצען. איך אר־בייט, נעה, געה און פיל אוים מיינע פליכטען, ווי איך וואָלט געווען א מאשין.

מיט אויגען, וואָס זיינען געווען ערגעץ אין דער ווייט גע־וועגדט, האָט מארי־לואיז געזוכט א שטראַהל אויף איהר פינ־סטערען וועג... וועט אויף דעם וועג, וואו דאָס מיידעל איז אויסגעגאנגען פון די קרעפטען, אויפגעהן פאר איהר אנדרע'ס נשמה? זי האָט געעפענט דעם מאנטעל; איהר הויכער ביוסט איז געווען ארומגענומען מיט א העלען מושלין. אנדרע האָט געזעהן, ווי אונטער דעם געוועב האָט זיך געהויבען איהר ברוסט.

— אָבער פאר אנדערע עקזיסטירט איהר יאָ. איהר זייט ניט קיין פּראָסטע מאשין אין זייערע אויגען, מיט וועלכע זיי טוען אייך אפילו אוים. זיי האָבען ניט קיין מאָראַלען געפיהל. אין זייער קרייז ווערט איהר אָן ניט ווייניג טייערע שעה'ן פון אייער געזונטער יוגענד, וועלכע איהר וועט פּטר'ן, — אויב איהר וועט זיך ניט אָפּהיטען — קומענדיג אין באריהרונג מיט אַלע זינד, וואָס פּילען אָן די שטאָדט... ווי מיינט איהר, מארי־לואיז, אייער פּאָטער וואָלט געדולדעט אזוינע באקאנטשאפטען? ביים דערמאָנען דעם פאָטער, האָט א טרעהר זיך אראָפּגע־

אַ גערעג

קייקעלט אויף מאַרי־לואיז׳ס בלייכען פּנים. מיט פאַרוואורף האָט זי אַ קוק געטאָן אויף אַנדרע.

— דערמאָנט מיר נישט די פאַרגאַנגענהייט, אויב מיר איז שוין באַשערט דערשטיקט צו ווערען אין אָט דעם שמוץ.

אַנדרע האָט זי גענומען פאַר די הענד. זיינע אויגען האָ־בען טיעף אַריינגעקוקט אין מאַרי־לואיז׳ס אויגען; ער האָט אין זיי געקוקט מיט אַזאַ צערטליכקייט, אַז זי האָט אַוועקגע־דרעהט דעם קאָפּ, כדי ניט צו ווייזען איהם איהר אויפרעגונג.

— ניין, מאַרי־לואיז, קעהרט ניט אָפּ פון מיר אייערע אויגען. קוקט אויף מיר! איך האָב אַ רעכט צו רעדען צו אייך ווי אייערס אַ גוטער חבר, וואָס זאָרגט זיך פאַר אייער צו־קונפט: אייער אָרט איז ניט צווישען אייערע שוועסטער... הערט זיך איין, מיר איז איינגעפאַלען אַ געדאַנק, וואָס וואָלט אַלץ איינגעאָרדענט אַם בעסטען: וואָלט איהר ניט וועלען שטודירען פאַר אַן אַקושערין? איהר זייט אין גאַנצען זעקס און צוואַנציג יאָהר. איהר וואָלט געקענט אַריינטרעטען אין אַ היגען האָספּיטאַל, וואו איך האָב פיעלע באַקאַנטע און איהר וואָלט זיך געפונען אַ קרייז פון סימפּאַטישע מענשען. איך וואָלט אייך אויסגעהאַלטען אין דער צייט פון דער לעהרע, און שפּעטער, ווען איהר וואָלט געקראָגע דעם דיפּלאָם, וואָלט איך אייך איינגעאָרדענט... קוקט ניט אַזוי שטרענג אויף מיר, מאַרי־לואיז, ענטפערט מיר!... געפעלט עס אייך?... ניין? וואָס דענקט איהר? אַך, ניין! זאָגט מיר, איז אייך ניט איינגעפאַלען אַ שלעכטער געדאַנק?

— יאָ, איינגעפאַלען, — האָט פּאַמעליך געענטפערט דאָס מיידעל, אַרונטערלאָזענדיג די וויהעס, — פּשוט, איהר וויקעלט עס איין אין אַן אַנשטענדיגער פאָרם... אָבער איהר ווילט מיך קויפען פּונקט אַזוי, ווי עס וואָלט עס געטאָן יעדער מאַן, וועמען

נאָך ליעבע

איך וואָלט זיך געקענט פארקויפען היינט אָוועגד, ווען איך וואלט עס נאָר געוואלט... אבער ווייסט, אנדרע, איך בין בעסער גרייט זיך אפצוגעבען דעם ערשטען בעסטען נאַבאָל, ווי פארקויפען זיך אייך.

בלייך ווי דער טויט האָט זי זיך אויפגעשטעלט און א וואקעל געטאָן זיך. מיט די נעגעל האָט זי אנדרען איינגעגעסען אין זיינע הענד פיהלענדיג א באדערפניש צו צוברעכען עפעס אויף פיץ־פיצלעך.

זי האָט צוגעלעגט:

— דאָקטאָר לארשע, וואָס היילט איצט סעלעסטען, האָט פונקט אויף אזא אופן זיך באפרייט פון זיין פריהערדיגער געליעבטער, מיט וועלכער ער איז זיך צוזאמענגעקומען, ווען ער איז נאָך געווען א סטודענט... ווען ער האָט לעצטען יאָהר חתונה געהאט פאר א רייכער כלה, האָט ער זיין געליעבטע געמאכט פאר אָן אקושערין. זיי שיקען איינער דעם צווייטען פאציענטען. איז דאָס נישט ריהרענד?... אלע געליעבטע פון די סטודענטען ווערען ענדליך אָקושערינס! איך פיהל ניט קיין עקעל צו דער פראָפעסיע, אָבער ניט אויף אייערע מיטלען וואָלט איך געוואָלט זיך גרייטען דערצו.

זי האָט איבערגעריסען איהר רעדע:

— קומט, אנדרע, און פיהרט מיך אין טאבארען! די שוועסטער זיינען שוין זיכער אומרוהיג איבער מיר.

ער האָט זיך אָנגעלעהנט אָן דער שטול, ציטערנדיג מיט די פלייצעס. וואס האָבען איהם געאַרט אנדערע, ווען די איינציגע, אויף וועלכער ער האָט געהאָפט, איז געבליבען הארט און אָפּגעזאָגט זיך פון זיין הילף.

— אין אמת'ען, מארי־לואיז, — האָט ער גאנץ שטיל ארויסגערעדט, — איז אין אייך ניט פארבליבען קיין שום

א געיעג

גוטעס און ריינעס! דער שמוץ האָט דערגרייכט צו אייער האַרץ און פאַרגאָסען אייער נשמה. עפּעס אומריינעס איז פאַראַן אין אייך! איהר גלויבט ניט מעהר, אז מען קען עפּעס טאָן אָהן איינגעננוצען. איך האָב אייך פאַרגעלעגט מיין הילף, מיין ראַט אָהן וועלכען ניט איז הינטערשטעלען געדאַנק, פּונקט אזוי ווי איך וואָלט צושניטען אַן עפּעל און אייך געגעבען א העלפט דערפון. איך בין ניט רייך, אָבער איהר ווייסט, אז איך פּטר ניט מיין געהאַלט, וואס איך באַקום. ווי איהר זעהט, האָב איך לייכט געקענט אָפּפערען מיט א געוויסער סומע, כדי אייך צו באַפרייען פון דער דריקענדער סביבה, וואָס איז, לויט מיין מיינונג געפעהרליך פאַר אייך. אויף מיין פאַרשלאַג האָט איהר געענטפערט מיט דעם עקעלהאַפטעסטען פאַרדאַכט... פּונקט ווי איך וואָלט אייך שוין פון לאַנג ניט געקענט נעהמען מיט כח, אויב איך וואָלט עס נאָר וועלען.

מיט א דומפער שטימע, וואָס איז געווען אָנגעפילט מיט שנאה, האָט אנדרע ווידערהאָלט זיינע רעד, ברעכענדיג מאַרי-לואיז׳עס הענד:

ווען איך וואָלט עס נאָר וועלען!... ווען איהר דען האָבען מוט צו לייקענען, אז איהר וואָלט געוואָרען מיינע נעכטען און נאָך פריהער, ווען איך וואָלט עס נאָר וועלען!

ער האָט אָפּגעלאָזען איהרע הענד, ציהענדיג די ווערטער:

— אָבער איך... וויל... דאָס... ניט!!

שווייגענדיג, מיט אַראָפּגעלאָזטע הענד זיינען זיי ביידע געשטאַנען, קוקענדיג איינער אויפ׳ן צווייטען און ניט זעהענדיג איינער דעם צווייטען. אין דער צייט זיינען די פידלען אַנט-שוויגען געוואָרען זינגענדיג וועגען קושען. עס זיינען אריינגע-קומען שמייכלענדיגע פּאָרלעך; פרויען אין בריליאַנטען האָבען זיך פעסט געדריקט צו זייערע באַגלייטער.

נאַך ליעבע

אנדרע האָט זיך באַפרייט פון דעם פאַרגליווערטען צו־שטאַנד; ער האָט זיך אויפגעהויבען און אַ קוק געטאָן אויפ'ן זייגער.

— ס'איז צייט צו פאָהרען צו אייערע שוועסטער, — האָט ער געזאָגט אָפּגעהאַקט.

זיי זיינען אַרויס. דער העל־באַלויכטענער בולוואַר איז געווען פול מיט שפּאַצירענדע.

די וואַרעמע נאַכט איז געווען פול מיט'ן אַראָמאַט פון פרויען און פריהלינג.

אנדרע האָט זיך דערפיהלט איינזאַם צווישען דער גלייכ־גילטיגער מאַסע. מאָרגען פאָהרט ער אַוועק פול מיט שרעק פאַר מאַרי־לואיז, פאַר דער צוקונפט פון אָט דער שעהנער מיי־דעל, נאָך וועלכער עס האָבען זיך אומגעקוקט מענער. ער האָט געפיהלט, אַז זיינע נערווען זיינען אָנגעצויגען, ווייל עס איז איהם ניט געלונגען צו באַשטימען זייער צוקונפט.

ער האָט אַ צייכען געגעבען דעם קוטשער: ער האָט גע־וואָלט וואָס גיכער אַריינזעצען מאַרי־לואיז אין דער קאַרעטע, כדי צו קענען אַנטלויפען פון איהר. ער האָט ניט געקענט מעהר איבערטראָגען די נאָהענטקייט פון דעם קערפּער, וועלכען ער האָט געוואָלט אַזוי באַזיצען אין אָט דער נאַכט, וואָס האָט גע־אָטעמט מיט גליק, ווען אַרום זיי האָבען זיך געדרעהט פאַרליעך פעסט געאָרעמט.

— איך וועל אייך ניט באַגלייטען, מאַרי־לואיז... איך וויל נאָך זיין אין דער היים היינט. די קאַרעטע וועט אייך צופיהרען צו טאַבאַרען, וואו איהר וועט טרעפען אייערע שוועס־טער...

ער האָט אַ רוק געטאָן אַ מטבע אין דעם קוטשער'ס האַנד אַריין.

אַ געיעג

— זייט געזונד, מארי־לואיז. איך וועל אייך שוין מעהר ניט זעהן... איבערמאָרגען פאָהר איך אוועק... איך וועל נישט אָפּטרעטען ביי אייך... איהר וועט מיר ענטשולדיגען עס... איך וויל ניט, אז אייער לעצטען „אדיע” זאלט איהר מיר זאגען אין דער אנוועזענהייט פון פרעמדע.

ער איז געשטאַנען אויפ'ן טרעט־ברעט פון דער קאַרעטע. דאָס יונגע מיידעל האָט געציטערט, ניט קוקענדיג אויף דער וואָרעמקייט פון דער פאַרשטערענטער נאַכט.

ער האָט זיך איינגעבויגען, זוכענדיג אין דער פינסטער איהרע אויגען. זיין קאָפּ האָט זיך איינגעבויגען איבער אַ בלייך געוואָרענעם פּנים, איבער וועלכען עס האָט פּאַמעליך גערונען אַ טרעהר, וואָס איז אָפּגעווישט געוואָרען פון זיין קוש.

— מארי־לואיז!

דורשטיג האָבען זיינע ליפּען איינגעזאַפּט אין זיך דעם אָטעם, דאָס לעבען, די גאַנצע נשמה פון אָט דער טרויערענדער מיידעל.

— האָט מיך ליעב, מארי־לואיז. גלויבט, איך האָב עס פאַרדיענט.

אוועקדרעהענדיג זיך, איז אַנדרע פאַרשוואונדען געוואָרען אין דער פינסטערניש פון דער נאַכט, וואָס האָט געלאַקט צו געגנוס...

7.

איינבויגענדיג די פּלייצעס אונטער דעם דורכדרינגענדען ווינט, וואָס האָט איהר געבלאָזען אין פּנים אריין, איז מארי לואיז געגאַנגען מיט גיכע טריט אין דעם קאַלטען אָקטאָבער

נאָך ליעבע

טאָג; זי האָט ניט געשאָנקען קיין אויפמערקזאַמקייט צו די בליקען פון די פאַרבייגעהענדע.

פאַריז האָט אין איהרע אויגען אויסגעזעהן טרויעריג, ניט קוקענדיג אויף די פראַכטפולע מאַגאַזינען, מיט זייערע לאַקענדע שילדען, וואו די פאַרפיהרונג, בעהאַלטענדיג זיך אונטער די טייערע שפּיצען און זיידענס, האָט געלויערט אויף די פאַרביי־געהענדע פרויען.

ווי אַ בלינדע איז זי געגאַנגען, גלייכגילטיג צו אַלץ וואָס האָט זי אַרומגערינגעלט, אַ פאַרמאַטערטע האָט זי געטראַכט וועגען די טרעפען אויף וועלכע איהר וועט אויסקומען באַלד אַרויפצושטייגען, פונקט ווי נעכטען, ווי אַלע טעג. זי הערט שוין, ווי סעלעסטאַ וועט איהר מיט אַ פוילען קול אויספרעגען וועגען סען־מאַר, דערנאָך וועט זי נעמען זיפצען וועגען דעם, ווי נאַריש די אַנטרעפּרענאָרען זיינען, אַז זיי קענען זיך ניט געהעריג באַנו־צען מיט איהר טאַלאַנט און גלייך וועט זי איבערגעהן אויף רכילות וועגען איהרע פריינדינס.

שוין אַ גאַנץ יאָהר, נאָך דעם, ווי מאַרי־לואיז זיצט אָפּ די פריה־מאָרגענס ביי דער אַרבייט, מאַכט זי די דאָזיגע רייזעס בלויז צוליעב דעם, אַז זי זאָל הערען די זעלבע רייד און זעהן די זעלבע קאָמעדיע, וואָס ווערט געשפּילט צווישען סעלעסטאַ'ן און איהר מוטער, דעם שעהנעם וויניאַז און טיילמאָל אויך זיין פאַטער.

צווישען גלייכגילטיגע און פיינדליכע מענשען איז געגאַנ־גען מאַרי־לואיז איינגעבויגען אונטער דער שווערער משא פון איהר בייזען שיקזאַל. איז דען איהר באַשערט שטענדיג צו געהן אַליין, אָהן אַ וועגווייזער, אָהן אַ פריינד, אָהן וועלכער ניט איז האָפנונג? אַ טיפער טרויער האָט אַרומגענומען איהר נשמה; עס האָט איהר געמאַטערט אַ שרעקליכער געדאַנק, אַז עס

אַ גע־יעג

עפענט זיך פאַר איהר אַ וועג אָהן וועלכען ניט איז ציעל, אָן אונענדליך לאַנגער, אַן איינזאַמער און פינסטערער... אמת, אין דעם חושך, אין וועלכען עס האָט זיך געפונען איהר נשמה, האָט געשימערט אַ פייערעל, אָבער אַזאַ מאַטער, אַזאַ ווייטער, אַז עס האָט זיך געדאַכט, אַז ער וועט צושוואומען און פאַרלאָשען אין דער ווייטקייט.

„האָט מיך ליעב, מארי־לואיז, גלויבט, איך פאַרדין עס!"

אַנדרע וויניאַלאַ, וואָס איז אַוועקגעפאָהרען פון סען־מאַר אויפ'ן צווייטען טאָג נאָך דעם, ווי ער האָט זי געטראָפען אין טאַבאַרען, האָט איהר איבערגעלאָזען די דאָזיגע פאָר ווערטער, וועלכע ער האָט קוים הערבאַר אַרויסגערעדט נאָך פריהער, דאַ־מאָלס, ווען ער האָט זי אַריינגעזעצט אין דער קאַרעטע.

עפענענדיג אין דער פריה דאָס פענסטער, האָט זי געפונען דאָס דאָזיגע צעטעלע... אויף דער צווייטער זייט פון וועג איז געשטאַנען זיין הויז, אַ פאַרלאָזענע מיט פאַרמאַכטע לאָדען.. אַנדרע'ס הויכער סילועט וועט זיך שוין מעהר ניט ווייזען אין דער שכנ'ישער אַלעע. זיין ווייס שיפעל וועט זיך שוין מעהר שטיל־שטיל ניט דערטראָגען צו דעם ברעג, און דער יונגערמאַן וועט מעהר ניט רופען זיינע יונגע פריינדינען ; אַן אַנדער שיף פיהרט איהם איצט ווייט איבער ים'ען.

„האָט מיך ליעב, מארי־לואיז, גלויבט, איך פאַרדין עס!"

די דאָזיגע ווערטער האָבען זיך אַזוי איינגעגעסען אין איהר האַרץ, אַז זיי לעבען שוין אין איהם איבער צוויי יאָהר!

און פון יעדען האַפען, וואו די שיף האָט זיך אָפּגעשטעלט, פאָהרענדיג נאָך מאַדאַגאַסקאַר, האָט מארי־לואיז באַקומען אַ פאָר פריינדליכע ווערטער כמעט אַ צערטליכען גרוס. שפּעטער האָט אַנדרע פון דער טיפעניש פון קיינמאָל ניט באַטראָטענע וועלדער געגומען איהר שיקען זיין טאָג־בוך. קיין איין פּאָסט

נאָך ליעבע

איז ניט אָנגעקומען וואָס זאָל ניט האָבען מיט זיך א גרוס פאר מארי־לואיז. דאָך האָט ער קיינמאָל ניט דערמאָנט וועגען יענעם אווענד, ווען די אויפרעגענדע באַגעגעניש אין טאַבארען האָט יך געענדיגט דערמיט, וואָס זייערע ליפען האָט זיך צוזאַמענגעגאָסען אין א ליידענשאַפטליכען קוש, אין א קוש, וואָס איז נאָך אַלץ געווען פריש אין מארי־לואיז'ס זכרון, ניט קוקענדיג אויף דער צייט, וואָס איז שוין פון דאמאלסט פארפלאָסען. עס האָט אויסגעזעהן, אז אנדרע האָט פארגעסען אָן איהרע באַליידיגונגען, אָן איהר אונצוטרוי, אפילו אָן דעם קוש...

עפּעס א פארשלאָסענהייט, וואָס מארי־לואיז האָט זיך ניט געקענט ערקלערען, האָט ארומגעוויקעלט די נשמה, וואָס האָט זיך געעפענט בלויז אויף איין מאָמענט.

נאָכטוענדיג אנדרע אין זיין איינגעהאַלטענקייט, האָט מארי־לואיז אין איהרע ענטפערס איהם מיטגעטיילט בלויז וועגען די מינדערוויכטיגע געשעהענישען פון איהר לעבען.

נאָך איין ווינטער דאַרף פּאַראיבער און נאָך איין פריהלינג. זי וועט אלט זיין אכט און צוואנציג יאָהר, ווען אנדרע וועט צוריק קומען. אויף וואָס וועט זי זיך דאמאלס באַשליסען? דאָך האָט זי קלאָר געפיהלט, אז דער שיקזאַל האָט איהם באַשטימט פאר איהר, נישט קוקענדיג אויף דעם דריקענדיגען שווייגען, וואָס האָט איהם ארומגענומען, קאַלט ווי אַן אייזיגער מאַנטעל, רויה, ווי דער שטעכיגער ווינט, וואָס מאכט איצט איהרע פּלייצעס איינצובויגען זיך. אין דעם דאָזיגען טריבען טאָג, איז מארי־לואיז א הערליכע און א טראגישע געגאנגען איבער'ן בולוואר מיט אויסגעמאַטערטע אויגען, מיט א זיגעל פון טיעפען טרויער אויף איהר בלייכען פנים.

— דו האָסט היינט פארשפעטיגט מארי־לואיז, — האָט

אַ גע יעג

הויך אויסגערופען די אַקטריסע, ווען דאָס מיידעל איז אריינ־געקומען אין דעם באַנאַל מעבלירטען גאַסט־צימער.

זיצענדיג ביי דער פּיאַנאָ, האָט סעלעסטא געשפּילט האַרט־נעקיג איינעם פון יענע שטילע וואַלסען, וואָס ווירקען אַזוי גוט אויף פרויען נערוון.

— יאַ, — האָט געענטפערט מארי־לואיז, — איך האָב פארשפּעטיגט איין צוג.

סעלעסטא האָט אַרונטערגעלאָזען דאָס דעקעל פון דער פּיאַנאָ, אומגעדרעהט זיך און גענומען באַקוקען מארי־לואיז.

זי האָט געהאַלטען אין אַרונטערנעמען דעם הוט; איהר הויך אויפגעהויבענע הענד האָבען שאַרפער ארויסגעוויזען איהר ברוסט, איהר דינע און בויגזאַמע טאַליע, איהר גאַנצע פיגור, וואָס איז געווען אַזוי פּראָפּאָרציאָנעל געבויט.

— דו ווערסט דאָך גאָרנישט ניט דיקער, מארי־לואיז, — האָט צווייידייטיג באַמערקט סעלעסטא, — דו גיסט אכטונג אויף זיך, אמת? דו זאָרגסט דאָך פאַר דער פאָלקאָמענהייט פון דיין קערפּער!

זי האָט אַ צייכען געטאָן מיט איהר ווייסען פינגער אין דער לופט מארי־לואיז׳ סילועט, דערנאָך, איבערגעהענדיג גיך אויף אַ צווייטער טעמא, האָט זי פאָרטגעזעצט:

— באַלד וועלען קומען מארסעל וויניאַז און זשאַק ד׳עס־טאַנזש. זיי וועלען, וואַרשיינליך, עסען דאָ מיטאָג און דער־נאָך אונז באַגלייטען אין טעאַטער אריין. האָסטו געזאָגט אין דער היים, אַז דו ועסט היינטיגע נאַכט נעכטיגען דאָ?

— ניין, היינט אָוועגד פאָהר איך ניט אין טעאַטער. איך וויל צוריקקעהרען זיך קיין סען־מאַר... איך בין אומרוהיג: סעלינאַ האָט זיך געפיהלט שלעכט, ווען איך האָב פאַרלאָזען דאָס הויז.

נאָך ליעבע

זי האָט ארונטערגענומען א קלייד, וואָס איז געהאנגען אויף א פיגור.

— קום, וועל איך דיר אָנמעסטען דאָס קלייד און דער־צעהלען דיר וועגען דעם, אז מען מאטערט מיך. ביזט אליין? איז מאדאם פּאזשאָל אין דער היים?

— מאמא איז געגאנגען נאָך יענע שפּיצען, וועלכע איך האָב אזוי געוואָלט האָבען... ווייסט, יענע, וועלכע איך האָב אמאָל ניט געוואָלט קויפען, ווייל מיר האָט זיך געראכט, אז זיי זיינען צו טייער.

מארי־לואיז האָט זיך ניט געקענט דערמאָנען וועלכע זי האָט געמיינט. אזוי פיעל פארשידענע שמאטקעס, שפּיצען, בענדער זיינען דורכגעגאנגען דורך איהרע הענד לויט דעם פאר־לאנג פון אָט דער שעהנער אקטריסע, אז זי האָט שוין ניט בא־מערקט דעם אונטערשיעד צווישען זיי; דאָס איז געוועזען אן אונ־ענדליכער שאָרכען פון זיידענס, אן אויסטערלישער געמיש פון קאָלירען, און דאָס דאָזיגע שאָרכען האָט פארפאָלגט מארי־לואיז צוזאמען מיט סעלעסטעס ווערטלעך, מיט איהרע אלע אינטא־נאציעס ,וואָס זיינען מארי־לואיז געוועזען אזוי באקאנט. זי וואָלט איבערראשט געווארען, ווען זי וואָלט אין דעם הויז דערהערט רייד ניט וועגען טעאטער און טואלעטען. נאָך אלס קליין מיידעל, אין דער שול אין סען־מאָר האָט סעלעסטא אלע־מען אויפגערעגט מיט דער שעהנקייט פון איהרע קליידער און מיט איהר האלטען זיך. זי האָט שוין דאמאלס באמיהט זיך צו מאכען אן איינדרוק, שוין דאמאלס האָט זי געשפּילט ראָלען. אלס פארהייראטע פרוי, אלס גע׳גט׳ע און, ענדליך, אלס אלמנה האָט זי פאָרטגעזעצט צו לעבען אין דעם זעלבען גייסט, שטענ־דיג, אלס אן אויסשטעלונג, דערוועקענדיג קנאה ביי די איבריגע שויישפּיעלערינען פון איהר טעאטער מיט איהרע פּראכטפולע

אַ געיעג

קליידער, וועלכע זי האָט געקענט דערווייזן אַ דאַנק דעם, וואָס מארי־לואיז האָט אַזוי ווייניג גענומען פאַר דער אַרבייט. מארי־לואיז'ן האָט נאָך צוגעהאָלפן סעלעסטא'ס מוטער, וואָס האָט אַמאָל אַליין געאַרבייט אין אַ מאָדע־מאַגאַזין. אָבער קליין איז געווען די סומע, וואָס איהר פאָטער האָט איהר געגעבען.

ווען זיי זיינען אַריינגעקומען אין דעם צימער, האָט סע־לעסטא אַראָפּגעוואָרפען פון זיך דעם פּענואַר; די ראַדיאַטאָרען האָבען אָנגעהאַלטען אין צימער אַ גלייכע און אָנגענעהמע טעמ־פּעראַטור. בלייבענדיג אין אַטלאַסענעם קאָרסעט און אין אַ זיידען אונטערקליידעל, האָט סעלעסטא זיך צושמייכעלט צו איהר געשטאַלט, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּיגעלט אין די צוויי שפּיגלען, וואָס האָבען באַצירט דאָס צימער, וועמעס גאַנצער מעבעל איז באַשטאַנען פון הויכע שרענק, פון אַ נעה־מאַשין און אייניגע שטולען. סעלעסטא האָט געהאַט גרויסע אויגען מיט אַ גרינעם אָפּגלאַנץ, פרישע באַקען, אַ פול מויל, אַ פריינדליכען שמייכעל. איהר גאַנצע פוכיגע פיגור האָט, דאַכט זיך, גערעדט: קוקט אויף מיר!

פאַרזיכטיג האָט מארי־לואיז, כדי ניט צוצושטערען די פריזור, אַנגעטאָן איבער'ן קאָפּ איהר דאָס קלייד. די אַקטריסע האָט אין די שפּיגלען פאַרגליכען איהר אייגען בליהענדיגען קערפּער, איהר שרייענדיגע שעהנהייט מיט די שטרענגע קאָנטור־רען פון מארי־לואיז, וואָס איז געווען אָנגעטאָן אין אַ פּשוט שוואַרץ קלייד.

— דו ציהסט דאָך שטאַרק איין דעם קאָרסעט, כדי צו האָבען אַזאַ דינע פיגור?

עס איז געווען קלאָר, אַז דאָס שלאַנקייט פון יעם יונגען מיידעל האָט זי באַאונרוהיגט: זי האָט זיך זעהר געשראָקען

נאָך ליעבע

פאַר פעט ווערען. זי האָט באַטאַפּט מאַרי־לואיז ביוסט און זיך איבערצייגט אין זיין בויגזאַמקייט.

— סאַראַ גליקליכע דו ביזט! דיין טאַליע איז ניט מעהר, ווי זעכצעהן סענטימעטרען!

שטעהענדיג אויף די קני פאַר דער אַקטריסע, האָט מאַרי־לואיז אַ ציה געטאָן מיט די אַקסלען.

— אַ שרעקליך גליק! — האָט דורך די צייהן אַרויסגע־רעדט מאַרי־לואיז, אַזוי ווי די גאַנצע שעהנהייט וואָלט באַ־שטאַנען אין אַ דינער טאַליע: עס איז גענוג צו האָבען איין קינד און אַ סוף איז צו דער טאַליע.

— אין דעם האָב איך ניט געהאַט וואָס צו באַשולדיגען מיין מאַן... אין דער קורצער צייט וואָס איך האָב געהאַט אַ מאַן! צום גליק, האָט ער נאָך געהאַט אַזוי פיעל געזונטען פאַרשטאַנד, מיך ניט צו באַגליקען מיט אַ קינד!

צופרידען מיט זיך, האָט סעלעסטאַ נאַאיוו געלאַכט.

— כ'האָב מורא, אַז סעלינאַ וועט ניט האָבען אַזוי פיעל געזונטען פאַרשטאַנד, — האָט דומפּף אַרויסגערעדט מאַרי־לואיז.

סעלעסטאַ האָט זיך גלייך אומגעדרעהט.

— וואָס? דו מיינסט, אַז...

— צום באַדויערען! אָט דאָס מאַטערט מיך אַזוי די לעצטע צייט.

— וואָס זאָגען דיינע שוועסטער, דיין מאַמע?

— מיין מאַמע? זי האָט מיך אָנגערופען אַ נידריג באַשעפעניס, ווען איך האָב געוואַגט צו טיילען זיך מיט איהר מיט מיינע פאַרדאַכטען.

— און קיינער האָט ניט באַמערקט, אַז זי שוועננגערט?

— דו מיינסט, אַז ראָזאַ און לעאָני באַמערקען, וואָס עס

א געיעג

קומט ארום זיי פאַר? זיי וועלען מסתמא, אין גאַר א ניבער צייט אין גאַנצען אַוועקפליהען... אַלע טאָג געהען זיי ערגעץ אַוועק. געהען אין געסט. זיי רופען דאָס אָן: שאַפען זיך פאַר־בינדונגען. וואָס אנבאַלאַנגט זשעני'ן, איז זי עפּעס ווי א וואַנד. קענסט קיין וואָרט פון איהר ניט ארויסקריגען! פאַר איהר עקזיסטירט קיין זאַך ניט אויסער איהר גאַסטאָן! וואָס אנבאַלאַנגט זשעני'ן ביין איך זיכער, אַז זי וועט קיין נאַרישקייטען ניט אָפּטאָן... אונזער אַרעמער פאַטער האָט אונז ביידען ערצויגען אין איין גייסט. אין יעדען פאַל וועט זי ניט באַדעקען מיט שאַנדע אונזער הויז!

סעלעסטא האָט זיך צולאַכט. — ביזטו עס זיכער, הייסט עס, אַז זי וועט בעטען ביי דיר ערלויבניש צו... האָסטו א טעות, מיין ליעבע מאַרי־לואיז. מיר ווערט זעהר קאָמיש, ווען דו גאַראַנטירסט פאַר דער טוגענד פון דיינע שוועסטער, וועלכע דו האַלסט בלויז פאַר עקסצענטרישע און באַריהמערישע מיידלעך. מיינסטו, אַז עס איז ניט באַוואוסט צו יעדען אין סען־מאַר, אַז סעלינא באַזוכט זשאַרזש'ן אין זיין צימער, ווען קיינער פון אייך איז אין הויז ניטאָ, און אַזעלכע צייטען טרעפען זיך דאָרט אָפט, ניט אמת? און אין דער צייט, וואָס זיי גיבען זיך אָפּ צו דער ליעבע, שלאָפט זיך געוויס גאַנץ געשמאַק אייער באַבע... אויסער דעם וועט זי זיי אין קיין פאַל ניט ארויסגעבען, ווייל זי האָט סעלינא'ן צו ליעב... וואָס אנבאַלאַנגט ווידער דיין מאַמען...

— לאָז צו רוה מיין מאַמען, — האָט מיט אויפרעגונג איהר איבערגעשלאָגען מאַרי־לואיז.

איהר שטאָלץ האָט איהר ניט ערלויבט מודה צו זיין אין אַנוועזענהייט פון פרעמדע, אַז מאַדאַם בעריל, איז, א דאַנק איהר בלינדקייט, געוואָרן כמעט א העלפערין פאַר איהר שוועסטער.

— די מאַמע, לאָמיר דיר זאָגען, איז באמת דאָס איינציגע

נאָך ליעבע

אמת'ע מיידעל ביי אונז אין הויז. זי איז א נאַאיווע נשמה, וואָס גלויבט, אז אלץ איז ריין אויף דער וועלט, אָדער מוז ענדליך ווערען גוט און ריין... א נשמה, וואָס לעבט מיט אילו־זיען... וואָס זעהט ערגעץ ניט קיין שלעכטס...

— עס איז דאָך אונמעגליך אבער, אז זי זאל ניט וויסען, פון וואנען עס קומען קינדער!

סעלעסטא האָט איראָניש צוגעשמייכעלט:

— האָט איהר דאָס א הויז!

— און ביי אייך? — האָט געוואָלט ענטפערען מאַרי־לואיז, — א מוטער, וואָס פארטראָגט איהר טאָכטערס געליעב־טען ביי דעם זעלבען טיש, ביי וועלכען עס זעצט זיך דער פא־טער, דער דאָזיגער ארעמער פאטער, וואָס ווערט ענטציקט פון דער פרוי און פון דער טאָכטער, פאר וועלכע ער ארבייט אָהן אויפהער...

שווייגענדיג האָט מאַרי־לואיז דערשטיקט אין זיך דעם גע־פיהל פון עקעל.

דער קלאנג פון טריט האָט געמאכט, אז זיי זאָלען אומ־קערען די קעפּ.

— דו, מאמע! — האָט געזאָגט סעלעסטא, — האָסט געבראכט די שפּיצען?

— לאָז מיך פריהער אריינגעהן.

אין דעם קליינעם צימער איז אריינגעקומען א דיקע פרוי אין א גרויסען הוט. זי האָט געהאלטען א פּעקעל אין דער האנד, וועלכען סעלעסטא האָט גלייך א כאַפּ געטאָן.

— גוט מאָרגען מאַרי־לואיז, העלף מיר אויסטאָן דעם מאנטעל! סעלעסטא וויל פון קיין זאך ניט וויסען אויסער פון איהרע שפּיצען, מיך פארגעסט זי אין גאנצען!

בלינד האָט מאַרי־לואיז געפאָלגט, זי האָט איהר געהאָלפען

אַ געיעג

ארונטערנעמען דעם מאנטעל, האָט געבראַכט צו טראָגען אַ פּיאַלעטענעם פּענואַר מיט וועלכען מאַ־אם פּאזשאַל האָט איינ־געהילט איהר באַליבטען קערפּער.

— גיב אַ קוק, סעלעסטא, אויף די דאָזיגע שפּיצען, זיי זיינען פון דעם אמת'ן סאָרט!

סעלעסטא האָט פאנאנדערגעוויקעלט די שפּיצען. מאַרי־לואיז האָט עס באַוואונדערט. ניט קוקענדיג אויף איהר גלייכ־גילטיגקייט צו לוקסוס, האָט זי אויף אַ מאָמענט געפיהלט אַ קנאה, זעהענדיג די דאָזיגע עכטע קאָסטבארע שפּיצען. זי האָט אַ טראַכט געטאָן, אַז עס וואָלט איהר פונקט אַזוי געפּאַסט, ווי סעלעסטאַ'ן.

— אָבער ווייסטו, עס איז אויסגעקומען דערפאַר צו באַ־צאָהלען ניט ווייניג געלד. די אַלטע קרעמערין האָט אפילו ניט געוואָלט הערען פון ארונטערלאָזען פון פּרייז. אַם העכסטען, וואָס דו קענסט ארויסקריגען פון איהר איז, אַז זי זאָל דיר שענקען אַ מתנה אַ נאָז־טיכעל. זי איז זעהר אַ קלוגע און ביטרע פרוי, וואָס עס זאָל, אָבער, דאַרט ניט זיין, טעכטערל, די דאָזיגע קניה גראָבט גאַנץ שטאַרק אונטער אונזער בוו'זשעט! כדי איהם ווידער אָנפילען, וועט פּאַפּאַ מוזען אַ ביסעל צוארבייטען.

— זאָרג זיך נישט, מאַמע, — האָט סעלעסטא איינגע־רוימט דער מוטער אין אויער אריין — ביי מיר איז פאראן געלד!

— טאַקע?

— יאָ, שווייג!

מאַרי־לואיז האָט זיי באַאָבאַכט, זי האָט זיך אָנגעשטויסען יוענגען וואָס זיי סוד'ען זיך.

מאַרי־לואיז האָט זיך אומגעדרעהט און ארונטערגענומען דאָס דעקעל פון דער מאַשין.

— נעהם ארונטער דאס קליידעל, איך וועל נעהען אביסעל.

נאָך ליעבע

— יאָ, יאָ, מען דאַרף זיך צואיילען, — האָט געענטפערט די אַקטריסע, — עס איז ניט פיעל צייט פאַרבליבען. איך וויל דאָס קלייד זאָל זיין פאַרטיג אויף זונטאָג און יעצט איז שוין מיטוואָך. מאַמאַ, דו וועסט צוגרייטען דעם אונטערשלאַג. די פלייצעס דאַרפען זיין ענטבלויזט, און אויף דער ברוסט דאַרפען זיין די דאָזיגע שפּיצען. די קליינע עוויאַן, וועט פּלאַצען פאַר קנאה. זי וועט שוין פאַרשטעהן, אַז כדי אויסצונעמען איז וועניג צו האָבען בלויז שעהנע פיס.

— נאָך אַ פראַגע, צי זי האָט גאָר שעהנע פיס... אָט האָט מען מיר גאָר איבערגעגעבען, — ווייסט דאַמאַלס, ווען דו ביזט געוועזן אויף דער ביהנע אין צווייטען אַקט און די דאָזיגע איג־דיטשקע האָט געטאַנצט, — אַז איהר טריקאָ איז אונטערגעבעט מיט וואַטע.

— אָבער זי אָרדענט איין גאַנץ געשיקט איהרע געשעפ־טען; אָט איז איהר געלונגען צו פאַרדרעהען דעם קאָפּ פון די־רעקטאָר און ער שטעלט איצט בלויז אַזוינע פּיעסען, וואו זי האָט די מעגליכקייט אַרויסצואווייזען איהרע פיס.

— כאַפּט איהר דאָס גוטע יאָהר ! דאָס זיינען אַלץ פאַר־בייגעהענדע ערשיינונגען !... אָן אמת׳ער טאַלאַנט האָט שטענדיג זיין ווערט. דו וועסט אַליין זעהן, אַז איך זאָג דעם אמת. סעלעסטאַ, דו וועסט נאָך אַמאָל באַגעגענען אַ טיעף־פיה־לענדען מענשען, וואָס וועט דיר העלפען דערגרייכען דיין ציעל. דיין פּלאַץ איז ניט אין אַ דעם ביליגען טעאַטער, וואָס איז, סוף כל סוף ניט מעהר ווי אַ פרעהליך הייזעל פאַר זקנים ; זיי דאַרפען וואָס מעהר נאַקעטע פיס און דאָס איבריגע... ווי קענסטו גאָר פאַרלאַנגען, אַז די דאָזיגע חיות זאָלען קענען אָפּשעצען אַן אמת׳ע אַקטריסע, אַן אמת׳ע קינסטלערין !

די דיקע פרוי האָט געהאָלפען סעלעסטאַ׳ן פאַרשפּילען דעם

אַ געיעג

מאַרגען־ראַק, זי האָט איהר פאַרריכט די פריזור, געפּוצט איהר, פּונקט ווי זי וואָלט געווען אַ קעניגין.

זיצענדיג ביי דער מאַשין, איז מארי־לואיז אויפגעבראַכט געוואָרען פון דער נארישער זעלבסט־ליעבע פון די דאָזיגע צוויי פרויען וואָס האָבען איצט געפּלוידערט אין דעם דערבייאיגען צימער. עס האָבען זיך דערטראָגען צו איהר זייערע שטימען, זייער געהיימניספולער סוד'ען זיך, זייער געלעכטער. מיט אַמאָל האָט זי דערהערט, אַז זיי האָבען אַרויסגערעדט איהר און סע־לינע'ס נאָמען. די אַקטריסע האָט דערצעהלט דער מוטער וועגען מארי־לואיז'ס שרעק.

— ווי מיינסטו, סעלינא שווענגערט?

ביי די דאָזיגע ווערטער האָט מארי־לואיז אַ ציטער געטאָן. מאַדאַם פּאַזשאַל איז צוגעגאַנגען צו איהר.

— איך האָב מורא, אַז עס איז אמת, כאָטש איך קען עס ניט אויף זיכער באַהויפּטען.

— סעלינאַ'ן אַליין האָסטו אויסגעפרעגט?

— זי איז זיך אין קיין זאַך ניט מודה.

— איז זי פולערער געוואָרען ?

— זי געהט שטענדיג אין ברייטע קליידער, אַז עס איז שוועער צו באַמערקען. אמת, איך האָב איהר איינמאָל אַ פריה־מאָרגען געטראָפען, ווי זי האָט געהאַלטען אין איין צוזאַמענ־ציהען איהר קאָרסעט! איך בין זיכער, אַז זי טוט איהם אָן, גלייך ווי זי שטעהט אויף... זי שלאָפט אין דער באָבע'ס צימער. מיר זעהען קיינמאָל נישט, ווען זי שטעהט אויף, ווען זי טהוט זיך אויס... היינט אין דער פריה, ווען איך האָב פאַרלאָזען דאָס הויז, האָט זי זיך געקלאָגט אויף עפּעס אַ וועהטאָג, האַלטענדיג זיך פאַר'ן בויך.

— אויב אַזוי, וועט עס אין גיכען געשעהן !

נאָך ליעבע

סעלעסטא האָט געלאכט פאר פרייד, באוואונדערענדיג זיך אין די הויכע שפּיגלען, וואָס זי האָט אַ פלאכען בויך, אַ רונדע טאליע. זי האָט מיט'ן גאנצען הארצען געגלויבט, אז מוטער־שאפט וועט קיינמאָל ניט מיאוס מאכען איהר שעהנעם קערפּער, דעם ווייסען און פולען.

— איז זי זיך אין קיין זאך ניט מודה ? — האָט זי איבערגעפרעגט.

— אין קיין זאָך ניט! זי האָט געזאָגט אז זי פיהלט זיך היינט גיט גוט, ווייל זי האָט נעכטען עפּעס אזוינס געגעסען.

— זי וועט נאָך מסתמא לייקענען אויך דאמאלס, ווען דאָס קינד וועט שוין ליגען ביי איהרע פיס.

— איהר לאכט, אָבער דאָס איז גאָר נישט קיין פרעהליכע געשיכטע... וואָס אנבאלאנגט מיר, בין איך אין גאנצען צוטומעלט.

— דו האָסט זיך ניט פארוואָס צו ערגערען פון דער גאנצער געשיכטע ! קלייב זיך אריבער צו אונז ; וועסט זיך פיהלען ביי אונז, ווי ביי זיך אין דער היים. דו ווייסט דאָך, אז דו קענסט האָבען ביי אונז ארבייט אויף א גאנץ יאָהר... אין די אווענדען וועסטו באגלייטען סעלעסטא'ן אין טעאַטער.

„זיין סעלעסטא'ס קאמער־מיידעל", — האָט מיט ערגערניש א טראכט געטאָן מארי־לואיז.

— אַ גרויסען דאנק איך, — האָט זי געזאָגט, — איהר זייט אזוי גוטהערציג, וואָס איהר ווילט מיך באפרייען פון בייצוּוואוינען די גאנצע געשיכטע, אָבער איך, פונקט ווי מיר אלע, מוזען זיין ביי דער קאטאסטראָפע !

— וואָסער קאטאסטראָפע ? נארישקייטען !

מאדאם פאזשאָל האָט אויפגעהויבען צום סופיט איהרע

אַ געיעג

קורצע גראָבע ענטבלויזטע הענט, פון וועלכע עס האָבען זיך אַרונטערגעשאַרט די ברייטע אַרבעל פון פּעניואַר.

— צו וואָס דאַרף מען די אַלע הויכע ווערטער פאַר אַזאַ נאַטירליכע ערשיינונג!... אַזאַ זאַך האָט מען שטענדיג גע־דאַרפט ערוואַרטען! עס וואָלט געווען אַ וואונדער, אַז פון פינף מיידלעך, וואָס האָבען נישט חתונה, זאָל זיך נישט געפינען איי־נע, וועלכער עס האָט זיך פאַרוועלט...

— ניין, מאַדאַם, — האָט איהר טרוקען איבערגעהאַקט מאַרי־לואיז, — ביי אַזוינע אומשטענדען דאַרף מען זיך אוועק־רוקען... מען דאַרף קיין אַנדערע נישט באַדעקען מיט דעם איי־גענעם פּערזענליכען שאַנד... אין דעם טאָג ווען איך וועל באַ־שליסען צו נעמען זיך אַ געליעבטען, וועל איך אַלעמען פאַרלאָ־זען... מיך וואָלט מען מעהר ניט געזעהן אין סען־מאָר... אָבער עס איז געגנוג, אַז איך זאָל אַ טראַכט טאָן, וואָס עס וועט אונז אויס־קומען איבערצולעבען, אונז — פינף פרויען, אָהן אַ מאַן, וואָס וואָלט געקענט צווינגען, אַז מען זאָל זיך באַציהען מיט אַכטונג צו אונז, — און עס פאַרשווינדט ביי מיר יעדער פאַרלאַנג צו לאָבען און צו האַלטען עס פאַר אַ נאַטירליכער ערשיינונג!

— רעג זיך, מאַרי־לואיז, ניט אויף אומזיסט! אפשר וועט דער פאַטער אַלץ פאַרריכטען? אויב דאָס קינד איז פון זשאַרזש פעריע, איז גאַנץ מעגליך, אַז ער זאָל חתונה האָבען מיט דיין שוועסטער! ער איז אַ יתום, וואָס איז געוואָרען שוין פוליעהריג, הייסט דאָס, אַ מענש, וואָס באַזיצט אַ פאַרמעגען... דאָס וואָלט שוין גאָר אַזוי שלעכט ניט געווען!

איינהערענדיג זיך צו מאַדאַם פאַזשאַל׳ס רייד, איז מאַרי־לואיז׳ס פנים געוואָרען רוהיגער. אַ דערשראָקענע פון דער דאָזי־גער דראָהענדער שוועגערשאַפט, איז איהר אין גאַנצען אויפ׳ן

נאָך ליעבע

זינען ניט ארויפגעקומען אָט די גאנץ נאטירליכע מעגליכקייט, וואָס וואָלט אַלץ געקענט פארריכטען.

— חתונה האָבען פאר איהם, — האָט זי ארויסגערעדט, — יאַ, אמת, בלויז דאָס וואָלט געקענט אַלץ פאַרריכטען!... און איך האָב וועגען דעם אפילו נישט קיין טראכט געטאָן!... פאר מיינע אויגען איז בלויז געשטאַנען דער דאָזיגער אונגעהערטער פאַקט: סעלינא שווענגערט!... געווים, געווים, וועט דער דאָזיגער שלעכ־טער איינגעל חתונה האָבען מיט איהר!... ווען עס זאָל אפילו אויסקומען מיט געוואַלט איהם צו שלעפּען צו דער חופּה.

אַ קלונג, וואָס האָט זיך דערהערט אין קאָרידאָר, האָט איבערגעשלאָגען מארי־לואיז געדאנקען. די געדאנקען וועגען דעם אָנקומענדען סקאַנדאַל און וועגען דעם פאָרשטעהענדען קאמף מיט אָט דעם יונגלינג, צו וועלכען מארי־לואיז האָט קיינמאָל קיין אכטונג ניט געפּיהלט.

— מארי לואיז, זיי פריינדליך צו די דאָזיגע געסט ! וויניאַז האָט מיטגעבראכט מיט זיך זשאַק ד׳עסטאַנזשען, יענעם הויכען ברונעט, וועלכער האָט אמאָל געשפּיעלט צוזאַמען מיט סעלעסטא׳ן... דאָס איז אַ מענש פון דער געזעלשאפט... אַן אַקטיאָר - אמאַטיור... דו געדענקסט איהם ניטאָ? ער האָט אונז דערלאַנגט אין בופעט באַקאַלען מיט שאמפּאַניער... ער האָט בייגעוואוינט די ערשטע פאָרשטעלונג פון דעם „געטליכען מאַר־קיז“... דערמאָן זיך: דו האָסט איהם נאָך דאמאַלס אוועקגעטרי־בען פון זיך.

ניט באַמערקענדיג מארי־לואיז׳ס גלייכגילטיגקייט, האָט מאַדאַם פאַזשאָל פאָרטגעזעצט:

— ס׳אַרא שאָד, וואָס סעלעסטא איז פּשוט משוגע פאר דעם וויניאַז! ער האָט גאר קיין איינפלוס ניט און אַלץ וואָס ער פארמאָגט און ביי וואָס ער וועט בלייבען, איז זיין שעהנהייט !

אַ געיעג

זי פאַרלירט בלויז מיט איהם איהר צייט, הרג'עט איועק איהר צוקונפט... צוליעב דער פאַרבינדונג האָט זי דורכגעלאָזען פיעל מעגליכקייטען זיך גוט איינצואָרדנען.

— אפשר וועט ער מיט איהר חתונה האָבען, — האָט זיך מעכאַניש אָפּגערופען מארי־לואיז, בלויז כדי צו זאָגען עפּעס.

מאַדאַם פּאַזשאַל האָט אַ ציה געטאָן מיט די אַקסעל:

— די דאָזיגע חתונה וואָלט אונז גאָר קיין טובה ניט גע־טאָן! עס וואָלט אָוועקגענומען ביי סעלעסטאַ'ן איהר פרייהייט און פאַרניכטעט אַלע אונזערע האָפנונגען... און אויסער דעם, האָט מיין טאָכטער נישט געטאָן קיין שום נאַרישקייטען, וועלכע זי דאַרף פאַרגלעטען. איך בין נישט ווי דיין מוטער, איך גיב אכטונג אויף איהר! וויניאַז פאַרגעטערט זי, אָבער ער איז ניט איהר געליעבטער!

דאָס איז געוועזען איינע פון די זאָנדערבאַרע שטיק פון מאַ־דאַם פּאַזשאַל, — אין מיטען־דרינען אָנצוהויבען פאַרזיכערען, אַז איהר טאָכטער איז טוגענדהאַפט און אַז זי, איהר מוטער, וואָלט אין קיין פאַל נישט דערלאָזען... מארי־לואיז איז שוין פון לאַנג באַקאַנט געוועזען אָט דאָס ליעדעל און זי האָט אַ שמייכעל געטאָן.

פון אונטער דער טיר האָט זיך דערטראָגען סעלעסטאַ'ס קלינגענדיגע שטימע, וואָס האָט פאַרטויבט די שטימען פון די מענער.

— מארי־לואיז, ווייסטו ניט, צי דאָס דינסטמיידעל איז שוין צוריקגעקומען? אַזוי ווי די הערען וועלען ביי אונז פאַר־בלייבען ביז אָוונט, דאַרף מען עפּעס מעהר צוגרייטען צום מיטאָג.

דאָס מיידעל האָט זיך שוין געקליבען עפּעס צו ענטפערען,

נאך ליעבע

ווען אין דער האלב־אָפענער טיר האָט זיך באוויזען א שמייכ־לענדיג געזיכט:

— מארי־לואיז, מיין פריינד זשאק באקלאָגט זיך אויף דעם, וואָס ער האָט אייך קיינמאָל ניט באגעגענט... ער בעט צו זיין גנעדיג און איהם ערלויבען אריינצודרינגען אין אָט דעם טעמפּעל... איהר ערלויבט?... נעמט ניט אָן דעם בייזען גע־שטאַלט פון א באַליידיגטער יונג־פרוי... וואָס? איהר ווערט רויט! דאָס פּעהלט נאָך צום רומעל!... געה אריין, זשאק, און איך וועל רעפּעטירען מיט סעלעסטאַ'ן די הויפּט ראָלע פון צווייטען אקט...

דאָס געזיכט איז פארשוואונדען; די טיר האָט זיך אויפ־געפּראַלט. זשאק ד'עסטאנזש האָט זיך דערנעהנטערט צוביידע פרויען. ער האָט אויסגעצויגען די האנד צו מאדאם פּאזשאַל, באגריסט מארי־לואיז, וואָס איז געזעסען איינגעבויגען איבער דער מאשין, גענומען א שטול, געזעצט זיך, מאכענדיג דעם אָנ־שטעל, אז ער האָט ניט באמערקט די קאַלטקייט, מיט וועלכער מארי־לואיז האָט געענטפערט אויף זיין גרוס.

— מסיע זשאק, דערצעהלט אונז עפּעס וועגען די פרויען פון דער העכערער געזעלשאפט, טוט אונז די געפעליגקייט, ווען איהר זייט שוין געוועזען אַזוי פריינדליך צוטיילען אונזער געזעל־שאפט אין דעם קאמעריל.

— א קאמעריל, אין וועלכען עס ווערען באשאפען אמת'ע קונסט־ווערק פון מאדעמואזעל מארי־לואיז'ס פינגער!

— פלוידערזאק! — האָט דורך די צייהן ארויסגערעדט מארי־לואיז.

— די דאמען פון דער געזעלשאפט... — האָט אָנגעהויבען זשאק.

אָבער מאדאם פּאזשאַל האָט איהם ניט געלאָזען ענדיגען.

אַ געיעג

— ענטשולדיגט; איך האָף, אז איהר וועט דינירען מיט אונז און באַגלייטען צוזאמען מיט מסיע וויניאַז מיין טאָכטער אין טעאַטער אריין?

— אונבאדינגט! איהר זייט זעהר פריינדליך; איך וועל מיט פארגעניגען הערען מאדאם סעלעסטא אין א ראָל, אין וועלכער איך האָב נאָך נישט געהאט דאָס גליק זי צו אפּלאָדי־רען. זי איז געוויס אין דער ראָלע אַזוי באַצויבערענד, ווי אין אַלע ראָלען.

מאדאם פּאזשאָל האָט זיך געשמאָלצען פון די דאָזיגע לויבגעזאנגען.

— אָהן צווייפעל! סעלעסטא האָט פון אָט דער גאנץ אונבאדייטענדער ראָל באַשאַפען עפּעס גרויסעס; אָבער פּאָרט איז עס ניט איהר זשאנר... אַך, ווען איהר וואָלט זי זעהן אין א קלאַסישען רעפּערטואַר! ווי זי שפּילט! וויפיעל אויסדרוק עס איז דאָ אין איהר! וויפיעל קונסט זי לייגט אריין אין די אונבא־דייטענדסטע ווערטער! אַך, זי דארף ניט שפּילען אין אַזאַ טעאַטער!

— געוויס, מאדאם! זי האָט געדארפט שפּיעלען אין אונ־זער וויכטיגסטען טעאַטער!

— ניט אמת? איך האָב עס איהר אַליין נאָר וואָס געזאָגט.

— אויב איהר האָט ניט דאַגעגען, קען איך קריגען פאר מאַדעמואזעל אַן אנגאַזשמענט אויף א טורנע... איך קען זעהר גוט אַן אימפּרעסאַריאָ, וואָס אראַנזשירט א רייהע פאָרשטעלונ־גען אין דער פּראָווינץ... צו שפּיעלען א סעזאָן אין ניצע לוינט זיך פון קינסטלערישען, ווי פון פינאנציעלען שטאַנדפּונקט... געפעלט עס אייך!

— איך בין באַגייסטערט דערפאר! זעהר באַגייסטערט!

נאך ליעבע

מאדאם פאזשאל'ס פנים האט גענומען לויכטען פאר פרייד, ווי א לייכט־טורעם.

— מיר וועלען דיך מיטנעמען מיט אונז, מארי־לואיז! דו וועסט זעהן די וועלט!... דארטען דארף מען דאך אויך האבען קליידער.

זשאק האט א שמייכעל געטאן אין זיך. ער האט גוט פארשטאנען, ס'ארא ראלע מען האט געצוואונגען אין דעם הויז צו שפיעלען מארי־לואיז; אט דעם פיינעם מיידעל, וואס איז געווען אזוי שעהן אין איהרע פשוט'ע קליידער. ווערענדיג אריינגעפיהרט אין דעם דאזיגען זאנדערבארען הויז דורך זיין אלטען שול־חבר וויניאז, האט זשאק מיט נייגעריגקייט בעאבאכט די דאזיגע פאמיליע, וועמעס הויפט איז כמעט שטענדיג געווען אין וועג, אפזאגענדיג זיך פון דאס נויטיגסטע, כדי די טאכטער זאל קענען לעבען אין לוקסוס. האט נישט דער אלטער גערעכענט, אז דאס געלד וועט איהם צוריקגעצאהלט ווערען מיט פראצענט, ווען סעלעסטא וועט באריהמט ווערען?

דערווייל האבען זיי זיך באנוצט מיט מארי־לואיז האפנונגסלאזער לאגע און געמאכט איהר א גאנץ יאהר צו ארבייטען פאר זיי. זי איז געווען, ווי א דינסט, דערביי האבען זיי זיך באצויגען צו איהר מיט אכטונג, פריינדליך גערעדט צו איהר אויף „דו", אריינגעטראגען א געוויסע פאמילאריטעט אין זייערע באציהונגען, וועלכע זי וואלט, פארשטעהט זיך, ניט באגעגנט, ווען זי זאל דיענען אין א גאלאנטעריי אדער מאדע־מאגאזין, אדער אין א קאנטאר.

מארי־לואיז האט געדולדיג איבערגעטראגען די דאזיגע שקלאפעריי, זייט ביי זייט מיט דער פאר'שכור'ענדער שעהנהייט פון סעלעסטא'ן, האט דער רייכער פראפיל, די באצויבערנדע פשוט'קייט פון דעם יונגען מיידעל, מיט אמאל געפאנגען

אַ געיעג

זשאַק׳ן. זייט ער האָט זי דאָס ערשטע מאָל געטראָפען, האָט ער זי אומעטום אַרומגעזוכט. אַהער איז ער געקומען הויפּטזעכליך צוליעב איהר. ער איז מיט פרייד אויפגענומען געוואָרען אין דעם הויז; די פאַמיליע האָט אין איהם געזעהן אַן איינפלוס־רייכען מענשען, אַ הערר פון דער העכערער געזעלשאַפט מיט אונצעהליגע פאַרבינדונגען.

וויניאַז, וואָס איז, כדי צו האָבען מיט וואָס זיך דורכשלאָגען, געוואָרען אַזש אַן אַקטיאָר, איז פאַר זיי געווען אין גאַנצען אַן אונניצליכער מענש. עס וועט באַלד זיכער קומען אַ טאָג, ווען סעלעסטאַ וועט איהם אַרויסטרייבען.

מאַרי־לואיז האָט אַליין ניט פאַרדעכטיגט, אַז זי פלעגט עס ציהען אַהער ד׳עסטאַנזש׳ען. אין פאַל, ווען די דאָזיגע אינדיטשקע וועט זיין אַזוי נאַריש און איהם אָפּלאָזען, איז שוין געווען גרייט אַן אַקטריסע, וועלכע וועט שוין קענען פאַרשטעלען איהם דעם וועג, אַז ער זאָל ניט קענען אַנטלויפען.

די אַלע געדאַנקען האָבען זיך געטראָגען אין זשאַק׳ס קאָפּ אין דער צייט, וואָס ער האָט באַטראַכט דאָס מיידעל. זי איז געזעסען צו איהם מיט דער פּלייצע, איינגעבויגען איבער דער מאַשין, וועמעס איינטאָניגעס קלאַפּען האָט געשטערט די שטילקייט פון דעם שמאָלען אַלקעריל, וואָס איז געווען פאַרשטעלט מיט שרענק; עס איז געווען לייכט צו פאַרשטעהן, אַז זיי זיינען געווען פול מיט טייערע וועש און אָנגעפּאַרפומירטע קליידער.

מיט אַן אויג פון אַ מבין האָט זשאַק אין די געדאַנקען אויסגעטאָן מאַרי־לואיז און געפּרואווט זיך פאָרשטעלען, ס׳אַראַ שעהנער לייב עס מוז זיין פאַרדעקט אונטער דעם פּשוט׳ען וואָלענעם קליידעל. ער האָט באַקוקט אַלע פאָרמען פון איהר קערפּער. וויניאַז׳ס רייד וועגען דער ריינקייט פון דעם מיידעל, האָט שוין פון לאַנג אויפגערייצט זשאַק׳ס איבערגעזעטיגטער

נאָך ליעבע

נייגעריגקייט. זיין דורכדרינגענ־יגער בליק האָט באַשמוצט דאָס ריינע לייב. אויסערליך איז מאַרי־לואיז געבליבען גלייכגילטיג. זי האָט געפיהלט, אַז די בליקען פון דעם יונגען מאַן, וואָס זיצט הינטער איהר, טוען זי אויס. דערזעהענדיג, אַז מאַדאַם פּאַזשאָל האָט זיך אויפגעהויבען, מסתמא כדי צו געבען מאַרי־לואיז אַ מעגליכקייט צו בלייבען מיט זשאַק'ן אַליין, האָט זי אויף איין מאָמענט אויך געטראַכט, איהר נאָכצופאָלגען און איבערלאָזען אַליין דעם דאָזיגען הערר, וואָס האָט די אויגען ניט אַרונטערגענומען פון איהר האַלז, פון איהרע הענד, וואָס האָט מיט אַ ריהרענדען בליק נאָכגעפאָלגט איהר יעדער קעהר... אָבער מיט אַמאָל האָט עפּעס אַ קאַלטע משוגעת זי צוגעשמידט צום בענקעל און אויך אויפגעוועקט אין איהר אַן אונבאַזיגבאַרען פאַרלאַנג אַ יאָג צו געבען דעם חוצפּה'דיגען, אין זיך איינגעגלויבטען מענשען.

— ווען וועט איהר שוין אויפהערען, הערר ד'עסטאַנזש, זיך אויפצורעגען מיט'ן בילד פון מיין האַלז? איך ראַט אייך זיך פאַרנעמען מיט אַן אַנדער באַשעפטיגונג, מיט עפּעס אַ גנעדיגע צו אייך פריינדין... אייך וועט עס זיין זעהר נויטיג.

זשאַק איז אויפגעשפּרונגען. זי האָט צום ערשטען מאָל גערעדט צו איהם אין אַזאַ העזה'דיגען טאָן. ער האָט אַרויסגעשטאַמעלט עפּעס פאַרזיכערונגען, ענטשולדיגונגען, דערפיהלט זיך נאַריש און אַנטשוויגען געוואָרען.

— מיינט איהר, אַז איך פיהל ניט אייערע בליקען, וואָס זיינען געווענדעט אויף מיין האַלז, אויף מיינע פּלייצעס, וואָס צעהלען איבער מיינע האָר, וואָס שטעלען זי אָפּ אויף מיין הויט און איך טרעף ניט אייער פאַרלאַנג, וואָס איז גרייט צו כאַפּען מיך, מיך צווינגען זיך אונטערצוגעבען זיך?

— מאַרי־לואיז!

אַ געיעג

ציטערנדיג אין גאַנצען האָט ער זיך אויפגעהויבען. איהם האָט ווילד געמאַכט דער יונגער מיידעל'ס פּלוצליכער אויס־ברוך פון כעס.

ער האָט זי געוואָלט נעמען פאַר די הענד, אבשטעלען די מאַשין, מאַרי־לואיז האָט זיך אויפגעהויבען.

— די לאַפּעס אַרונטער, מסיע ד'עסטאַנזש! שטרענג פאַרבאָטען אָנצוריהרען מיט די הענט!

— ווען וועט שוין זיין ערלויבט זיך צוצוריהרען צו אייער פּערזאָן? האָט איהר נישט קיין נדר געטאָן צו שטאַרבען אַן אונשולדיגע? — האָט ער, איראָניש שמייכלענדיג, אַרויסגע־רעדט; די שוואַרץ־אַפּלען פון די אויגען האָבען זיך ביי איהם פאַרנעבעלט.

— איהר אַפּנים גלויב, אַז עס זיינען פאַר אייך אָנגע־גרייט געוואָרען מיידלעך, אַז איהר זאָלט זיי קענען צוברעכען, ווי מען צוברעכט שפּילצייג.... הערענדיג אייערע רייד, דערמאָן איך זיך דעם געפיהל פון עקעל, וואָס האָט אַמאָל אַרומגעכאַפּט מיין פאַטער, ווען ער איז געוואר געוואָרען, אַז אונזער צויג איז זיך צוזאַמענגעקומען מיט עפּעס אַ הונד, אַ וואַגאַבונד... דאָס איז געווען אַ שאַנדע, וואָס איז געפאַלען אויף איהר גאַנצען געשלעכט... די צויג האָט מען אָנגעהויבען צו האַלטען פאַר אַ פאַרלאָרענע, פאַר אַ פאַרשמוציגטע, פּונקט אַזוי וואָלט געווען מיט מיר, אויב....

אָבער דערזעהענדיג דעם אויסדרוק פון זשאַק'ס געזיכט, האָט זי איבערגעריסען איהרע רייד און צולאַכט זיך.

— זעצט זיך צו, טייערער, איך האָב רחמנות אויף אייך!

זי האָט געלאַכט, שטעהענדיג אַנטקעגען איהם און מיט אַמאָל האָט זי אַ הויב געטאָן די פּלייצעס און אַ שטאָלצע איז זי פאַרביי איהם פאַרבייגעגאַנגען, אויפּפּראַלענדיג די טיר פון

נאָך ליעבע

גאַסט־צימער... סעלעסטא האָט געהאַלטען אין רעפּערטירען מיט וויניאַזען.

אין גאַנצען א צוטומעלטער איז זשאַק מעכאַניש נאָכגע־גאַנגען מאַרי־לואיז.

— ס'אַרא טרויעריג אויסזעהן האָסטו! — האָט א גע־שריי געטאָן וויניאַז, ווען ער האָט דערזעהן זיין פריינד. — אונזער אונשולד האָט געגעבען א ווידערשטאַנד, ניט אמת, ברודער? זיי־זשע זיך מוחה! עס איז קיין שאַנד ניט באַזיגט צו ווערען פון מאַרי־לואיז! זי, ברודער טייערער, איז ניט ווילד, אבער ניט צוגענגליך!... כאָטש, קוקענדיג אויף איהרע אויגען קען מען מיט זיכערהייט באַהויפּטען, אז זי איז ניט פון האָלץ. אבער זי איז טוגענדהאַפט!... קענסטו עס, זשאַק, זיך פאָר־שטעלען עפּעס אַזוינס אין אונזער, אַזוי צו זאָגען, זינליכען קרייז... מיט איין וואָרט, אין דער היינטיגער געזעלשאַפט, וואו זינליכע פאַרגעניגענס זיינען א נויטווענדיגקייט, א געוואוינ־הייט... און דאָך קענסטו אין דער געזעלשאַפט נאָך טרעפען אן אכט־און־צוואַנציג יעהריגע אונשולד!...

מאַרי־לואיז האָט איהם גיפטיג איבערגעריסען:

— פון וואַנען ווייסט איהר דאָס?

— סעלעסטא פאַרזיכערט אין דעם... פון דער צייט, וואס איהר האָט געענדיגט דעם פּאַנסיאָן, זייט איהר דאָ כמעט יעדען טאָג!.... — און אננעמענדיג א פייערליכען אויסדרוק האָט ער צוגעלייגט: — ווען עמיצענס האַנד וואָלט דורכגעפיהרט דעם שלום־שטריך אויף דעם ניט פאַרענדיגטען ווערק, וואס איהר שטעלט דערווייל נאָך מיט זיך פאָר, מאַרי־לואיז, פאַרמאַג איך נאָך גענוג קינסטלערישען געפיהל, אז די דאַזיגע געשעהעניש זאָל נישט פאַרביי געהן אונבאַמערקט פאַר מיר!

און פאַרבויגענדיג זיך מיט ווירדע פאַר מאַרי־לואיז, האָט

אַ געיעג

ער זיך אומגעדרעהט צו סעלעסטאַ'ן און געמאַכט אַז זי זאָל דורכטאַנצען מיט איהם אַ וואַלס און ווידער איז ער צוגעגאַנגען צו זשאַק'ן, וואָס איז, ווי פריהער, באַוואַגלאָז און שווייגענדיג געשטאַנען אין מיטען צימער.

— זי איז נישט צוגענגליך, מיין פריינד, נישט צוגענג־ליך!

— ווערט־זשע שטיל שוין, וויניאַז! אַז נישט טרייב איך אייך אַרויס! — האָט אַרויסגערעדט סעלעסטאַ, דראָהענ־דיג מיט'ן פינגער דעם יונגען מאַן אין דער צייט, וואָס מאַרי־לואיז איז געווען פאַרנומען מיט דער אַקטריסעס קלייד.

אָבער דער אונפאַרגלייכבאַרער וויניאַז האָט ווייטער גע־רייצט:

— און ווייסט איהר, מאַרי־לואיז, איך לאַז פאַר זיך אי־בער די צווייטע רייה... ווייל די ערשטע שעץ איך ניט זעהר הויך... באמת, איך שעץ זי ניט זעהר הויך!...

מאַדאַם פאַזשאָל איז אַריינגעקומען אין צימער:

— איהר וועט נאָך אַמאָל קריגען אין דער באַק אַריין! שוין ווידער רייצט איהר אונזער מאַרי־לואיז!

— איך מוז זיך מודה זיין, אַז די פריילין טראָגט איבער וויצען פונקט אַזוי לייכט, ווי זי גיט זיי... אָבער איהרע ווי־צען האָבען דעם פאָרצוג איבער די וויצען פון וויניאַז'ן, וואָס זיי טוען וועה!

זשאַק ד'עסטאַנזש איז שטיל געבליבען. מאַרי־לואיז האָט געענדיגט פאַר איהם:

— און ווירקען ווי אַ קאַלטער טוש, מיין פריינד, דאָס איז זעהר היגעניש און ברענגט אַ מענשען צוריק צו דער ווירק־ליכקייט!

— אַ טעלעגראַמע פאַר מאַדעמואַזעל בעריל!

נאָך ליעבע

מארי־לואיז איז בלייך געווארען; זי האָט ארויסגעריסען דעם קאָנווערט פון דעם טעלעגראפיסט'ס האנד. ווען די טיר האָט זיך ווידער פארמאכט, האָט זי ניט געהאט גענוג קרעפ־טען צו עפענען די טעלעגראמע; מארי־לואיז האָט אויסגעצויגען די האנד צו מאדאם פאזשאָל, וועלכע האָט, אויפרייסענדיג דעם פארקלעפּטען באנדראָל, אויפ'ן קול דורכגעלעזען:

„קום גלייך, סעלינא איז קראנק, עס געשעהט דאס פאר־אויסגעזעהענע אומגליק.”

— זי געהט צום קינד! — האָט, ברעכענדיג זיך די הענד, געזיפצט מארי־לואיז.

— זי געהט צום קינד!

פיבערנדיג אין גאנצען, האָט זי גיך אָנגעטאָן אויף זיך איהר מאַנטעל, איהר הוט און נישט הערענדיג, וואס מען האָט גערעדט צו איהר, איז זי דורכגעגאנגען דעם זאל; טראגיש־שעהן אין איהר כעס, האָט זי אבגעשטויסען פון זיך זשאק'ן, וואס האָט זיך אָנגעבאָטען זי צו באגלייטען.

— אָט דאס זיינען די פאלגען פון דעם עקעלהאפטען שריט, צו וועלכען איהר אלע שטופט מיך... מיך איבעלט, ווען איך דערמאָן זיך אָן איהם, אָן אייך, אָן סעלינא'ן, וועלכע האָט גע־וואגט צו מאכען דעם שריט און אונז אלעמען באדעקט מיט שאנדע!

— בארוהיג זיך, מארי־לואיז!

אבער זי האָט שוין מעהר קיין זאך ניט געהערט. זי איז ארויס. זי האָט זיך ארונטערגעלאזען מיט די זעלבע טרעפּ אויף וועלכע זי איז מיט א פּאָר שעה צוריק ארויפגעגאנגען פיהלענ־דיג זיך א פארמאטערטע, ווי זי האָט זיך געפיהלט א פאר־מאָטערטע אלע פארגאנגענע טעג... — און ווי זי וועט זיך פיהלען אויך מאָרגען...

א געיעג

8.

ווען מארי־לואיז איז געקומען נאָך סען־מאָר, איז שוין געווען אין גאנצען פינסטער. דער ווינד האָט געבלאזען מיט א דאפעלטער קראפט. אבער זי האָט עס ניט באמערקט. זי האָט אין גאנצען געפיבערט, איהר פּנים האָט געפלאמט; אין איהרע אויגען, וועלכע זיינען געווען ארומגערינגעלט מיט דונ־קעלע פלעקען, האָבען אויפגעפלאמט שלעכטע פונקען. נישט קוקענדיג אויפ׳ן בייזען ווינד, האָט זי אויפגעשפּילעט איהר מאנטעל, שטיקענדיג זיך פון פיינליכער אונרוהיגקייט.

ווען זי איז ארויס אויף דער סטאנציע, האָט זיך איהר געדאכט, אז אלע ארום איהר האָבען שוין געוואוסט פון דער גרויסער שאנדע, אז דער קאָנטראלער, וואס האָט ביי איהר צוגענומען דעם בילעט, האָט איראָניש געשמייכעלט. קומענ־דיג צו איהר הויז האָט זי זיך אָפּגעשטעלט אן אויפגערעגטע און אומגעקעהרט איהר קאָפּ צו אנדרע׳ס וואוינונג, וועמעס פארהאקטע פענסטער האָבען גערעדט וועגען דעם באַלעבאָס׳ס אבוועזענהייט. אומבאוואוסט האָט מארי־לואיז דארט געזוכט הילף. אויף איין מאָמענט האָט זיך איהר נשמה אוועקגע־טראָגען צו דעם אבוועזענדען. זי האָט זיך געוואָלט בא־באהאלטען אויף זיין ברייטער ברוסט, אוועקגעהן, באהאלטען זיך פון דעם אלעם, געפינען ערגעץ וואו אן אָנשפּאר.

אין דער נאכטיגער פינסטערניש האָבען זיך צובולען הינד; זייער בילען, וואס האָט זיך צוטראגען איבער דער פראסטיגער לופט, האָט אויפגעוועקט אנדערע הינד. מארי־לואיז׳ס אנגע־

נאָך ליעבע

שטרענגסטע נערוועץ האָבען א ציטער געטאָן. ראָזא, מיט א פארוואירט געזיכט, מיט האָר — אין אונארדנונג צעוואָרפענע אויף די פּלייצעס, האָט איהר געעפענט די פּאָרטקע.

— וואס איז מיט סעלינא'ן?

די איינגערע שוועסטער האָט אויפגעהויבען אין דער הויך די הענד מיט א זשעסט ,וואָס האָט באדייט אומבאשטימטעס.

— זי געהט צום קינד, אמת? — האָט געפרעגט מארי-לואיז אויפהויבענדיג זיך אויף די שוואך באלויכטענע טרעפּ.

— זי זאָגט, אַז עס טוט איהר בלויז וועה דער בויך... אַז זי האָט זיך פאר'סמ'ט מיט די שוואָמען נעכטען אָוונד. וועלכע אויך מיר האָבען געגעסען און דערביי גאָרנישט ניט געפיהלט.

מארי-לואיז, וועמעס פּארצווייפלונג איז געוואקסען מיט יעדען וואָרט, וואָס ראָזא האָט ארויסגערעדט, האָט זיך ווידער אָפּגעשטעלט. זי האָט זיך אָנגעכאַפּט פאר'ן הארץ, וואָס האָט זעהר שטארק געשלאָגען; עפענענדיג מיט א מאָל די טיר, איז זי אריין אין דעם צימער, וואו סעלינא האָט געקרעכצט. זי איז געלעגען אין בעט און ביי ביידע זייטען פון בעט זיינען געזעסען שוויגענדיגערהייט זשעני און לעאָני. מאדאם בעריל איז מיט איהר געלען הונד אויף די קני געזעסען אויף א שטול און ביטער געיאָמערט.

דערזעהענדיג די עלטערע שוועסטער, האָט זיך די אָרעמע פרוי אויפגעהויבען.

— איך האָב געמיינט, אז דו וועסט מיטברענגען מיט זיך דאָקטאָר לאָשער, — האָט זי גיך און האלב-פארשטענדליך ארויסגערעדט. — דו געהסט דאָך פארביי זיין הויז אין פּאריז; דו האָסט איהם געדארפט בעטען צופאָהרען אהער.

מארי-לואיז האָט א ציה געטאָן מיט די פּלייצעס.

אַ געיעג

— דו, מאמע, ווי עס זעהט אויס, ווערסט שוין אזוי גלויבען דאָס גאנצע לעבען דיינס! זעהסטו ניט, אז דיין טאָכטער געהט צו קינד? נישט קיין דאָקטאָר, אַן אַקושעריין דאַרף מען אהער רופען!

— גאָט מיינער!

פארדעקענדיג דאָס פּנים מיט די הענד, האָט זיך מאַדאַם בעריל ווידער אַראָפּגעלאָזען אין שטול אריין.

ארונטערנעהמענדיג דעם מאַנטעל, איז מארי־לואיז צוגע־גאנגען צום בעט, וואו סעלינא, אָהן אַ טראָפּען בלוט אין פּנים, פאַרדעקענדיג זיך מיט דער קאָלדרע ביז צום קין, האָט זיך געמאכט, אז זי שלאָפט. אָבער אַ טיפער שמערץ האָט זיך אָפּגעשפּיגעלט אויף איהר טויט־בלייכען פּנים, ווען איהר עלטע־רע שוועסטער, איינבויגענדיג זיך צו איהר, האָט אויפגעהויבען ביי איהרע פיס די קאָלדרע.

סעלינא האָט ארויסגעזיפצט:

— איך וויל נישט! איך וויל נישט!

דערנאָך איז זי ווידער געפאַלען אויפ׳ן בעט מיט׳ן פּנים צו דער וואַנד.

— אַ פראַגע! זייט איהר אַלע בלינד? זעהט איהר דען ניט, אז דאָס זיינען געבורטס־וועהען? אָט פיהל איך. ווי עס באַוועגט זיך אונטער מיין האַנד!

ניט קוקענדיג, וואָס סעלינא האָט זיך געוועהרט און מיט געוואַלדען אָפּגעשטויסען די שוועסטער, האָט מארי־לואיז אָנ־געטאַפּט איהר בויך.

— אָ, דו שלעכטע מויד איינע! דו ווערסט דאָך ניט געהן אויף איצט לייקענען! עס לעבט אין דיר אָט דאָס קינד, וואָס דו ווערסט אין גיכען ארויסוואַרפען פון זיך און מיט וועלכען דו ווערסט באַדעקען אונז אַלעמען מיט שאַנדע.

נאָך ליעבע

— עס איז ניט אמת!

דרעהענדיג זיך אין גאַנצען פאר פיין, האָט סעלינא מיט צוזאַמענגעדריקטע פויסטען זיך פארשטעלט די אויערען.

— ווער שטיל, צויג, די שכנים וועלען דערהערען.

— איך האָב גאָרנישט ניט געטאָן!

— מיר וועלען דיך לאָזען פגר׳ען, אויב דו וועסט נישט אויפהערען צו וואָיען.

מארי-לואיז האָט זיך אומגעדרעהט צו זשעני׳ן:

— לויף מיט דער מאַמען נאָך אַן אקושערין, ברענג זי גלייך אהער.

קרעכצענדיג און זיפצענדיג האָט מאדאם בע״ל אָנגעטאָן איהר פעלערינע; זשעני, שוין אָן אָנגעטאָנענע, האָט ארויסגעפיהרט איהר שיער־פארריקטע מוטער.

ווען די טיר האָט זיך הינטער זיי פארמאַכט, איז אויף אַ מאָמענט שטיל געוואָרען אין צימער. ראָזא און לעאָני האָבען זיך פארפלאָכטען די צעפּ, כדי צו פיהלען זיך פרייער אין דער צייט פון קריזיס, וועלכען מען האָט יעדע רגע ערוואַרט. מארי-לואיז האָט אָנגעטאָן דעם פּענואר.

— און וואָס מאַכט די באָבע? זי מוז זיין זעהר צוטראָגען, אָרעמע באָבע! און אָט צוליעב דעם שטיק גאָרנישט האָב איך אין גאַנצען אָן איהר פארגעסען!

עס האָט זיך דערהערט פון צווייטען צימער אַ ציטערדיגע שטימע:

— מארי־לואיז, נעהם מיך ארום!

מארי־לואיז איז אהין אריינגעגאַנגען.

מיט איין שפּרונג זיינען ראָזא און לעאָני שוין געווען נעבען סעלינע׳ן:

— דו נארישע! האָסטו עס אונז ניט געקענט פריהער

אַ געיעג

זאָגנען? אַך, ס'אַרא מיאוס שטיקל אַרבייט האָסטו אונז אָפּ־געטאָן!

ראָזאַ האָט אַ טרייסל געטאָן סעלינע'ן, וועלכע האָט זיך אויפגעהויבען אַ ביסעל און גענומען מיט די אויגען אַרומזוכען מארי-לואיז. דערהערענדיג איהם שטימע אין צווייטען צימער, האָט זיך סעלינא אַביסעל באַרוהיגט, אָנגעכאַפּט ראָזע'ס און לעאָני'ס הענד. זי האָט גענומען זיך בעטען ביי זיי:

— איך בעט אייך, איך בעט אייך, שטעלט זיך איין פאַר איהם, ווען עס וועט געבאָרען ווערען.

מארי-לואיז איז צוריקגעקומען, סעלינא האָט זיך ווידער אַראָפּגעלאָזען אין בעט אַריין. דער געשריי, וואָס איז שנעל דערשטיקט געוואָרען אונטער דער קאָלדרע, האָט זיך אַרויסגע־ריסען פון איהרע ליפּען, וועלכע זי האָט אַזוי פעסט צוזאַמענ־געביסען, אַז אַ שנירעל בלוט האָט זיך באַוויזען צווישען איהרע צוזאַמענגעדריקטע ציין.

— ווי לאַנג ליגט זי שוין אין בעט? — האָט געפרעגט מארי-לואיז.

— פון דער צייט, וואָס דו ביסט אַוועקגעפאָהרען, — האָט געענטפערט ראָזאַ. — איך און לעאָני זיינען געגאַנגען זיך פאַר־קאַמען, מיט אַמאָל איז אַריינגעקומען סעלינא, מיר האָבען זי קוים דערקענט...

— זי האָט אונז איבערגעשראָקען, איהר פּנים איז געוועזן אין גאַנצען גרין...

לעאָני האָט פאַרטגעזעצט:

— מיר האָבען אויך געגלויבט איהרע רייד, אַז זי האָט זיך פאַר'סמ'ט... שוין פּשוט דערפאַר, וואָס עס האָט זי די גאַנצע צייט געאיבעלט און זי האָט זיך באַקלאָגט, אַז זי האָט קרעמפּען. ווען זי האָט איינגענומען דאָס, וואָס מיר האָבען

נאָך ליעבע

איהר געגעבען, איז איהר פיין שטילער געוואָרען און זי האָט זיך, דאכט זיך, געפיהלט בעסער... זי איז ארויפגעגאנגען זעהן וואָס די באָבע מאכט... אזוי ווי עס איז אוועק א לאנגע צייט און זי איז נאָך אַלץ ניט צוריקגעקומען, זיינען מיר ארויפגע־גאנגען אין דער הויך און זי געטראָפען ליגען אויפ'ן בעט און קרעכצען און דער באָבען — וויינען... דאמאָלט האָבען מיר עס דיר געשיקט א טעלעגראמע... צו סעלעסט'ען... די מאמע האָט ניט געוואָלט.. זי האָט געמיינט, אז דאָס איז גאָרנישט...

— אָט אזוי! איך בין זיך גרייט צו וועטען, אז די מאמע איז נאָך איצט ניט איבערצייגט אין דער שוואנגערשאפט פון איהר טאָכטער! עס איז שוין אָבער דריי חדשים ווי איך האָב זיך אָנגעשטויסען דערויף! איך בין אין אָנפאנג ניט געווען זיכער אין מיין פארדאכט, אָבער שפעטער, ווען סעלינא האָט מעהר ניט געוואָלט שלאָפען אין איין צימער מיט דער באָבען, בין איך אין מיין פארדאכט איבערצייגט געוואָרען. זי האָט געוואָלט אויסמיידען דער באָבעס בליקען ביים אויפהויבען זיך! נאָך זייענדיג אין בעט פלעגט זי אָנטאָן איהר קאָרסעט, כדי אריינצושטופען איהר הויקער.

מארי-לואיז האָט זיך געווענדט צו סעלינע'ן:

— היינט וועסטו זיך מוזען צושיידען מיט איהם!... אויס־וואורף! צויג איינע! אָ, ווען דער טאטע וואָלט נאָך איצט לעבען... אָבער דאמאָלט וואָלסטו ניט געוואגט.

זי האָט געטרייסעלט סעלינע'ן, וואָס האָט, פארדעקענדיג דעם קאָפ אונטער'ן קישען, אין גאנצען געציטערט.

— און דער דאָזיגער לומפ וואָלט אויך ניט געוואגט! אָ, די הייזער אָהן א מאנספערזאָן! די טעכטער אָהן א פאָטער, אָהן א מאַן! מיר זיינען פארשאָלטען! פארשאָלטען!

א געיעג

און ווי א ווילדע חיה אין א שטייג, האט זיך מארי־לואיז פול מיט טראגיזם געדרעהט איבער׳ן צימער.

— און ווען די מענער זיינען ניט קיין זארגזאמע פאטערס אדער מאנען, זיינען זיי הינט, גנבים, רויבער! לומפען, וואס זיינען ניט פעהיג צו נעהמען אויף זיך וועלכע־ניט־איז פאר־אנטווארטליכקייט! ער שטעלט פיס איצט, אט דער דאזיגער העלד, ווען מען מיר האבען אמאל פארשפילעט די הייזלעך! ער האט געפיהלט, אז די באמבע דארף אין גיכען זיך אויפריי־סען. ער האט זיך ערגעץ וואו באהאלטען... איך האב איהם שוין פון לאנג אין ערגעץ נישט געטראפען... פארלאזען איז דאס שטעגעל, וואו איך האב איהם אזוי פיעל מאל געזעהן דארט זיך קושען מיט סעלינא׳ן; ער קומט שוין דארט מעהר ניט! אבער איך וועל איהם אויפזוכען! ער וועט זיך פריה אדער שפעט דאס זייניגע דערווארטען... ער וועט מיט איהר חתונה האבען, איך פארזיכער אייך אין דעם! ער וועט חתונה הא־בען מיט איהר, איך גיב אייך מיין עהרען ווארט אויף דעם, אז נישט, וועט ער אויף דער וועלט קיין ארט פאר זיך ניט קענען געפינען.... הערסט, סעלינא, דו וועסט איהם אין גיכען קריגען און פון אייך וועט ארויסקומען א געראטען פארל חיות! איהר זייט ווערט איינס דאס צווייטע!

— יא, יא, ער וועט חתונה האבען, — האבען צוזאמען אויסגעשריען די אינגערע, — אפילו ווען אונז זאל אויסקומען איהם אין גאנצען צוצוקראצען מיט די נעגעל.

אומדרעהענדיג זיך אין איהר בעט, האט סעלינא באוויזען איהר פנים, וואס איז געווען אויסגעקרימט פון וועהטאג. פון איהרע פראכטפולע אויגען־דעקלעך, צווישען איהרע פארשווא־לענע ליפען איז דורכגעלאפען א שמייכעל. א פייערל האט אויפ־

נאָך ליעבע

נעגלאנצט אין איהרע טרויעריגע אויגען, אין די אויגען פון א דערשלאָגענעם הונד.

זי האָט אין זיך ווידערהאָלט די שוועסטער'ס ווערטער: „ער וועט חתונה האָבען.“ די דאָזיגע ווערטער האָבען זי גליקליך געמאכט. די דאָזיגע ווערטער האָבען פאר איהר געקלונגען ווי א בשורה, וואָס האָט זי באהערשט כדי צו שטילען די פיינען, וואָס דארפען אין גיכען קומען. געוויס, ער וועט חתונה האָבען מיט איהר, ער, איהר אוצר!

— נאריש מיידעל, — האָט אין סעלינא'ס אויער אריינגעפליסטערט לעאָני, — פאר וואס האָסטו געלאָזט אז דיין בויך זאָל וואקסען? האסט אונז געדארפט זאגען און מיר וואלטען שוין פארהיט די גאנצע קאטאסטראָפע.

— ס'ארא גראָבע חיה! — האָט צוגעלייגט ראָזא, ארויסשטעלענדיג איהר מיידעלשען ביוסט, איהרע קליינע רונדע בריסט וועמעס הארטע שפיצען האָבען זיך שארף ארויסגעצייכענט פון אונטער דער פלאַנעלענער בלוזקע. — ס'ארא גראָבע און אונגעשיקטע חיה דיין זשארזש איז דאָס!

— אין וועלכער שול האָט זיך דאָס געלערנט דיין קינסטלער אזוי צו פארהעסליכען א גוט מיידעל? פאר א שילער פון א קונסט־אקאדעמיע איז אזא טאט גישט פארגעבליך!... ס'ארא שאָד, וואָס דו וועסט פארלירען דיינע פיינע ליניען!

— ווער שטום, ראָזא! איצט איז ניט קיין צייט צו פארנעהמען זיך מיט געשפרעכען. איך וואָרען אייך, אז איך בין איצט ניט אימשטאנד אויסצוהערען אלע אייערע נארישקייטען... אויב איהר וועט ניט שטיל ווערען, וועל איך אייך פארשליסען מיט דער באבען, וועלכע טראכט איצט וועגען די פאָלגען, וואָס זיינען ארויסגעקומען פון איהר צו גרויסען פארטרויען.

א געיעג

— אַ, געווים! אויב מיר וועלען זיך נאר לאזען, — האָט דורך די צייהן ארויסגערעדט ראָזא.

— הער זיך איין, — האָט א שטאָך געטאָן לעאָני, — סוף כל סוף זעה איך ניט איין, וואָס דו ערגערסט זיך אזוי מיט אָט דער גאנצער געשיכטע... מיט דיר האָט דאָך אויך געקענט פאסירען פונקט עפּעס אזוינס אונערווארטעטעס!...

מיט פינקלענדיגע אויגען האָט מארי־לואיז געקוקט ארויס־רופענד אויף דער שוועסטער.

ראָזא איז געבליבען רוהיג:

— געווים, א גרויסע אונאנגענעמליכקייט געשעהט מיט אונז. עס קומט אויף אונז אַן אומגליק אין געשטאלט פון דעם קינד, וואָס דארף קומען אויף דער וועלט און מיט וועלכען מיר וועלען ניט וויסען, וואָס צו טאָן!... אָבער דו ביזט פאָרט צו גרויזאם צו סעלינא׳ן! מען קען מיינען, אז זי האָט גאָט וויים וואָסער פארברעכען געטאָן! זי האָט געטאָן א נארישקייט און זי אליין וועט צו אלעם ערשטען דערפון ליידען... זי האָט ניט פארדיענט, אז דו זאָלסט זיך באציהען צו איהר, אזוי צו זאָגען, פון דער הויך. איך וואָרען דיך, מארי־לואיז, אז דו וועסט האָבען געגען זיך לעאָני׳ן און מיך אויב דו וועסט זיך צו גראָב באגעהן מיט סעלינע׳ן.

— ראָזא איז גערעכט, דיין שטאָלץ רעגט שוין אביסעל צופיעל אויף! פונקט ווי מיר וואָלטען ניט וויסען, אז דו וואָלסט מיט פארגעניגען געבראכט דיין שטאָלץ פאר א קרבן צו דעם שעהנעם אנדרע... אומזיסט זיך צו מאכען פאר אזא קינד, מארי־לואיז! אַ, ווען אנדרע וואָלט עס נאר וועלען!...

לעאָני האָט אָפּגעשפּעט פון איהר שוועסטער, וועלכע איז איצט געזעסען אין דעם זעלבען שטול אין וועלכען ניט לאנג צוריק האָט געיאָמערט מאדאם בעריל.

נאָך ליעבע

מאַרי־לואיז האָט קיין וואָרט ניט געענטפערט; זי האָט מיט איהרע נערוועזע הענד צוזאַמענגעדריקט איהרע קני. איהרע ראָזע נעגעל האָבען געבלאַנקט און זיינען געווען עהנליך אויף נעגעל, וואָס זיינען גרייט אימיצען צוצורייסען.

— איך בעט אייך קינדער, קריגט זיך ניט! — האָט זיך דערהערט די בעטענדיגע, וויינענדיגע שטימע פון דער אַלטער.

— גוט, באָבע, אַלץ איז געענדיגט, איך וועל מעהר קיין וואָרט ניט זאָגען.

מאַרי־לואיז האָט זיך געבראָכען די הענד.

שטיל האָבען צווישען זיך גערעדט די אינגערע; זיי האָבען זיך איינגעבויגען צו דער לאָמפּ, וועמעס שיין, וואָס האָט זיך דורכגעריסען דורך דעם רויטען זיידענעם אבאַזשור, האָט אויסערגעוועהנליך שעהן באַלויכטען זייערע קעפּלעך, א בלאָנדעס און א שווארצעס. אומרוהיג האָבען לעאָני און ראָזא געקוקט אויפ׳ן בעט, וואו עס האָט זיך געוואָרפען סעלינא. איהרע שטומע ליידען האָבען מעהר צוטרייסעלט די מיידלעך, איידער די זיפצען, וועלכע האָבען זיך פריהער געטראָגען פון איהר. אויף סעלינא׳ס בלייכען פּנים זיינען אַרויסגעטראָטען גרויסע טראָפּענס שוויים. לאָקען שווארצע האָר זיינען צוגעפאַלען צו איהרע שלייפען, געפאַלען אויף איהרע רונדע פּלייצעס. פון אונטער איהר אָפענעם העמד האָבען זיך אַרויסגעזעהען בריסט אָנגעפילטע מיט מילך, וואָס איז גרייט געווען אַרויסצושפּריצען. פאַרבייסענדיג מיט די צייהן דעם הערליכען פּרוכט פון איהרע ליפען, וואָס זי האָט אַזוי אונבאַרעכענט אוועקגעשאָנקען, האָט די ליידענדע איינגעהאַלטען אין זיך דעם יאָמער, דעם געשריי, וואָס האָט זיך געריסען פון איהר אָרעמען לייב, וואָס איז געפּייניגט געוואָרען מיט געהיימניספולע פּיינען.

א געיעג

עס האָט זיך דערהערט א שרעקליך בילען פון דעם הונד; אונטען האָט מען געעפענט די טיר.

— דאָס איז די אקושערין, ענדליך געקומען!

מארי־לואיז האָט זיך אויפגעהויבען.

— געהט אוועק גלייך צו דער באָבען; איך און זשעני זיינען דאָ גענוג.

זי האָט די שוועסטער ארויסגעשטופט פון צימער ארויס און פארשלאָסען אונטער זיי די טיר און אומגעדרעהט זיך צו זשעני'ן, וועלכע איז, מיט א פנים רויט פון קעלט און שווער זיפצענדיג אריינגעקומען אין צימער אריין.

— וואו איז די אקושערין?

— זי קומט. זי געהט צוזאמען מיט דער מאמען... וואָס מאכט סעלינא?

פול מיט מיטגעפיהל, איז זשעני צוגעגאנגען צום בעט.

גרויסע טרערען זיינען גערונען איבער סעלינא'ס בלוט־לאָזע באקען. זי האָט אומגעדרעהט צו די שוועסטער א פנים, אויף וועלכען עס האָבען געברענט אויגען, וואָס זיינען געווען ארומגעצאמט מיט רויט־געוואָרענע וויהעס. אין איהרע וואהנזיניגע שווארץ־אפּלען איז געווען אן אויסדרוק פון גרויס געבעט. איהר גאנץ וועזען האָט געבעטען נאָך הילף. דאָס מאָל האָט זי ניט געקענט איינהאלטען א געשריי, וואָס האָט זיך ארויסגעריסען פון דער טיפעניש פון איהר וועזען. מארי־לואיז האָט אויפגעציטערט. איהר וואָלט זיך וועלען מיט א דרייפאכען צאם אפּ־צאָמען זייער הויז. איהר האָט זיך געדאכט, אז די שכנים שטעהען אונטער די פענסטער און שטויסען זיך אָן וועגען וואָס עס האנ־דעלט זיך דאָ; איהר האָט זיך געדאכט, אז אנדרע'ס אלטע דינסט שטעהט אויך אונטער די לאָדען און הערט זיך צו אלץ צו.

נאָך ליעבע

סעלינא'ס הארצרייסענדע געשרייען האָבען אַלץ העכער געקלונגען צווישען דער טראגישער שטילקייט.

— האָסט דו דאָך ניט אזוי געיאָמערט ביים אנפאנג פון אַט דעם קינד, — האָט מארי־לואיז א געשריי געטאָן.

עס האָט זיך געעפענט די טיר און פארשוואונדען איז געוואָרען דער צאָרן פון דעם מיידעל. עס איז אריינגעגאנגען א פרוי, וועלכע זי האָט גוט געקענט, ווייל זי האָט איהר אָפט געזעהן אין די גאסען פון סען־מאָר אדער באגעגענט ביי די בעטען פון איהרע פארהייראטע חבר'טעס, ווען זיי זיינען געלעגען אין קימפעט.

א פארב האָט באדעקט מארי־לואיז'עס פנים; אָבער די פרוי, ווי עס האָט אויסגעזעהן האָט עס ניט באמערקט. זי איז גלייך צוגעגאנגען צום בעט אין וועלכען סעלינא האָט זיך געוואָרפען, ווי א זינדערין אין גהינום.

— אביסעל צו שפעט האָט איהר מיך גערופען, — האָט דורך די צייהן ארויסגערעדט די אקושערין, נאָכ'עם, ווי זי האָט אויף גיך באטראכט די קראנקע... — און קיין זאך איז נאָך ניט צוגעגרייט, — האָט זי צוגעלייגט, ווען זי האָט באקוקט דאָס צימער.

זשעני און מארי־לואיז זיינען געווען אזוי אויפגערעגט, אז זיי זיינען ניט געווען אימשטאנד עפעס צו העלפען. מאדאם בעריל האָט, אָהן וועלכער עס איז נויטווענדיגקייט, איבערגע־שטעלט די זאכען אין צימער פון איין אָרט אויפ'ן צווייטען.

צום גליק, זיינען אריינגעקומען די אינגערע מיט פולע הענד יועש.

לעאָני האָט געטראָגען א שיסעל מיט קאָכעדיג וואסער.

מארי־לואיז האָט זיך ניט געקענט איינהאלטען אויף די פיס.

— איהר וואָלט בעסער אוועקגעגאנגען פון דאנען, פריי־

א גע י ע ג

ליינס, — האָט אָנטוענדיג דעם ווייסען פארטוך, גערא־טען די אַקושערין. אין אייער צושטאנד איז בעסער דערביי ניט אנוועזענד צו זיין. די מיידלעך זעהען מיר אוים צו זיין פיעל רוהיגער... זאָלען זיי ליעבערשט מיר העלפען...

און, ניט שענקענדיג זיי מעהר קיין אויפמערקזאמקייט, האָט זיך די אַקושערין אויסגעדרעהט מיט דער פּלייצע צו מארי־לואיז און זיך איבערגעבויגען איבער סעלינא'ן.

זשעני האָט ארויסגעפיהרט די שוועסטער און די מוטער, וועלכע האָבען קוים זיך געקענט האלטען אויף זייערע שוואכע פיס.

— שוין צייט שלום צו מאַכען מיט דעם, וואָס קומט איצט פאָר, — האָט ארויסגעברומט ראָזא, איבערגעבענדיג א פּאָר האַנטיכער צו דער אַקושערין, צו דער גוטמוטיגער, דיקליבער פרוי.

אייננבויגענדיג זיך צו דער שוועסטער, וועמען זי האָט, לויט דעם ראַט פון דער אַקושערין, פארפלאָכטען די האָר אין צעפּ, האָט לעאָני זי געטרייסט:

— באאונרוהיג זיך ניט, נאריש מיידעל, מיר וועלען א טראכט טאָן, וואָס צו טאָן מיט'ן קינד... מיר וועלען אויסזוכען אַן אַם דאָ אין דער געגענד. מען מוז דאָס קינד באהאלטען פון מארי־לואיז'ס אויגען, ווייל איהר וועט אלע מאָל ניט־גוט ווערען, ווען עס וועט זיך צוואויינען.

סעלינא האָט שוין זי מעהר ניט געהערט; מיט קראַמפּהאפטע פינגער האָט זי זיך אָנגעכאַפּט אָן די שטאַנגען פון בעט; זי האָט זיך געשטיקט מיט די לעצטע קרעפטען; באלד האָט געדארפט פון איהר ארויסקומען א ניי לעבען... א לעבען, וואָס איז צוגעשמידט צו איהר וועזען. איהרע טרויעריגע, הארץ־רייסענדע זיפצען האָבען זיך געטראָגען און געמאכט אויפציטער־

נאָך ליעבע

רען מאַרי־לואיז׳עס אויסגעמאַטערטע נערווען; זי איז געזעסען און געוואַרט אונטען אין צימער, וואו עס האָט געהאַלטען אין פאַרלעשען זיך דאָס פייער, וואָס איז ניט געווען מעהר אין קראַפט אָנצואוואַרעמען די אַרומיגע לופט. די אַלע דריי פרויען, ציטערנדיג פאַר קעלט, ניט זייענדיג פעהיג צו מאַכען די קלענ־סטע באַוועגונג, זיינען געזעסען באַוועגלאָז און אָנגע־שטרענגט געוואַרט אויף דער ענדע פון דעם, וואָס קומט איצט אויבען פאָר. אין דער טיפעניש פון איהר האַרצען האָט מאַרי־לואיז געהאָפט אויף אָן אומגליקליכען אויסגאַנג: ס׳איז געוויס אַ פריהצייטיג האָבען. מעגליך, אַז עס וועט ניט לעבען און אַזוי אַרום וועט זיך אַלץ ווידער איינאָרדנען, אַלץ וואָלט געגאַנגען ווי פריהער. אויף סעלינאַ׳ן וואָלט מען געדאַרפט בלויז מעהר אַכטונג צו געבען, כדי עס זאָל זיך ווידעראַמאָל ניט ווידער־האָלען.

אַ געשריי וואָס האָט זיך דורכגעטראָגען איבער דעם שוויי־גענדיגען הויז, האָט געמאַכט, אַז אַלע דריי פרויען זאָלען מיט אַמאָל אויפשפּרינגען פון זייערע ערטער.

מאַדאַם בעריל האָט אָפּגעשטויסען פון זיך די הינד, וואָס זיינען געזעסען אַרום איהר.

עס איז אַריינגעקומען ראָזאַ.

— אַ מיידעל!

— אַ לעבעדיגס?

— אַ פראַגע! נאָך ווי! — האָט געענטפערט ראָזאַ, ניט וועלענדיג פאַרשטעהן דעם געדאַנק פון דעם אויסגעשריי, וואָס האָט, דאַכט זיך, פאַרבאָרגען אין זיך אַ האָפנונג אויף אָן אנדער אויסגאַנג... — איך אַליין האָב עס צוגענומען פון דער אַקושערינס הענד. איך געה ווידער אַהין, דאָרט דאַרף מען מיך האָבען.

אַ געיעג

ווי אַ פייל פון בויגען איז זי ווידער צוריק אהין. מען האָט געהערט, ווי זי הויבט זיך אין גאַלאָפּ אויף די טרעפּ.

מיט אמאָל האָט אימיצער אַ קלאַפּ געטאָן אין די צוגע־מאכט לאָדען און פון דרויסען אַ געשריי געטאָן :

— מאַדאַם בעריל! איז ניט אימיצער קראַנק געוואָרען ביי אייך? איז ניט געשעהן עפּעס אַן אומגליק? קען איך ניט מיט עפּעס אייך באַהילפיג זיין?

— דאָס איז לעזשען! — האָט אַרויסגערעדט מאַרי־לואיז, — עפּען איהר ניט, מאַמאַ... זי האָט אַ שרעקליך לאַנ־גען צונג.

— מיינסטו באמת, אַז מען קען אויף לאַנג אויסבאַהאַלטען פון איהר די אַנוועזענהייט פון אָט דעם קינד? זיין ערשטער גע־שריי וועט זי דערגרייכען! איהר הויז איז דאָך אַזוי נאָהענט פון אונזערען!

— מיט דער ערשטער פּאַסט וועט אַנדרע דערפון גע־וואָר ווערען.

— און גאַסטאָן, — מאָרגען, גלייך ווי ער וועט זיך אויפ־הויבען, — האָט צוגעלייגט זשעני.

— איך רעד שוין ניט דערפון, וואָס מען קען דאָס דאָזיגע קינד נאָך צושרייבען צו אונז.

— דו ביזט גערעכט! זאָל גאַנץ סען־מאַר דערפון געוואָר ווערען! זאָל מען זיי באַרעדען וויפיעל מען וויל, אָבער אונז לאָזען צורוה.

אַרונטערנעהמענדיג אַן אייזערנעם שטאַנג, האָט מאַרי־לואיז געעפענט די לאָדען.

די געשטאַלט פון אַ פרוי האָט זיך קלאָר געזעהן אין שיין פון דער לבנה.

— באַאונרוהיגט זיך ניט, מאַדאַם לעזשען, דאָס געהט די

נאָך ליעבע

שוועסטער מיינע סעלינאַ צום קינד, — האָט קאַלט ארויסגערעדט מארי־לואיז אייגבויגענדיג זיך צום שאָטען, וועלכער איז מיט אמאָל צוריקגעשפרונגען.

עפּעס אַן אויסגעשריי האָט זיך פארלאָרען אין דער פינ־סטערניש. דער שאָטען האָט זיך צוזאמענגעגאָסען מיט דעם נאַכטליכען חושך. דאָס מיידעל האָט ווידעראַמאָל פארמאכט דעם לאָדען, האָט דורכגעטרייסעלט די קוילען אין קוימען, וואו ס'האָט אויפגעפלאַמט א פייער, וואס האָט אָנגעפילט מיט זיין העלען שווינדעלדיגען אפּגלאַנץ דאס גאנצע צימער, וואס איז געווען שוואַך באַלויכטען פון אַן איינציגער לאָמפּ.

— מען דאַרף פאָרט ארויסגעהן אין דער הויף זעהן, וואָס דאָרטען הערט זיך, — האָט שטיל ארויסגערעדט מאדאם בעריל.

— געה, אויב דיר ווילט זיך! — האָט קאַלט געענטפערט מארי־לואיז.

אַן איינגעבויגענע, מיט שווערע טריט, מיט רויטע אויגען, איז געגאַנגען די אָרעמע מוטער. זי האָט געציטערט שעמענדיג זיך פאר איהר אייגענער שוואַכקייט. דער געלער הונד האָט איהר נאכגעפאָלגט אַן אונרוהיגער, פּיהלענדיג, אַז עפּעס קומט דאָ פאָר.

— וואָס בלייבט אונז צו טאָן מיט דעם קינד ?

זשעני האָט אויפ'ן קול ארויסגערעדט די פראַגע, וועלכע מארי־לואיז האָט שוין פיעל מאָל געשטעלט זיך אליין.

— און וויפיעל אונאנגענעמליכקייטען וועט עס פארשאפען אונז, דיר און באַזאָנדערס מיר!... וואָרים די איינגערע אארט עס זעהר ווייניג... אַלע וועלען טייטלען אויף אונז מיט די פינגער... און דו וועסט זעהן, אפילו גאסטאָן וועט זיך צו אונז ניט באַציהען מעהר מיט אזוי פיעל אכטונג, ווי פריהער !... זאָג מיר צו, זשעני, אַז דו וועסט קיינמאָל ניט...

אַ געיעג

מאַרי־לואיז האָט זיך אָפּגעשטעלט; זי האָט אונטערגעשלאָ־סעןָ געקוקט אויף דער שוועסטער, וועלכע האָט זיך געוואַרעמט אַ פאַרטראַכטע ביים שוואַכען פייער פון קאַמין מיט הענט פאַר־לייגטע אויף די קני.

זשעני האָט זיך אומגעדרעהט צו דער שוועסטער, וועמעס אויגען, ווי זי האָט געפיהלט, האָבען באַטראַכט איהר קערפּער, פאַרשעמט געקוקט אין איהרע ליכטיגע שוואַרץ־אַפּלען, וועלכע האָבען גאַרנישט אַרויסגעגעבען די פאַרבאָרגענע סודות פון איהר נשמה... מילד האָט זי אַ שמייכעל געטאָן:

— באַאונרוהיג זיך נישט... איך האָב גאָר נישט קיין פאַרלאַנג נאָכצומאַכען סעלינאַ'ן... גלייבען זי צו מיר, האָט פּונקט אַזאַ זין, ווי גלייבען גאַסטאָן'ען צו זשאַרזש'ען.

— דאָס איז אמת, אָבער ווייסטו, זשעני, איך וועל דיר זאָגען אָפען: אַם מייסטען בין איך בייז אויף סעלינאַ'ן פאַר איהר חוצפּה, וואָס האָט זיך פּשוט געגרענעצט מיט ציניזם; ווי אַזוי האָט זי געקענט לעבען צוזאַמען מיט אונז ביז דער לעצטער מינוט און גאַרנישט טראַכטען וועגען די פאָלגען דערפון? אונ־טער'ן אויסרייד, אַז זי דאַרף ערגעץ־וואו אָוועקפאָהרען, האָט זי געדאַרפט פאַרשווינדען פון דאַנען.

— און וואו וואָלט זי געקראָגען געלד?

— זשאַרזש איז איצט שוין פּוליעהריג און ער האָט אַ באַדייטענד פאַרמעגען.

מאַרי־לואיז האָט געשפּאַנט איבער'ן צימער, ניט זייענדיג אין קראַפט צו באַזיגען דאָס ערגערניש, וואָס האָט אַרומגענומען איהר זעעלע צוליעב דעם, וואָס זי האָט ניט געוואוסט, ווי לאַנג עס וועט זיך נאָך ציהען די אומבאַשטימטע לאַגע. וויפיעל שעה'ן וועלען נאָך פאַריבער, ביז איהר וועט געלינגען צו רעדען אויג־אויף־אויג מיט יענעם מענשען?... זי איז ענטציקט געוואָרען פון

זשעני׳ן, וועמעס גאַנצעס וועזען האָט גערעדט, אַז מען דאַרף זיך אונטערוואַרפֿען דעם אומפֿאַרמיידליכען.

דער קלאַנג פֿון טריט, די שטימען, וואָס האָבען זיך שוואַך דערטראָגען פֿון קאָרידאָר, דאָס דומפּע וואָיען פֿון די הינד, — דאָס אַלץ האָט געזאָגט, ווענען דער אָנוועזענהייט פֿון דער אַקושערין, וועלכער עס האָט, לויט אַלע וואַהרשיינליכקייטען, באַגלייט צו דער טיר מאַדאַם בעריל.

האַלטענדיג זיך פֿאַר׳ן הענטעל פֿון דער טיר, האָט מאַרי־לואיז זיך איינגעהערט. איהר האָט זיך געוואָלט, וואָס גיכער פּטור צו ווערען פֿון דער פֿרעמדער פֿרוי, אין וועמעס אַנוועזענהייט עס איז אויסגעקומען צו זיין איינגעהאַלטען, שווייגען, שטיקען אין זיך יענעם פּיין, וואָס האָט איהר מעהר געשניטען ווי איהרע שוועסטער, ווי איהר מוטער: וואָס זאָל מען טאָן מיט דעם קינד, אויף וועלכען זי האָט ניט געוואָלט קוקען?

אין דער נאַכטליכער שטילקייט האָט זיך נאָכאַמאָל דערהערט דאָס סקריפּען פֿון דער פֿאַרטקע. די אַקושערין, אַפּנים, איז אַוועק. די פֿאַרטקע האָט אַ שטאַרקען קלאַפּ געטאָן. די טריט פֿון מאַדאַם בעריל, וואָס האָט קוים געשלעפּט די פֿיס, האָבען זיך דערהערט גאַנץ נאָהענט. זי איז אַריינגעקומען, זי איז צוגעגאַנגען צו איהרע עלטערע טעכטער, וועלכע זיינען איינגעבויגענערהייט געזעסען געגען איבער דער קאַמין; מעכאַניש האָט זי אַריינגעוואָרפֿען אַ פּאָר קוילען. עס האָט אַ פֿלאַקער געטאָן אַ פֿייער און באַלויכטען מיט זיין פֿלאַם די פּנים׳ער פֿון די דריי פֿרויען.

— אַלץ איז געענדיגט; סעלינאַ רוהט; די איינגערע פֿאַר־נעהמען זיך מיט׳ן קינד... וואָס זאָלען מיר טאָן, מאַרי־לואיז?

מיט אַ שולדיגען אויסדרוק אויף איהר פּנים, האָט מאַדאַם בעריל געוואָלט ווייכער מאַכען איהר טאָכטער, ווייל זי האָט גע־

אַ געיעג

פיהלט אין דער טאָכטער'ס שווייגען אַ פאַראורטיילונג. האָט זי דען זיך איינגעהערט צו אַלע ווערטער, וואָס מארי־לואיז פלעגט צו איהר רעדען? האָט זי דען גענוג אָפּגעהיט סעלינאַ'ן?

— זאָל איך אפשר מאָרגען־פריה צוגעהן צו זשאָרזש'ען?

די אָרימע פרוי האָט אין גאנצען גענומען ציטערען ביי דעם בלויזען געדאנק פון דער דאָזיגער באגעגעניש; גרויסע טרע־רען האָבען פייכט געמאכט איהרע אויגען־דעקלעך, וועלכע האָ־בען ניט געהאט קיין וויהעס, זיי זיינען אויפגעגעסען גע־וואָרען פון די ביטערע טרערען, וואָס זי האָט פארגאָסען זייט זי איז געוואָרען אַן אלמנה. וואָס קען מען זיך העלפען! עס וועט אויסקומען דורכצולעבען נאָך אַן איבריגע באליידיגונג, נאָך די גאנצע רייהע, וואָס זי האָט שוין דורכגעלעבט.

— ניין, — האָט שטיל געענטפערט זשעני, — מיר דאכט זיך, אז מיט דיינע טרערען וועסטו קיין שום איינפלוס ניט אויס־איבען אויף זשאָרזש'ען!... דו וועסט זיך בלויז פארנאנדער־וויינען, דאָס אַלץ!

— און דורך טרערען ווערט קיין זאך ניט געלייזט, — האָט מיט אַ בייזען בליק צוגעלייגט מארי־לואיז.

זי האָט מיט דער האנד אונטערגעשפארט איהר קין; איבער איהר גאנצען פנים איז געווען צוגאָסען אַן אויסדרוק פון שטאָר־קען ווילען.

— טרערען רעגען אויף מענער, זיי מאכען אז זיי זאָלען זיין געגען אונז. עס טרעפט, אז זיי פיהלען זיך אמאָל אונמעכטיג גע־גען אַ וויינענדיגער פרוי, וועלכער זיי וואגען נאָך ניט אַ קלאַפּ צו געבען... אָבער זיי פאראכטען אונז, זיי זעהען אונזער שוואכ־קייט און טיילמאָל באנוצען זיי זיך מיט איהר!

מארי־לואי האָט גערעדט שארף; זי האָט גערעדט מיט אַ דומפּער שטימע. פון וועלכער ענטוישונג איז ארויסגעוואקסען די

נאָך ליעבע

ביטערע שנאה, וואָס האָט געקלונגען אין איהרע רייד, ביים וואָרט „מאַנספערשוין", וואָס זי האָט ארויסגעבראַכט מיט אַן אונערקלערבאַרער טרויעריגער פאַראַכטונג?

— איך וועל מאָרגען פריה אָפּוואַרטען זשאָרזש'ען, — האָט זי קלאָר ארויסגערעדט.

— שרעק איהם ניט, מאַרי־לואיז!

א גוטמוטיגע, ווי שטענדיג, האָט מאַדאַם בעריל געקוקט אויף דער טאָכטער, מורא האָבענדיג פאַר א צו שאַרפען ארויס־טריט.

— אָבער איך קלייב זיך פאָרט איהר גאָרנישט צו מאַכען קיינע קאָמפּלימענטען!

— מען דאַרף זיין גערעכט... סעלינאַ איז צוויי און צוואַנ־ציג יאהר, זשאַרזש'ן ווידער, דאַכט זיך, איז איין און צוואַנציג. ווי קען מען איהם באשולדיגען אין פאַרגוואַלטיגונג?

מאַרי־לואיז האָט ארונטערגעלאָזען דעם קאָפּ... עס איז געווען א ריכטיגע באַמערקונג; צום ערשטען מאָל האָט מאַדאַם בעריל ארויסגעוויזען געזונטען פאַרשטאַנד.

זשעני האָט אונטערגעהאָלפען דער מוטער:

— געוויס האָט ער זי מיט געוואַלט ניט גענומען!

— מעגסט זיין זיכער, אַז אויב ער האָט ניט וואָס מורא צו האָבען פאַר אונז, וועט ער זיכער זיך ארויסגליטשען פון אונ־זערע הענד!... זאָל דיר אפילו אויפ'ן זינען ניט קומען דער געדאַנק, אַז מענער טוען זייערע פליכטען, אַז זיי הערען זיך צו צום קול פון געוויסען! גלויב מיר, אַז מען זאָל זיי דערצו ניט צווינגען, וועלען זיי אַלע מאָל אַנטלויפען, אויב עס מאַכט זיך זיי נאָר א געלעגענהייט.

— אַך, מאַרי־לואיז, ווען דיין טאַטע וואָלט איצט געהערט דיינע רייד, ער וואָס איז געווען די עהרליכקייט אַליין!

אַ געיעג

מאַדאַם בעריל האָט אָבגעווישט איהר פּאַרמאַטערט, מאָגער־געזיכט און הויך אויסגעשנייצט זיך.

— ווען דער טאַטע וואלט געלעבט, — האָט אָנגעהויבען מארי־לואיז... אבער זי האָט ניט געענדיגט.

— מאָרגען וועלען מיר דאַרפען געהן פאַרשרייבען דאס קינד, מאַרי־לואיז!

מאַרי־לואיז איז אזוי ווי פאַרזונקען געוואָרען אין אַ שלאָף, אין וועלכען זי האָט געזעהן חלומות פון איהר גליקליכער יוגענד. זשעני האָט איהר אַ טרייסעל געטאָן, זי האָט איהר צוריקגע־בראַכט צו דעם ווירקליכען לעבען.

— יאַ, האָט זי ענטשלאָפען געענטפערט. — מיר וועלען עס מאָרגען טאָן. זשאַרזש וועט עס זיכער אנערקענען אלס זיין קינד... איך פאַרזיכער דיר אין דעם; אפילו ווען אונז זאל אויסקומען צו ברענגען איהם צושלעפּען פאַר די האָר...

— מאַרי־לואיז, סעלינא וויל דיך זעהן.

אין אַן אונגעהויער גרויסען פאַרטוך האָט זיך ראָזא דער־נעהנטערט צו די דריי פרויען.

— פיהלט זי זיך גוט? — האָט אַ דערשראָקענע געפרעגט מאַדאַם בעריל.

— פיעל בעסער פאַר מיר, וואָרים איך בין נאָך אַלץ אויפ־געגרעגט; בעסער פאַר לעאָני, וועלכע פיהלט זיך דערשלאָגען, בעסער פאַר אונז אַלעמען! זי איז אפילו ניט פאַראומערט. זי גלויבט, אז אלץ וועט זיך ענדיגען גוט.

— ווי ציניש!

— און די ליאַלקע האָבען מיר פאַרוויקעלט אין וואַטע, וואָס איך האָב, צום גליק, געפונען ביי מיר אין שראַנק. עס לאָזט זיך אויס, אז עס איז אַ זיבעלע.

נאָך ליעבע

— איך האָב אויך אַזוי געמיינט, — האָט דורך די ציינער אַרויסגערעדט מאַרי־לואיז.

— זי איז אַזאַ קליינינקע, אַזאַ פּיצעלע, אַזאַ ליעבינקע! ווען זי שלאָפט, פאַרשטעלט זי זיך די אויגעלעך מיט איהרע פויסטלעך, אַזוי, ווי זי וואָלט מורא געהאַט אַז מען געהט איהר טאָן עפּעס שלעכטס....

אַ באַגייסטערטע האָט זיך ראָזאַ אויפגעהויבען אויף די טרעפּ, געהענדיג פאַראויס פאַר די שוועסטער און דער מוטער.

לאַכענדיג האָט דאָס יונגע מיידעל געעפענט פאָרזיכטיג די טיר.

אין אָנפאַנג האָט מאַרי־לואיז דערזעהן בלויז סעלינאַ'ן; איהר בלייכער פּנים איז געווען כמעט דורכזיכטיג. די רוהיגע ליכטיגקייט, וואָס האָט געוועהט פון אָט דעם הערליכען קאָפּ, וואָס איז געווען באַקרוינט מיט דונקעלע, שווערע האָר, און דער רוהיגער פּנים מיט די האַלב־אַראָפּגעלאָזטע וויהעס — האָבען איהר דערמאָנט אָן אַ הייליגען בילד. די יונגע מוטער האָט האַלב אין שלומער געוויגט עפּעס, וואָס איז געווען פאַרוויקעלט אין ווייסער וואַטע.

בלויז לעאָני'ס פּלייצע האָט מען געזעהן, אין דער לענג פון דער פּלייצע איז געהאַנגען איהר העל־גאָלדענער צאָפּ. — זי האָט געהאַט אַריינגעשטעקט דעם קאָפּ אין אַ גרויסען שראַנק און געקליבען דאָרט פון די פּאָלקעס אַלטע, ווייסע לייליכער.

— מען דאַרף געפינען אַלץ, וואָס איז נויטיג פאַר אַ געלע־גער פאַר אונזער יונגער פריליין, — האָט זי געזאָגט, צולייגענ־דיג אויפ'ן טיש אַ גאַנצען פּאַק מיט וועש.

אַ געיעג

— אַט דאָס דאָזיגע קליינע נפש׳ל קעהרט דאָך אום דאָס הויז מיט די פיס אַרויף! לאָזט אַ גאַנצע נאַכט אונז ניט שלאָפען, מאַכט אונז פּשוט פאַרריקט, אַז מיר האָבען שוין ממש קיין קעפּ ניט, און עס אַרט איהר קיין האָר נישט!

ראָזאַ איז געשטאַנען איבער׳ן קופערט און אַרויסגענומען פון דאָרט העמדלעך און הייבלעך.

אַ שווייגענדיגע, ניט באַוועגענדיג זיך, איז מאַרי־לואיז געשטאַנען פאַר׳ן בעט און באַקוקט דאָס קליינע באַשעפעניש, וואָס האָט זיך געוואָרפען אין סעלינאַ׳ס הענד; נייגעריג האָבען זיך איבער׳ן קינד אַריבערגעבויגען מאַדאַם בעריל און זשעני.

אַזוי פיעל געבעט האָט אויסגעדריקט סעלינאַ׳ס בליק, אַז מאַרי־לואיז האָט געמוזט אָוועקדרעהען דעם קאָפּ.

— ענטשולדיג מיר, מאַרי־לואיז, דאָס איז געווען דער איינציגער מיטעל, וואָס מיר איז איבערגעבליבען....

— וואָס? דו האָסט עס אומיסטען געטאָן? — האָט מיט ענטריסטונג געפרעגט מאַרי־לואיז.

— דו וועסט זעהן, אַז עס וועט זיך אויסלאָזען, אַז איך בין געווען גערעכט... זשאָרזש האָט מיך ליעב... אפשר ניט שטאַרק גענוג, אַז ער זאָל פרייוויליג זיך פאַרבינדען מיט מיר אויף אייביג... איצט וועט זיין טעכטערל אונז דערנעהנטערען... זי וועט איהם צווינגען זיך אומקעהרען צו מיר... און, טיילווייז, אויך איהר...

סעלינאַ האָט גערעדט מיט אַ שטילער און שוואַכער שטימע; איהר בליק האָט ערגעץ געבלאָנזשעט אין דער ווייט, אין דער צוקונפט. מאַרי־לואיז האָט מעהר נישט דערקענט אין איהר די פריהערדיגע סעלינאַ מיט די העזה׳דיגע מאַנירען; אין איה־

נאָך ליעבע

רע דונקעלע שווארץ־אפּלען האָט איצט געלויכטען גאָר אן אנ־דער פייעריל.

— העלפט איהר מיר אלע, לאָמיר מאכען א פארשווערונג געגען איהם... מיין זשארזש — איז א ווילענלאָז קינד ; איך פארגעטער איהם, איך וועל ניט האָבען קיין מוט צו פאָדערען פון איהם, אז ער זאָל חתונה האָבען מיט מיר... אבי ער זאָל נאָר זיך אומקעהרען צו מיר ! איך וועל איהם ווי פריהער ווידער צו־נעמען !

מארי־לואיז האָט זיך געפיהלט געערגערט. וואס ? איז נאָך דער ערשטער סקאנדאל געווען צו קליין ? ווי האָט סעלי־נא געקענט צולאזען דעם געדאנק וועגען עהנליכע באציהונ־גען ? ווי אזוי האָט זי געקענט איצט מיט אזא אָפענער אונ־פארשעמטקייט רעדען וועגען איהר ליעבע ?

— ניין, מארי־לואיז, איך שעם זיך ניט... איך קען ניט לעבען, ווי דו — אָהן יעדע פרייד... ווען איך ארבייט, ווען איך לויף ארום א גאנצען טאָג איבער'ן הויז, אדער, א פארמאַ־טערטע, קעהר זיך אום אהיים פון מארק, מוז איך אומבאדינגט האָבען דאָס געפיהל, אז איך וועל פאר דעם שווערען טאג בא־קומען א באלוינונג — זיינע קושען, זיינע קאָסקעס, זיינע אומ־ארמונגען... איך פיהל עס פאראויס, אז זאָל איך נאָר צוריקקו־מען צו מיינע כוחות, וועט קיין שום זאַך אויף דער וועלט מיר ניט שטערען צוריקקעהרען זיך צו איהם און אָהן וועלכע עס איז איבערטראכטונגען זיך איהם אָפּגעבען... ניין, מארי־ליאיז, איך בין ניט קיין גאסען־פרוי, איך האָב דאָך איהם ליעב.

האלב אין מורמעל האָט סעלינא, א מידע, א פארמאטערטע ארויסגערעדט די דאזיגע ווערטער ; עס האָט זיך געדאכט, אז פון איהר פארמאטערטער ברוסט האָבען ארויסגעשטראמט גאנ־צע קוואלען ליעבע.

אַ געיעג

ענטציקט פון איהר שטראַלענדער שעהנהייט, האָבען מאַרי־לואיז און זשעני ניט אראָפּגעלאָזען פון איהר די אויגען. איהרע איינגעפאַלענע אויגען, וואס זיינען געווען ארומגעצאַמט מיט לאַנגע שוואַרצע וויהעס, האָבען אַזוי ווי אויפגעפּרעסען איהר אויסגעצעהרט געזיכט, וואס איז אַזוי ווי געהיילינט געוואָרען דורך ליידען. ווי פריהער איז רויט געווען איהר מויל; ווי פריהער האָט איהר מויל געלאָקט צו קושען, פּונקט אַזוי ווי בלומען לייגען זיך פאַר דער ביהן, פאַר דעם שמעטערלינג, אַזוי האָט זיך איהר מויל פאַרגעלייגט פאַר קושען.

ווי אַ קינד איז מאַדאַם בעריל איינגעשלאָפען אין דער שטול און וועלכער זי איז געזעסען.

שמייכלענדיג האָבען די אינגערע געקוקט אויף סעלינאַ'ן און געקוועטשט מיט די פּלייצעס.

— דאָס איז זעהר גוט, וואס דו האָסט ליעב די ליעבע, — האָט אַרויסגערעדט ראָזאַ מיט אַזאַ פייערליכער און קאָמישער מינע, אַז לעאָני האָט אַזש אַ שפּרונג געטאָן פאַר געלעכטער. פלאַנטערנדיג זיך אין איהר לאַנגען ווייסען פאַרטוך, האָט ראָזאַ אַנגעבלאָזענערהייט פאָרטגעזעצט: — פאַרשטעהסט, אַז עס איז גוט ליעב צו האָבען די ליעבע, זי איז די שענסטע פון אַלע מענשליכע רעליגיאָנען, אָבער, לויט מיין מיינונג, איז אין גאַנצען ניטאָ קיין נויטווענדיגקייט אומבאַדינגט זי צו מאַכען פּרוכטבאַר...

— גענוג! גענוג!

מאַרי־לואיז האָט געטרייסעלט ראָזאַ'ן:

— נישט אַרויספצווינגענדיג אויף אייך אונזערע אַנשויאונגען, וויל איך ניט הערען אַפילו פון אייערע, אָבער אין איינס בין איך איבערצייגט: סעלינאַ האָט ניט געהאַט קיין רעכט באַדעקען אונז מיט שאַנדע.

נאך ליעבע

— איך פיהל זיך גאר נישט באשמוצט — האָט גע־ענטפּערט לעאָני.

— מעגליך ! סעלינא'ס טאַט האָט ניט קאַליע געמאכט די פאַרב פון דיין פּנים און פונקט ווי פריהער זיינען דיינע אויגען שעהן ; דיין קאפּיטאל — שעהנהייט, דאס איינציגע מיט וואס דו רעכענסט זיך, — האָט זיכער גאר נישט פארלארען דורך דעם, וואס סעלינא האָט געבאָרען א קינד... אבער אונזער אלעמענס מאָראל, אונזער עהרע !...

— זעץ זיך בעסער צו, מארי־לואיז, גענוג גערעדט שוין !

ראזא און לעאָני האָבען זיך אָנגעהאנגען אן דער עלטערער שוועסטער ווילענדיג זי אוועקזעצען.

— מאָרגען וועל איך זיך זעהן מיט זשאָרזש'ן... אין א חודש ארום וועט סעלינא שוין זיין א פארהייראטע... און מיר וועלען פּטור ווערען פון אָט דעם נפש'ל... זיי פארזיכטיגער, אינדיטש־קע, וואס דו ביזט, זעהסטו דען ניט, אז דו דרעהסט דעם קינד אוים א האנד !

פאָרזיכטיג האָט מארי־לואיז גענומען אויף די הענד דאס קינד, פארריכט די וואטע ארום דעם פולענקען האלז.

פון דעם רויטען מיילכעל האָט זיך ארויסגעריסען א קוים הערבארער געשריי. די הענטלאך, וואס האָבען זיך באפרייט פון דעם ליילעך, האָבען געוועהט אין דער לופטען... ווענגען עפּעס א מחילה האָבען געבעטען די דאזיגע קוים פארמירטע ליפּען, וואס זיינען געוועזען געווענדט צו מארי־לואיז, וועלכע האָט זיך מיטאמאָל דערפיהלט אויפגערעגט ביז דער טיפעניש פון איהר נשמה.

— וואס עס זאל דארט ניט זיין, דארפען מיר קלאר ווע־רען, וואס מיר האָבען צו טאָן, — האָט געזאָגט זשעני.

אַ גע יעג

מאַרי־לואיז האָט געקוקט אויפ'ן קינד, וואָס איז רוהיג איינגעשלאָפען אויף איהרע הענד.

— וואָס וועט איהר זאָגען וועגען דער אַלטער לעגרי? איהר וואָלט מען געקענט פּאָרטרויען דאָס קינד: די אַלטע האָט דאָך ציגען!

— לעאָני איז גערעכט, די אַלטיטשקע איז זעהר אַ וואוי־לע פרוי — האָט באַשטעטיגט ראָזאַ.

— יאָ, — האָט פּאָרטגעזעצט זשעני, — מיר אַליין פלע־גען באַוואונדערען דעם געזונטען אויסזעהן פון די קינדער, וועל־כע זי האָט געהאָדעוועט! און אויפגעהאָדעוועט האָט זי זיכער אַ טוץ!

— די אַלטע לעגרי, אַ טוץ קינדער, די מילך פון שוואַר־צע ציגען... פאַר דעם נפש'ל, פאַר אָט דעם קליינטשינקען נפש'ל... צו וואָס? אָט איז דאָך דאָ גאָר נאָהנט איינענע צי־צען.

מאַרי־לואיז האָט אָנגעוויזען אויף סעלינאַ'ס הויכע בריסט, מיט האַרטע, ראָזעווע שפּיצלעך, וואָס האָבען זיך אַלץ געהויבען אין דער הויך. דאָס קליינע מיילכעל, וואָס האָט זיך געעפענט, האָט אָנגעהויבען צו זוכען... שטיל האָט מאַרי־לואיז געווענדעט דעם קינד'ס ליפּען צו דער שוועסטער'ס ברוסט.

— איך האָב ניט געוואַגט וועגען דעם בעטען, — האָט אַרויסגעמורמעלט סעלינאַ וויינענדיג פאַר פרייד, — קוקט! קוקט! זי נעמט עס! זי זויגט! אַך, ווי איך בין גליק־ליך!

אַרומרינגלענדיג דאָס בעט, האָבען אַלע דריי — ראָזאַ, לעאָני און מאַרי־לואיז — מיט ענטציקונג געקוקט אויף דעם אייביג נייעם וואונדער: דאָס נאָר וואָס געבאָרענע נפש'ל

נאָך ליעבע

האָט ביי דער ציטערדיגער ברוסט מעכטיג געפאָדערט זיין חלק לעבען.

מאַרי־לואיז האָט אפגעווישט א טרער פון איהרע באקען.

כדי ניט צו צוואוויינען זיך, האָבען די אינגערע גענומען לאכען; מיט אמאָל האָט זיך באוויזען זשעני, שטופענדיג די שטול מיט דער באָבע׳ן, אָן וועלכע אַלע האָבען אין טומעל פאַר־געסען און וועלכע האָט אונגעדולדיג געווארט ביי זיך אין צי־מער.

א יאָמער האָט זיך געהערט אין איהר קול, מיט איהרע צו־קנייטשטע הענט האָט זי אָנגעכאַפּט די קליינע הענטלעך, וואס האָבען ארויסגעשטעקט פון דער ווייסער וואַטע. אין די אַלטע אויגען האָבען געגלאַנצט טרערען.

— מיין אור־איניקעל! מיין קליין אור־איניקעל!

אין דער צייט פון דער פיעלבאדייטענדער רוהיגקייט, וואס האָט באהערשט דאס צימער, האָט זיך אויפגעכאַפּט מאדאם בעריל.

9

— זשאָרזש! לויפט ניט אזוי! קומט אריין צו אונז, איך דארף מיט אייך עפּעס רעדען!...

שטעהענדיג ביים טירעל פון פארקאן, האָט מארי־לואיז, איינגעהילט אין א פעלערינע, גערופען דעם יונגען־מאן, וואָס האָט זיך גיך ארונטערגעדרעהט פון א שטעגעל, מאכענדיג דעם אָנשטעל, אז ער איילט זיך צום וואקזאל. צולויפענדיג צו איהם, האָט זי איהם אָנגעכאַפּט פאַר דער האנד.

אַ געיעג

— זשאָרזש, איך פאָדער, אַז איהר זאָלט די מינוט אריינ־געהן צו אונז!

דאָס מיידעל האָט געציטערט פון קעלט און פון אונגעדולדי־גער ערוואַרטונג. באַגינען האָט סעלינא איינגעדרימעלט, איהר קינד, אַנזעטענדיג זיך מיט איהר מילך, איז אויך געשלאָפען. אויסגעמאַטערט ביז טויט, האָט זיך מארי לואיז אויך צוגע־שפארט. איהר שוועסטער, די באָבע, די מאַמע, — אַלע זיינען פארזונקען אין אַ שלאָף נאָכדעם ווי זיי האָבען גע'פטר'ט דעם טאָג פון טומעל און דאגות. אָבער מארי לואיז, וועלכע האָט די גאַנצע נאכט געפיבערט, האָט זיך לאַנג צוגעהערט צו דעם אונ־אויפהערליכען שלאָגען פון די זייגערס. ווען די הענער האָבען גענומען קרעהען, איז זי אויפגעשטאַנען, פיהלענדיג, אַז עס איז איבער איהרע כוחות צו ליגען אין בעט באַוועגלאָז און דערביי ניט שלאָפען. זי האָט זיך אָנגעטאָן, ארונטערגעגאַנגען אונטען, געמאַכט אַ פייער, גענומען אַ טוש, וואָס האָט שטאַרקער גע־מאכט איהרע נערוועז און צוטריבען די היץ פון וועלכער זי האָט אין גאַנצען געברענט.

בארוהיגענדיג זיך אביסעל, האָט זי גענומען אָפּוואַרטען, שטעהענדיג אויף דער קאַלטער פריה־מאָרגען לופט, דעם יונגען מאַן, און אָט איצט איז ער אין איהרע הענד און זי האָט וויערהאָלט.

— איך פאָדער, אַז איהר זאָלט מיטגעהן מיט מיר, זשאָרזש!

זי האָט גערעדט קורץ, שארף און אין דערזעלבער צייט ענטשלאָסען. דער בחור האָט פארשטאַנען, אַז דאָס בעסטע פאַר איהם איז זיך אונטערצוגעבען. דערצו האָט שוין פון אַ דערבייאיג הויז ארויסגערוקט זיך אַ נייגעריגער קאָפּ. אַ צוטו־מעלטער און אַ פארלאָרענער האָט ער זיך געלאָזט פיהרען פון

נאָך ליעבע

דעם מיידעל. מיט א פרעהליכען בילען האָבען איהם באגריסט די הינט.

דאָס הויז האָט געמאכט דעם איינדרוק ווי קיינער וואָלט דאָ ניט געוואוינט; עס איז געווען פארזונקען אין א טיפען שווייגען. מארי־לואיז האָט אריינגעפיהרט זשאָרזש׳ן אין דעם גרויסען צימער אויפ׳ן ערשטען שטאָק. ער האָט זעהר גוט גע־קענט דאָס צימער. ניט איינמאָל איז ער ארויסגעשפרונגען פון דעם פענסטער אין גאָרטען אריין, ווען א נישט־ערוואַרטעטער אָנקומען פון איינע פון די שוועסטער האָט צושטערט זיין „טעט־ע־טעט” מיט סעליגע׳ן. ארום דעם גרויסען טיש, אויף וועלכען עס זיינען געווען אָנגעוואָרפען פארשידענע שטאָפען, זיינען געשטאנען לעדיגע שטולען.

— זעצט זיך און הערט מיך אויס, — האָט געזאָגט מארי־לואיז צו דעם יונגען מאן, וועלכען זי האָט געפיהרט און איהם אָנגעוויזען אויף א שטול... — איהר שטעלט זיך דאָך געוויס אליין פאָר, וואָס איך קליב זיך צו רעדען מיט אייך, ניט אמת?

דער יונגלינג האָט ארונטערגעלאָזען דעם קאָפּ.

אָן ערשטוינטע האָט מארי־לואיז באטראכט איהם: צום ערשטען מאָל האָט ער זיך איהר אויסגעוויזען פאר א שעהנעם און צערטליכען, ווי א יונג מיידעל; זיינע האָר האָבען זיך גע־קרויזעלט אויף זיין סאמעט־גלאַטען נאקען, ער האָט געהאַט זעהר ווייכע הענט מיט ראזע נעגעל און די לענגליכע און ציטרע אויגען פון א גרויל־אף־בלויען קאָליר מיט שווארצע ברעמען, האָ־בען פיעל צוגעגעבען צו זיין פנים, אָן אומגעלייגטער קראגען מיט א נאכלעסיג פארבונדענעם קראוואט האָט ארומגענומען זיין האלז.

מארי־לואיז האָט איצט באמערקט די אלע קלייניגקייטען

א גע׳יעג

אויף וועלכע זי האָט פריהער קיין אויפמערקזאמקייט ניט גע־שאָנקען; איצט האָט זי פארשטאַנען די ליעבע פון דער זינליכער סעלינע׳ן צו אָט דעם צערטליכען, און אָהן צווייפעל אויך קאַליע געוואָרענעם יונגלינג.

— לעצטע נאכט האָט סעלינא געבאָרען א מיידעל...

זי האָט ארויסגערעדט די ווערטער אזוי, אז אין דער שטיל־קייט, וואָס האָט געהערשט ארום, האָבען זיי אויסגעקלונגען ארויסרופענד, פונקט ווי א קריגס ערקלערונג.

אַן ערשטוינטער האָט זשאָרזש א קוק געטאָן אויף איהר.

— שוין ? -- האָט ער צווישען די צייהן ארויסגערעדט, וואָס דערמיט אליין האָט ער שוין מודה געווען, אז ער איז דער פאטער פון׳ם קינד.

— געלויבט צו גאָט, וואָס איהר לייקענט כאָטש נישט אָפּ אייער שולד ! — אין מארי־לואיז שטימע האָט געקלונגען איינ־געהאַלטענער כעס.

דער יונגערמאַן האָט זיך פארטראכט ווי אזוי זיך דאָ ארויסצודרעהען... ער וואָלט פיעל אוועקגעגעבען, ווען ער וואָלט אין דער רגע זיך געפונען אונטער ארעסט ערגעץ אין פאָלק, וואו ער האָט נאָך לעצטען מאָנאט געדיענט, און פון וואַנען ער האָט זי דערשטע לעצטענס באפרייט.

— וואָס קלייבט איהר זיך צו טאָן, זשאָרזש ?

מארי לואיז האָט איהם ניט געלאָזט קומען צו זיך. שטע־הענדיג פאר איהם אין דער גאנצער גרויס, האָט זי זיך איהם פאָרגעשטעלט אין איהר פעלערינע, ווי עפּעס א שרעקליכע פוריע. זי האָט נאָך מעהר ארויפגעוואָרפען שרעק אויף איהם דערמיט, וואָס ער האָט געפיהלט, אז אונטער איהר שטעהען גרייט נאָך אנדערע פוריען וואָס זיינען גרייט אָנצופאַלען אויף איהם. איהם איז געוואָרען שווער אויפ׳ן הארצען, ער האָט מורא געקראָ׳

נאָך ליעבע

גען פאַר די אַלע צוויגען, וואָס זיינען גרייט געווען איהם צו דער־שטיקען. ער האָט קלאָר דערזעהן אין וואָס פאַר א שרעקליכער נעץ ער איז אריינגעפאַלען דערמיט, וואָס ער האָט זיך ניט אָפּגעגעבען א רעכנונג אין זיינע טאַטען, נאָר ער איז בלינד נאָכ־געגאַנגען נאָך דעם קול פון זיין זינליכער יוגענד, וועלכע איז צובראָכן געוואָרען פון סעלינע'ס ליידענשאַפט. וועט ער צו־לאָזען, אַז בלויז צוליעב אָט דעם קליינעם אינצידענט זאָל צו־בראָכען ווערען זיין גאַנץ לעבען, אַז ער זאָל דאַרפען אוועקוואַר־פען דעם אוניווערסיטעט?

איהם איז געוואָרען שרעקליך פון דעם געדאַנק זיך צו פאַר־בינדען מיט אָט די אַלע קריגערישע מוידען ביי וועלכע, ווי ער האָט געגלויבט, עס זיינען שטענדיג גרייט די נעגעל.

— וואָס קלייבט איהר זיך צו טאָן, זשאַרזש? ענטפערט!

זיינע גרויע אויגען זיינען טונקעל געוואָרען און אָנגענומען א גרויזאַמען אויסדרוק. ער האָט א טרייסעל געטאָן מיט די פּלייצעס, פּונקט ווי ער וואָלט אָפּטרייסלען פון זיך דעם יאָך, וואָס מען האָט געוואָלט אויף איהם אַרויפוואַרפען.

— זשאַרזש! וועט איהר מיר שוין אַמאָל ענטפערען?

מאַרי־לואיז, וואָס איז געוואָרען אויסער זיך פון זיין שווייגען, האָט איהם אָנגעכאַפּט פאַר דער האַנד און באַמיהט זיך מיט די אויגען צו כאַפּען זיין בליק.

מיטאַמאָל, אויפהויבענדיג דעם קאָפּ, האָט דער יונגלינג זיך אָפּגערופען:

— איך וויים ניט!

ער האָט אַרויסגערעדט די דריי ווערטער מיט א פעסטער ענטשלאָסענהייט, ווי ער וואָלט וועלען זיך אליין צווינגען אָנצי־נעמען פאַלגענדען באַשלוס: אין קיין פאַל זיך ניט אונטערצו־געבען, מעגען זיי אָנפאַלען אויף איהם, ווי זיי ווילען נאָר אליין.

אַ געיעג

— אָבער איך ווייס!

— אהא! — האָט ער ארויסגערעדט וועלענדיג זיין קאָמיש, אָבער דער קלאנג איז דערשטיקט געוואָרען אין זיין קעהל.

— יא, טייערער מיינער, איך ווייס: איהר וועט חתונה האָבען מיט סעלינא׳ן!

א צוטומעלטער האָט ער געקוקט אויף מארי־לואיז, וואָס האָט, צורוקענדיג צו איהם איהר פּנים, געקוקט אויף איהם ארויסרופענד.

— איהר וועט חתונה האָבען מיט איהר, זשאָרזש, איהר אליין ווייסט, אז דאָס איז אומבאַדינגט נויטיג... דערפאַר, וואָס סעלינא איז א וואויל מיידעל און פארגעטערט אייך און אויך דערפאַר, וואָס איהר אליין האָט זי אויך אביסעל ליעב... איהר וועט חתונה האָבען מיט איהר, זשאָרזש, ווייל איהר האָט זי גענומען אַן אונשולדיגע... פון א מיידעל האָט איהר געמאכט א געליעבטע... אייערם א געליעבטע... און איצט איז זי געוואָרען מוטער... איהר וועט מיט איהר חתונה האָבען דערפאַר, זשאָרזש, ווייל אויבען איז נעכטען געבאָרען געוואָרען א קינד, ווענען איך וויל געבען א פאָטער, וואָס זאָל זיין אימשטאנד איהם אָפּצוהיטען פון אלעם בייז... פון נויט, און אין דער צוקונפט, פון ליעבע, פונקט אזוי ווי מיר אליין וואָלטען געשיצט געוואָרען, ווען מיר זאָלען נאָך האָבען א פאטער. איהר וועט דאָך ניט וואגען צו באהויפּטען, זשאָרזש, אז איהר וואָלט די טאָט באַגאנגען, ווען אין אונזער פאמיליע וואָלט געווען א מאַן, וועלכער וואָלט זיך מיט אייך היינט באַגעגענט פּנים אל פּנים, שטאָט מיר!... זשאָרזש, איך פרעג אייך, פאר וואָס ענטפערט איהר מיר ניט? אפשר דערפאַר, וואָס איך בין א פרוי? פאר וואָס מיסברויכט איהר אונז?

נאך ליעבע

מארי־לואיז'ס אויגען זיינען געוואָרען פייכט, אין איהר קויל האָט זיך געהערט א יאָמער.

זי האָט אליין געקעמפט מיט דער אויפרעגונג, וואָס האָט זי ארומגעכאפּט און וועלכע זי אליין האָט געהאלטען פאר א פייג־הייט; זי האָט געקעמפט מיט דעם פארלאנג אָפּצולאָזען די הענט און בעטען רחמים ביי דעם יונגלינג, אז ער זאָל ווערען דער באשיצער און פארזארגער פון דעם נפש'ל, וואס איז איצט גע־שלאָפען אין דעם צימער איבער זיי מיט זיין ערשטען שלאָף. מארי־לואיז איז געווען טראגיש און צוזאמען דערמיט ריהרענד אין איהר דונקעלער פעלערינע, וואָס האָט פארדעקט איהר פראכטפולען קערפער, וואָס האָט געציטערט פון קעלט און ער־ווארטונג. אין דער זעלבער צייט האָט זשאָרזש'ן ארומגענומען א פארלאנג זי צו בארוהיגען, פארטרייבען איהר מורא, בא־פרייען זי פון אָט דער פיבערדיגער לאגע.

— מארי־לואיז, ענטשולדיגט מיר, איך בין שולדיג, אין אלעם שולדיג, איך לייקען עס ניט... איך בעט אייך ענטשול־דיגונג, וואָס איך האָב אייך פארשאפט אזוי פיעל לייד.

— דאָס האָט גאָרנישט צו טהאָן מיט מיר, מיר רעדען איצט וועגען סעלינע'ן און איהר טאָכטער.

— איך וועל זיי ניט אוועקוואַרפען... גיט אוועק דאס קינד צו עפּעס אן אם, איך וועל צאָהלען דערפאר...

מארי לואיז האָט א שאָקעל געטאָן מיט'ן קאָפּ. עס איז געווען קלאָר, אז ער ציהט אָפּ צו געבען אן ענטשיידענדען ענט־פער. זעהענדיג זיין נידערטרעכטיגקייט און גלייכגילטיגקייט האָט זי זיך געערגערט און זי האָט זיך געפיהלט טיעף באליי־דיגט פאר דער שאנד, וואָס ער האָט ארויפגעוואָרפען אויף זיי אלע אין דער פערזאָן פון איהר שוועסטער. זי האָט געענטפערט:

— זאָגט אָפען, אז איהר האָט קיין גרויסען חשק ניט צו

אַ געיעג

אנערקענען זיך פאַר'ן פאטער פון קינד, ווייל דאָס וואָלט ארויפּ־געלייגט אויף אייך אַ געוויסע פאַראַנטוואָרטליכקייט... זייט זיך מודה, אַז איהר טראַכט בלויז וועגען אייער אייגענעם גענוס, וועגען באַפרידיגען אייערע נידריגסטע אינסטינקטען. נעמט אַראָפּ פון זיך די מאַסקע! איהר האָט ניט קיין געפיהל פון פאַראַנט־וואָרטליכקייט און קיין געוויסען און ווען איך וואָלט זיין אויף סעלינאַ'ס אָרט, וואָלט איך מיט אייך ניט חתונה געהאַט... איהר זייט איהר ניט ווערטה!... איהר זייט ערגער פון אַ ווילדען, איהר זייט ערגער פון אַ חיה, ווייל זיי זאָרגען פאַר זייערע קינדער, פאַר זייערע פאַמיליען... קיין גרויסע מתנה גיבען מיר ניט דעם דאָזיגען קינד, — וועגען וועלכען איהר ווילט זיך אפילו נישט ערקונדיגען וואָס עס מאַכט, כאָטש איהר ווייסט שוין מעהר פון אַ האַלבער שטונדע פון זיין עקזיסטענץ, — ווען מיר גיבען איהם אַזאַ פאטער.

אַ צוטומעלטער, אַ פאַרטויבטער פון אָט דעם שטראָם רייד, וואָס האָט איהם זעהר וועה געטאָן און באַליידיגט, האָט ער ארויסגעמורמעלט איינינע ענטשולדיגונגס־ווערטער.

עס איז אמת, אַז אַ פאַרזונקענער אין געדאַנקען וועגען זיין לאַגע, האָט ער אין גאַנצען פאַרגעסען אַז עס איז געווען זיין חוב זיך צו ערקונדיגען, וועגען דעם שטיקעל פאַרמלאָזען פלייש, וואָס עס האָט מיט זיך געוויס פאַרגעשטעלט זיין טאָכטער.

פון איידעלקייט וועגען האָט ער זיך נאָכגעפרעגט צו סע־לינאַ האָט ניט איבריגס געליטען. מיט עקעל האָט ער זיך פאַר־געשטעלט איהר צוריסענעם בויך. אין זיינע אויגען, אין די אויגען פון אַ זינליכען געליעבטען וואָס איז הויפּטזעכליך גע־ווען פאַרליעבט אין סעלינאַ'ס פראַכטפולען לייב, האָט זי געננו־מען פאַרלירען איהר באַצויבערנדע שעהנהייט. די יונגע שעהנ־הייט וואָס האָט זיך ליידענשאַפטליך פריהער געוואָרפען אין

נאָך ליעבע

זיינע אָרעמס, איז איצט געווען א פרוי וואָס טויג שוין אויף „גאָר נישט" ניט... מארי־לואיז האָט ניט באוויזען איהם צו ענטפערען, ווי אין פאָדער־הויז האָט זיך ארונטערגעלאָזען א גאנצע מחנה. מיט א גערויש האָט זיך די טיר געעפענט און ראָזאַ, לעאָני און זשעני אין פעגואַרען, מיט צולאָזענע צעפּ האָבען זיך א וואָרף געטאָן צו זשאָרזש'ען... אָבער נישט מיט אויסגעשטרעקטע נעגעל — אויף זייערע הענטלעך, פּונקט ווי טראָפּען נאָך א זיעג, האָבען געוועהט ווייסע און בלויע שמאַטקעס.

— ווען איז די חתונה ? — האָט געשריען ראָזאַ.

—אָ' ס'ארא קליינינקע זי איז! איהרע הענטלעך געהען אריין אין די ארבעל. איז עס נישט זאַנדערבאר זשאָרזש ? — האָט געזאָגט זשעני צוטראָגענדיג צום יונגען מאַן א העמדעל פון א לאַלקע, פון ראָזע'ס לעצטע ליאַלקע.

— און זי איז אַזאַ פרעסערין... געראָטען אין גאַנצען אין פאָטער און אין דער מוטער... וויינענדיגערהייט פאָדערט זי איהר פלעשעל... איהר ווייסט דאָך, זשאָרזש, דאָס פראַכטפולע פלעשעל...

די ביידע אינגערע שוועסטער האָבען געפּלוידערט און גאָרנישט באַמערקט זשאָרזש'ס פאַרלאָרענקייט.

אין ווינקעל פון צימער האָט מארי־לואיז איבערגעגעבען זשעני'ן וועגען דעם וואָס זי האָט גערעדט מיט זשאָרזש'ען און דערביי ניט אראָפּגעלאָזט די אויגען פון איהרע געשיקטע שוועס־טער, וועמעס טאַקטיק זי האָט אויסגעצייכענט פארשטאַנען. און אין אמת'ן, איז דען ניט בעסער, אַז זיי זאָלען פארטומלען אָט דעם יונגלינג, פאָרשטעלען איהם אין אַן אַנציהענדען ליכט זיינע צוקינפטיגע פליכטען? זי איז באמת געווען אומגערעכט, ווען זי איז זיך אַזוי שטרענג באַגאַנגען מיט איהם.

אַ געיעג

— און מען דאַרף אפילו ניט, אַז די מאַמע זאָל אַלץ וויינען אין דער שטיל — האָט באַמערקט זשעני.

דערווייל האָט ראָזאַ גענומען רעדען העכער. עס האָט זי אויפגערעגט זשאָרזש'ס שווייגען. זי האָט איהם צוגעדריקט צו אַ ווינקעל, נעבען דעם פענסטער, דורך וועלכען ער וואָלט גראַד מיט גרויס פאַרגעניגען אַרויסגעשפרונגען.

— סעלינאַ פאַרגעטערט אַלץ אייערע שעהנע און זינדיגע אויגען... דאָס איז זעהר אַנגענעהם און גוט פאַר אייך, אָבער ווי שלעכט איז עס פאַר איהר!... איהר זייט גאָרנישט ווערט די פראַכטפולע ליאַלקע, וואָס איז לעצטע נאַכט געקומען אויף דער וועלט, פונקט ווי אַן אמת'ער מלאך... יאָ, זעהר געשעצטער הערר, מיר אַלע ווערען ענטציקט פאַר איהר, און איהר בעט אפילו ניט, אַז מען זאָל אייך ערלויבען זי אַ קוש צו טאָן! איהר מעגט זיך שעהמען!... אָט די ליאַלקע דאָרט אין דער הויך, וואָס באַוועגט זיך, אָטעמט, געהערט אויך אייך אַביסעל... געהט אַרויף גיט איהר אויך אַ שמייכעל...

— זשאָרזש, מיר וועלען זיך צוזאַמענלייגען און אויסטרינקען שאַמפּאַניער פאַר'ן געזונט פון דיין טאָכטער!

— זשאָרזש, מיר וועלען אייך ערלויבען צו קושען אונזערע הענד, אויב איהר וועט זיך אַרויסווייזען פאַר אַ גוטען טאַטען...

— זשאָרזש, מיר וועלען דיך נעמען אויף אונזערע בעלער...

— זשאָרזש, דיין טעכטערל וועט זיין אונזער פרינצעסין!

— זשאָרזש, סעלינאַ וויל אייך זעהן... איך בעט אייך, קומט אַרויף!

זשעני האָט עס איהם געבעטען; איהרע שטענדיג רוהיגע אויגען זיינען געווען פול מיט טרערען.

— זשאָרש געהט אַרויף! די מאַמע געפינט זיך אין זעל-

נאָך ליעבע

בען צימער... זי וועט אייך קיין זאַך ניט פאַרוואַרפען, איהר הערט! דערצו, וואָס קען מען אייך זאָגען אַזוינס, וואָס איהר אַליין ווייסט ניט? וואָס, באַשרייבען אייך די גאַנצע שאַנדע, די אַלע דאגות, דעם ים פון ליידען און אומאַנגענעמליכקייטען, וואָס וועלען פאַלען אויף אונזער קאָפּ מיט'ן געבאָרען ווערען פון דעם קינד? דאָס אַלץ איז אייך גוט באַוואוסט... אָבער איהר ווייסט אויך, אַז מיט אַן איינציגען וואָרט קענט איהר דאָס אַלץ פאַררעכטען, צוריקברענגען די שמייכלען אויף די אַלע פּנים'ער, וואָס ווילען האָבען אין אייך אַ פריינד.. און דאָס דאָזיגע וואָרט וועט איהר אַרויסרעדען אויבען, צו קאָפּענס ביי דער נאָך שוואַ־כער סעלינאַ'ן, אָבער וועלכע איז נאָך, ווי פריהער פאַרליעבט אין איהר געליעבטען... איהר וועט עס זאָגען דער מוטער, וואָס נעהרט איהר קינד... איהר וועט עס זאָגען, זשאָרזש, אָדער, איך פאַרזיכער אייך אין דעם, מיין פאַטערס רעוואָלווער, וועלכער איז נאָך אַלץ אָנגעלאָדען מיט זעקס קוילען, וועט זיין באַ־שטימט פאַר אייך... אויב איך וועל ניט טרעפען, וועלען איהם נעמען מיינע שוועסטער... איהר וועט קיין לעבעדיגער ניט אַרויס פון אונזערע הענד, אויב איהר וועט זיך ענטזאָגען צו ערפילען אייער פליכט... אייער גאַנצע פליכט... אָט וואָס איך האָב אייך געוואָלט פאַרזיכערען, זשאָרזש, און אויך אין דעם, אַז איך זאָג אייך צו מיין עהרליכע שוועסטער־ליעבע, אויב איהר וועט האַנדלען, ווי אַן עהרענהאַפטער מאַן.

אויסציהענדיג זיך אין דער גאַנצער גרויס, איז מאַרי־לואיז געשטאַנען ביי דער טיר און איהם אָנגעוויזען דעם וועג, לאָ־זענדיג איהם געהן פאַראויס.

מיט ענטציקונג האָט ער אַ קוק געטאָן אויף איהר, פּונקט ווי ער וואָלט זי געזעהן צום ערשטען מאָל.

— מאַרי־לואיז, — האָט ער געזאָגט, — גיט מיר אייער

אַ געיעג

האַנד... איך וועל חתונה האָבען מיט סעלינאַ'ן, אַזוי גיך ווי זי וועט נאָר קומען צו זיך... אָבער נישט דערפאַר וואָס איך האָב מורא... וואָרים, ווי איהר אַליין פאַרשטעהט, קען איך מיר גאַנץ רוהיג מאָרגען אין דער פריה פון דאַנען אוועקפאָהרען און איהר וועט ניט קענען אויספיהרען אייער דראָהונג... אָבער איך וויל ניט זיין קיין געוויסענלאָזער מענש... איך וויל ניט, אַז איהר זאָלט מיך פאַראַכטען, איהר!.

עפּעס אַ בענקשאַפט האָט דורכגעקלונגען אין זשאַרזש'עס שטימע און אַ טרויעריגער נעבעל האָט זיך צוליגט אויף זיין פּנים. ער האָט זיך געקליבען אַרויפצוגעהן אין דער הויף, אָבער אין דער רגע האָט זיך ראָזאַ אַ וואָרף געטאָן צו איהם און מיט די הענד אַרומגענומען זיין האַלז.

— טייערער שוואָגער מיינער, איך וויל דיך אַרומנעמען, ווייל דו האָסט אַזוי שעהן גערעדט.

לעאָני האָט זיך אָנגעהאַנגען אָן זיין אָרעם, זשעני האָט אונטערגעשטעלט איהר באַק און אַ צוטראַגענע האָט מאַרי־לואיז אויסגעשטרעקט צו איהם איהרע הענד...

ער האָט זיך איינגעבויגען צו די דינע פינגערלעך, צו וועלכע ער האָט זיך גיך צוגעריהרט מיט די ליפּען, דערנאָך האָט ער זיך אויסגעגלייכט, אַביסעל בלייך געוואָרען און באַגלייט פון די מיידלעך, האָט ער גענומען אַרויפגעהן אין דער הויף.

די ערשטע איז אַריינגעגאַנגען ראָזאַ, האַלטענדיג אַרומ־גענומען זשאַרזש'ן פאַר'ן האַלז, נאָך זיי איז געגאַנגען לעאָני און די עלטערע צוויי — די לעצטע... עס איז געווען אָן אמת'ער נצחון־צוג.

מיט איהר פרייער האַנד, האָט ראָזאַ געוועהט אין דער לופטען, פּונקט ווי מיט אַ פאָהן.

— מאַמע, מיר האָבען דיר געבראַכט אָן איידעם!

נאָך ליעבע

— ענדליך וועט אין אונזער משפחה זיך געפינען א מאנספערשוין!

— סעלינא, אַט האָבען מיר דיר געבראכט דיין חברה־מאַן.

— נינא! קליין נינעלע, אַט איז דיין פּאפּא!

איבערלאָזענדיג זשאַרזש'ען איז לעאָני צוגעלאָפען צו דער ליאַלקע וואָס האָט געציטערט ביי סעלינא'ס ברוסט.

— זשאַרזש!

מאדאם בעריל האָט געעפענט פאַר איהם איהרע אָרעמס. זשאַרזש'ן איז ניט געלונגען אויסצומיידען א פּאָר פּייכטע ליפּען.

אָן אויפגערעגטע, ווי אימער, האָט די אָרעמע פרוי געפונען פּאַר פּאַסענד איבערצולאָזען זיי אליין און זי איז ארונטערגע־גאנגען. דערצו האָבען אויף איהר שוין לאנג געוואַרט איהרע חיות.

מארי־לואיז האָט צוגעמאכט די טיר אונטער דער מוטער.

ליגענדיג אין בעט האָט סעלינא זיך צושמייכעלט צו זשאַרזש'ן, צו איהר קליינער ליאַלקע, וואָס האָט גייציג ארייגגע־זאפּט אין זיך לעבען ביי דער איבערגעפּולטער ברוסט.

— זשאַרזש!

דער אומגליקליכער אינגעל, וועלכער האָט זיך אָנגעשטעקט מיט דער אומרוהיגקייט וואָס האָט ארומגענומען די אלע מייד־לאך, האָט זיך מיט ניכע טריט דערנעהנטערט צום בעט; ער האָט ניט געוואגט צו קוקען אויף סעלינא'ס ענטבלויזטער ברוסט. א געפיהל, וואָס איז איהם ביז אהער געווען אומבאקאנט, האָט איהם באהערשט נאָך דעם, ווי עס איז אוועק פון איהם די איי־פערזוכט, וואָס האָט אויף א צער צייט ארומגענומען זיין הארץ, ווען ער האָט דערזעהן דאָס קליינע מיילכעל, וואָס האָט ביי איהם אוועקגערויבט זיין אייגענטום... סעלינא האָט זיך

א געיעג

איהם אויסגעוויזען פארענדערט, אין גאנצען ניט עהנליך אויף אַט דער ליידענשאפטליכער געליעבטער, וואָס זי האָט מיט זיך ניט לאנג צוריק פאַרגעשטעלט. צווישען זיי האָט זיך איבערגעריסען עפּעס א פאַדעם, וואָס האָט זיי געהאלטען צוזאמען... צו וואָס זיך ווידער פארבינדען? איצט איז זי געוואָרען מוטער, שפּעטער וועט זי ווערען ווייב, וועלכע וועט איהם אלע אוועגד ערוואַרטען...

ווען ער איז געשטאַנען און געטראַכט, האָט איהם מארי־לואיז אונטערגעטראָגען דאָס אַנגעזעטיגטע קינד, מיט א פּנים'ל נאָך פאַרשפריצט מיט מילך און מיט גלאַנצענדיגע אויגען.

ער האָט א וויילע געהאלטען ד'אָס צאַפּעלנדיגע נפש'ל אין זיינע הענד און א קוק געטאָן אויף מארי־לואיז. איהר שטאָלץ געזיכט האָט אָפּגעשפּיגעלט א נשמה, א אידעאַלע שעהנהייט, וואָס ער האָט קיינמאָל ניט געזעהן ביי סעלינא'ן, וועלכע האָט צוגעצויגען צו זיך בלויז מיט איהר אויסערליכען אויסזעהן. ער האָט זיך דאָס איצט אויפגעכאַפּט פון א שטאַרקען זינליכען חלום און זיך דערזעהן מיט קיטען אויף די הענד און אויף די פיס.

— זשאָרזש, קענסט מיך א קוש טאָן, די מאַמע איז אוועק.

ער האָט א ציטער געטאָן, איינגעבויגען זיך איבער'ן בעט, א קוש געטאָן דאָס קינד און די מוטער און עפּעס שעהנעס און רייצענדעס האָט ער געזעהען אין דעם וואָס ער האָט זי באַשייצענדיג געגלעט אונטער די ערמוטיגענדע בליקען פון מארי־לואיז.

נאָך ליעבע

.10

דער בריעף פון אַנדרע וויניאַלאַ צו מאַדעמואַזעל מאַרי־לואיז בעריל אין סען־מאַר.

„ניין, מיין ליעבער פריינד, איך בין גאַרנישט ערשטוינט געוואָרען ווען איך בין געוואָר געוואָרען וועגען ד'עם, וואָס איהר רופט אַן קאַטאַסטראָפע... אין מיינע אויגען איז עס גאַנץ נאַטירליך און מיר דאכט זיך, אַז עס איז אַ גליקליכער צופאַל אין סעלינאַ'ס לעבען. איך טייל ניט אייער ערגערניש און צאָרן און איך קען ניט פאַרשטעהן מיט וואָסער שאַנד'ע (?), ווי איהר דריקט זיך אוים, האָט סעלינאַ'ס טהאַט, בעד'עקט אייער הויז... איהר שרייבט, אַז ווען איהר געהט פאַרביי דער גאַס, שושקען זיך אַלע און טייטלען אויף אייך מיט די פינגער... קיינער פון אייך האָט ניט פאַרוואָס אַרונטערצולאָזען דעם קאָפּ, קוקט גלייך אין די אויגען פון אַלע, וואָס לאַכען פון אייך, ווייל איינע פון אייך איז ניט געוועזען גענוג פאַרזיכטיג און געטאָן דאָס, וואָס די נאַטור ערלויבט, ריכטיגער, שרייבט פאַר אלע איהרע באַשעפענישען.

„קיין שום שאַנדע באַדעקט ניט סעלינאַ'ס נאָמען, אָבער ער וואָלט איהם באַדעקט, ווען איהר וואָלט אַרויסגעטריבען אייער שוועסטער און איהר קינד... וואָס עס וואָלט דערצו געווען זינדיג און אונמאָראַליש... און ווען איהר געליעבטער וואָלט נאָכגעפאָלגט און געטאָן ווי איהר, און אויך זיך אָפּגעזאָגט איהר צו שטיצען, וואָלט סעלינאַ'ן מעהר נישט געבליבען ווי דער וועג פון דער פראָסטיטוציע... יעדע פרוי, אַ פאַרהייראַטע, צי

א געיעג

א מיידעל וואָס ציהט אויף איהר'ס א קינד, פאַרדינט די העכ-סטע אכטונג.

„דער אומגליק באשטעהט אין דעם, וואָס א לאַנגע צייט האָבען די מיידלאַך, וואָס זיינען פאַרלאָזען געוואָרען פון זייערע געליעבטע, געפיהלט זיך אומגליקליך. זאָלען זיי שטעלן אויפ-הויבען זייערע קעפּ, ווייל עס איז א שאַנדע פאַר דער מענש-הייט, — באַזונדערס פאַר מיין געשלעכט — זיי צו ערנידריי-גען אין דער צייט, ווען זיי טראָגען דעם יאָך פון מוטערשאפט!

„איהר שרייבט מיר, אז זשאָרזש, נאָך דעם ווי ער האָט נעגעבען זיין וואָרט צו הייראַטען סעלינא'ן, ציהט פון טאָג צו טאָג אָפּ דעם טאָג פון דער חתונה מיט'ן אויסרייד, אז ער האָט נאָך ניט באַקומען די ירושה. אויסער דעם לאָזט איהר מיר וויסען, אז ער באַזוכט ניט פּינקטליך אייך און איז אזוי ווי אָפּגעקיהלט געוואָרען. ליעבער פריינד מיינער! זייט ניט פאַרצווייפעלט. סעלינא וועט איהם ווידער אומקעהרען צו זיך אגב, האָב איך נאָר וואָס געשריבען צו זשאָרזש'ען און איהם געוואונשען גליק, וואָס ער איז געוואָרען א פאָטער. אין מיין בריעף האָב איך זיך געמאַכט, אז איך בין זיכער, אז ער וועט אין גיכען חתונה האָבען. איך בין זעהר צופרידען, וואָס איהר אַלע האָט זיך ניט אָפּגעשאָקעלט פון סעלינא'ן, דאָס וועט זי מאַ-כען מעהר אנגעזעהן אין זשאָרזש'ס אויגען.

„זשאָרזש וועט צוגעבען, אז ער האָט געוויסע פליכטען צו סעלינא'ן, צו אייך אַלע און אויך טיילוויז צו מיר, ווען ער וועט געוואָר ווערען, אז איך וויים, וואָס עס האָט פּאַסירט... זייט זיכער, ער וועט ניט וואַגען צו אַנטלויפען.

„און איצט, אבער דאָס מוז שוין בלייבען בלויז צווישען אונז, זאָג איך אייך דעם אמת, אז איך בין גאָר נישט מקנא דאָס גליק פון אָט דעם פּאָרל. מיר דאַכט זיך, אז צווישען זיי

נאָך ליעבע

עקזיסטירט בלויז דאָס געפיהל פון ליידענשאפט, וואָס ציהט זיי איינעם צו דעם צווייטען. אָבער דאָס איז ניט ווייניג: דאָס גיט א מעגליכקייט, אז זייער צוזאמענלעבען וועט זיי ברייגנען גליק. מען מוז אפען מודה זיין, אז פיעלע צווישטיג־קייטען צווישען מאן און ווייב הויבען זיך אָן פון בעט... אָבער דאָך איז ניט בלויז די ליידענשאפט די איינציגע קראפט, וואָס האלט מאן און ווייב צוזאמען, עס מוז זיין א גייסטיגע פאר־וואנדשאפט וואָס זאָל מאכען שלאָגען צוויי הערצער אין איי־נעם. דעם לעצטען אויסדרוק ליעב איך באזונדערס דערפאר, וואָס עס דריקט אוים מיין אידעאל, וועלכען איך וואָלט געוואָלט זעהן פארווירקליכט, ווען צוויי מענשען גיסען זיך צוזאמען.

„איך האָב מורא, אז סעלינא, ווען זי האָט זיך אפגעגעבען, האָט געהאנדעלט בלויז אלס פרוי. זי האָט זיך אָפגעגעבען אלס מתנה דעם מאנספערשוין, און ניט זשאָרזש'ען, און דער־ביי ניט געטראכט, צי וועט די פערזענליכקייט פון דעם, וועמען זי האָט זיך אפגעגעבען, באלייכטען די פינסטערניש אין וועל־כער אלע מיידלעך וואקסען אוים. ריידענדיג קורץ, זיי שטעל־לען מיט זיך פאר, אָהן צווייפעל א פאָרל פון שעהנע חיות, וואס זיינען זעהר עהנליך איינס אויפ'ן צווייטען. עס איז אפהענגיג פון די אומשטענדען צי דאָס זאָל זיין פאר זיי א הילף אָדער א שטערונג... די ליעבע, אין איהר אבסאלוטער און כמעט געטליכער באדייטונג צייכענט זיך אוים דערמיט, וואָס זי קאָנצענטרירט אויף איין איינציגער פרוי דעם גאנצען פרויען קולט, וואס אלע פרויען פון דער וועלט ווערען געזעהן אין דער איינער... איך צווייפעל שטארק אויב זשאָרזש פעריע וועט אין די ארעמס פון א פרוי אמאָל פיהלען אויסער ליידענשאפט אויך ווי עס ציטערען דער פארשטאנד און דאָס הארץ, — אלע דריי צוזאמען.

אַ געיעג

„אָבער לאָמיר זייביידע איבערלאָזען מיט זייער מיטעל־מעסיגען גליק. לאָמיר א רייד טאָן וועגען אונז אליין, מאַרי־לואיז! איהר באַקלאָגט זיך זעהר, וואָס איהר פיהלט זיך צווי־שען אזוי פיעל מענשען איינזאם, עלענד. איך זאָג אייך דעם אמת, איך ציה פאָר דאָס לעבען צווישען די האַלב־ווילדע, צווי־שען וועלכע איך געפין זיך דער קאָמפּאַניע פון פּאַיאַצען פון ביידע געשלעכטער, וואָס רינגלען אייך ארום. מאַריאָנעטקעס, מיט דער אויסערליכקייט פון ציוויליזירטע מענשען, טויטען דאָס הארץ און די נשמה פיעל גיכער, ווי עס קענען די נעגעל פון ווילדע חיות צורייסען דעם קערפּער. פון חיה'שע נעגעל קען מען זיך נאָך אויסהיטען, אין דער צייט, וואָס די נאָהענטקייט פון אָט די דאָזיגע אינטעליגענטע מענשען טויטעט אומבאַ־מערקט דאָס אונמיטעלבאַרע, גוטע, דעם צוטרויען, — אלץ מיט וואָס די נאַטור האָט אייך באַשאָנקען.

„איך בין זיך מורה, מיר געפעלט גאַרנישט, אָט דער זשאַק ד'עסטאַנזש, וועגען וועלכען איהר שרייבט מיר. ווען איך זאָל קענען גלויבען, אז איהר וועט זיין גליקליך מיט איהם, וואָלט איך אייך געזאָגט: „מאַרי־לואיז, מען דאַרף ניט זיין אונענטשלאָסען... דאָס גליק איז א קאַפּריזנער פויגעל, וועלכען מען דאַרף ניט לאָזען פאַרביי פליהען פאַרביי זיך... כאַפּט דעם פויגעל, ווען אפילו אויף אן אונגעזעצליכען וועג... איהר ווייסט דאָך אליין, אז אָפטער טרעפט זיך דער דאָזיגער פויגעל פון גליק אויף זייטיגע שטעגען, ווי אויף די ברייטע, אָפענע וועגען...„ איך פיהל צו אייך גענוג ניט אייגעננוציגע סימפּאַטיע, אז איהר זאָלט מיר גלויבען, אז איך מיין בלויז אייער גליק, ווען איך רייד אזוי וועגען יענעם הערר. גלויבענדיג, אז איך קען אייך גענוג, דאַכט זיך מיר אויס, אז אייער גליק וועט איהר ניט געפינען אין דעם רייכען לעבען, וואָס דער הערר ד'עסטאַנזש לייגט אייך פאָר.

נאָך ליעבע

„פאר ראָזע׳ן, פאר לעאָני׳ן, וואָלט אזא לעבען געווען ווי אָנגעמאָסטען. לעבען מיט אזא רייכען, פון א העכערער געזעלשאַפט מענשען, וואָלט זיי געווען זעהר אנגנעהם. און מען וואָלט געדארפט זעהן, ווען דאָס זאָל ניט זיין אזוי אונמאָראַליש, אז אלץ זאָל זיך געפינען אויף זיין ריכטיגען אָרט, — מען וואָלט געדארפט פאראייניגען אייער פּארעהרער מיט אייערע באַצויבערענדע שוועסטער... ווי איהר ווייסט, האָבען זיי נשמות פון קורטיזאַנקעס. און מיך וואונדערט, וואָס זיי האָבען נאָך ניט געפונען עמיצען, וואָס זאָל זיי ריכטיג אבשאַצען... מסתמא גרייטען זיי זיך פאר עפּעס גאר א סענסאציאָנעלען דעביוט... זייט ניט בייז, מאַרי־לואיז, די פּראָפעסיאָן פון די קורטיזאַנקעס איז אונטער אַלע אומשטענדען נויטיג כדי אָנצוהאַלטען דעם סאָציאַלען גלייכגעוויכט... האָט איהר זיך אמאָל פּאַרטראַכט, ליעבער פריינד, ס׳אָרא עקאָנאָמישע איבערקעהרעניש עס וואָלט פּאַרגעקומען, ווען אלע פרויען, וואָס לעבען אויפ׳ן רעכענונג פון זייערע מענער, זאָלען מיט אמאָל אָנהויבען צו קאָנקורירען מיט אייך, מיט אייער שוין אזוי אויך שלעכטבאַצאָהלטער האנד און קאָפּ ארבייט! גיט א טראַכט וועגען דעם און איהר וועט מיט ווייניגער עקעל זיך באַציהען צו דער גאנצער סטאַדע, וואָס ווארפט זיך אין ים פון לעבען און אָפּפערט מיט זיך... דאָס איז דאָך א מיטעל פאר אייך צו קענען זיך אָפּהיטען, מיין ריינע טויב און ארבייטסזאמע ביהן.

„ראָזאַ או לעאָני שטעהען פיעל העכער פון המון. זיי זיינען קינסטלערינס אין דער פרויליכקייט, וואָס זיי פיהלען אזוי קלאָר אין זיך... זייט זיכער, זיי וועלען זיך דערשלאָגען צו דער באַריהמטקייט פון די פארצייטיגע קורטיזאַנקעס. זייענדיג געבילדעט, ערצויגען, ראפינירט, באַוואוסטזיניג, וועלען זיי צוריק אויפלעבען די אלטע טראַדיציעס און ווערען די פּריס־

אַ גע׳עג

טערינגס פון דעם קולט. ווען אַלע פּראָסטיטוטקעס וואָלטען קלאָר פאַרשטאַנען זייער באַרוף, וואָלטען מיר זיי באַגריסט מיט אַ פריינדליכען בליק, ווייל זיי וואָלטען דאַמאָלט זעהר פיעל נוצען געבראַכט פאַר אונזער יוגענד. דאָס באַהערשען זיי וואָלט אַרויסגערופען אַ נאָבעלע באַמיהונג. דאָס גאָלד, דער פאַרשטאַנד, די שעהנקייט, די קראַפט וואָלטען זיך פיעלפאַך פאַרמעהרט בלויז ביים צוריהרען זיך צו די קורטיזאַנקעס. אָבער, — ליידער! איהר האָט אַליין געזעהן ווי עס זיינען געפאַלען די יורשים פון די אַלטע קורטיזאַנקעס! טאַבאַרען און די מוזיק האָלס שטעלען זיי צו די ביליגסטע פרייזען, כמעט בחנם! איך קריג אַ געפיהל פון מיטלייד, ווען איך זעה די דאָזיגע אומגליקלי־כע וועלכע רופען זיך נאָך אַלץ אַן „די קינדער פון פרייד" און אויב דער שיקזאַל האָט אַזוי ווי באַשטימט אייערע שוועסטער צו ווערען די אויפקלעהרער פון ליעבע, ווינשט איך זיי פון גאַנצען הארצען, אַז זיי זאָלען געהן אין די טריט פון זייערע גרויסע פאַרגענגער.

„אָבער איהר, מאַרי־לואיז, איהר זייט ניט עהנליך אויף זיי. דאָס דאָזיגע רוישיגע לעבען וואָלט ניט ענטשפּראָכען איי־ער טעמפּעראַמענט, די פאַרלאַנגען פון אייער נשמה, פון אייער געדאַנק. איהר לעבט בלויז פאַר אַן איין־איינציגען געליעבטען (אָדער מאַן, ווי איהר ווילט), און, ווי מיר דאַכט זיך, די ער־שטע ענטוישונג קען אייך דער׳הרג׳ענען... פאַרטראַכט זיך גוט אויף די דאָזיגע ווערטער איידער איהר הערט זיך נאָך אַמאָל איין צו די ליעבעס ערקלעהרונגען פון דעם דאָזיגען הערר ד׳עס־טאַנזש... דערצו ווען איהר וואָלט איהם געליעבט, וואָלט איהר זיך ניט געווענדעט צו מיר נאָך אַן עצה... איהר וואָלט פּשוט אוועק צו איהם, ווייל יעדער אין אייערע יאָהרען האָט דאָס רעכט צו נעהמען זיין גליק דאָרט, וואו נאָר ער האָפט עס צו

נאָך ליעבע

געפינען... ווי מיינט איהר, טראַכט עפּעס זשעני צי זי דאַרף ליעב האָבען איהר גאַסטאָן'ען? זי הערט זיך צו צו איהר האַרץ, פיהלט זיך גליקליך, — דאָס איז אַלץ וואָס זי דאַרף; זי וועט ניט געהן זיך ברעכען דעם קאָפּ צו ערקלעהרען זיך דאָס געפיהל, וואָס זיי ביידע פיהלען... די צייט אַליין האָט גע־הייליגט דאָס דאָזיגע געפיהל. וואָס האָט זיי געצוואונגען צו זוכען איינער דעם צווייטען נאָך אפילו דאַמאָלט, ווען זיי זיי־נען נאָך געווען קינדער... מעגליך, ווען דער אָנקעל זאָל ערלוי־בען, וועלען זיי חתונה האָבען... אָבער שוין איצט זיינען זיי פאַראייניגט... דאָס איז דאָס וויכטיגסטע, ווייל די חתונה דאַרף בלויז באַשטעטיגען, באַפעסטיגען א פאַקט... סעלעסטא, איז א וואוילינקע ליאַלקע וואָס פאַרהאַנדעלט איהרע לאַסקעס אויף א בעט פון עפּעס אַן אַקאַדעמיקער, כדי זי זאָל האָבען די מעג־ליכקייט אויף איהר אייגענעם בעט זיך אבצוגעבען דעם שעה־נעם וויניאַז!

„די מיילער פון אַלע מענשען, מאַרי־לואיז, ציהען זיך נאָך קושען... איהר מוזט זיין עפּעס אונפאַרשטענדליכעם אויב איהר פיהלט ניט אַמאָל צו אימיצען פון מיין געשלעכט דאָס, וואָס איך פיהל צו אייער געשלעכט! זייט געהאָרכזאַם צו אייערע אינסטינקטען און איהר וועט זעהן דעם אמת! זעהט צו באַפרידיגען אייערע אינסטינקטען מיט די פאַרלאַנגען פון אייער נשמה און איך בין זיכער אז איהר וועט דערגרייכען דאָס העכסטע גליק.

„דערזעהענדיג מיט אַמאָל וויפיעל איך האָב דאָ אָנגעשרי־בען, האָב איך זיך דערפיהלט א ביסעל אומרוהיג... איך וואָג זיי ניט נאָך אַמאָל איבערצולעזען. מעגליך אז א פּאָר זייטלעך וועל איך צורייסען... דאָך, ווען איך האָב געשריבען האָב איך אנדערש ניט געקענט שרייבען...

אַ גע י ע ג

„איך שיק אייך דאָך אָט די אַלע בלעטלעך, וואָס איך האָב מיט האַרץ אָנגעשריבען, ווייל אין גיכען וועט אָוועקגעהן די פּאָסט, און דעם נעגער, וואָס וועט דעם בריעף אַוועקטראָ־גען, וועט נעהמען פינף טעג איידער ער וועט דערגרייכען דעם ברעג.

„שמייכלענדיג שפּיגעלט זיך די זון אָפּ אויף די וואַנד פון מיין געצעלט און פון לאַגער הערט זיך דער האָרן־רוף וואָס רופט צום מיטאָג... איך האָב ווייניג קראַנקע... בלויז איינער פון זיי באַאומרוהיגט מיך זעהר... איך וועל צו פאָהרען צו איהם און געבען איהם עפּעס, וואָס זאָל איהם שטאַרקען... מיר קומט אויס דורכצופאָהרען אַ ניט גרויס טייכעל וואָס איז גאַנץ אָנגענעהם אין אָט דער הייסער צייט. עס דערמאָהנט מיך דעם גרינעם מאַרן מיט זיינע וואַוילע אונדינען... איך קוש זיי אַלע אין מיינע חלומות און אייך דריק איך אויף אַ ווייַלע צו צו מיין האַרץ, כדי איהר זאָלט זיך קענען אָברוהען.

אייער פריינד אַנדרע וויניאַלאַ.

מאַדעמואַזעל מאַרי־לואיז בעריל צו מסיע אַנדרע וויניאַלאַ.

„מיין ליעבער פריינד!

„צוזאַמען מיט מיין אַהערקומען אין אָט דעם מערכענהאַפּ־טען לאַנד, אין אָט דעם אמת׳ען גן־עדן, וויל איך אייך באַ־שרייבען סעלינאַ׳ס חתונה. די חתונה איז פאַרגעקומען מיט אַ וואָך צוריק. די איינצעלהייטען פון אָט דער פּאַסירונג וואָל־טען געווען גוטער מאַטעריאַל פאַר אַ וואָדעוויל. אַזוי פאַר־זיכערט מיך סעלעסטאַ און מיר דאַכט זיך, אַז זי איז גערעכט. יאָ, זי האָט אויך אַנטייל גענומען אין דער פייערונג, וואו עס איז געווען בלויז איין איינציגער מאַנספּערזאָן, — דער, אָהן

נאָך ליעבע

וועלכע מען האָט זיך ניט געקענט באַגעהן. אַך, ליעבער אַנדרע, ווען איהר וואָלט געזעהן זשאָרזש׳ן! ער איז געווען עהנליך אויף א מארטירער, א געשמידטען אין קייטען, וועל־כער ווערט געפיהרט צום פּלאַץ פון היגריכטונג. ענדליך האָט זיך אַלץ אויסגעלאָזען גוט.

„אריינרעכענענדיג די באָבע און די מאַמע זיינען מיר געווען אכט פּרויען געגען איין מאַן! סעלינא אין א טוכען אנצוג פון עלפאנט־ביין קאָליר האָט בוכשטעבליך געלויכטען. איך פארשטעה איצט פאר וואָס זי געפעלט אזוי מענער. דאָך וויים איך, אז זשאָרזש האָט ניט מיט׳ן גוטען ווילען חתונה געהאַט מיט איהר. ער האָט מורא געהאַט פאר זיין געוויסען און דערצו, אָהן צווייפעל, האָט איהם געצויגען צו איהר זיין ליידענשאַפטליכער באַגעהר... איהר האָט זיי גאַנץ ריכטיג כאַ־ראַקטעריזירט, אַנדרע, זיי פעהלט דאָס געמיינזאַמע געפיהל פון צוטרויען, וואָס איז אומבאַדינגט נויטיג, ווען צוויי מענשען קומען זיך צוזאַמען.

„איהר האָט גאָר קיין אהנונג ניט ווי דאָס לעבען אין אונזער הויז האָט זיך געביטען מיט׳ן געבאָרען ווערען פון אָט דעם נפש׳ל. ניין, איהר קענט זיך גאָרנישט פאָרשטעלען, ווי די מאַמע וויינט, ווי די באָבע קלאָגט, ווען עס טרעפט זיך א טאָג, ווען זשאָרזש קומט אמאָל ניט צו אונז, ווי עס קריגען זיך לעאָני און ראָזא פאר דעם קינד. מיר האָבען זעהר צו־שלאָגען די טאָכטער פון דעם פּאָסט־בעאַמטען, וועלכע האָט זיך צוגע׳גנב׳עט הארט צו אונזער הויז און גענומען אונז באַשיטען מיט די שרעקליכסטע זידעל־ווערטער... גלויבט מיר, אז זי וועט אונז ניט אָנקלאָגען, ווייל מיר האָבען זי אָנגעשלאָגען אין אזא פּלאַץ, וואָס מען ווייזט אפילו ניט קיין ריכטער...

„טיילמאָל פרעג איך זיך, ווי קען דאָס קינד שלאָפען אין

אַ געיעג

דעם טומעלדיגען הויז אונזערען, צווישען אזוי פיעל מענשען און חיות... קיינמאָל הערט מען זי נישט, קיינמאָל וויינט זי נישט... זי שמייכעלט... פּלאָפּלעט עפּעס ארוים, מאַכט מיט די ליפּעלעך און ווידער א מאָל דאָס זעלבע... אָ, ווי שעהן דאָס איז! אָבער גאָר נישט שעהן איז געווען די אומצופרידענ־הייט, וואָס ראָזאַ און לעאָני האָבען ארויסגעוויזען ווען זיי האָ־בען געטראָפען זשאָרזש'ן און סעלינען ,ווי זיי האָבען זיך אָפּ־געגעבען צו דער ליעבע אין ראָזע'ס און לעאָני'ס צימער. זיי האָבען דאָס פּאָרעל באַגאָסען מיט וואסער און אזוי זיי געזי־דעלט, אז דער אָרעמער זשאָרזש האָט זיך אַ גאנצע וואָך נישט געוויזען, און וואָס האָט ארויסגערופען אַ גאנצען קריזיס אין הויז: די מאַמע איז שיער ניט אראָפּ פון זינען, די באָבע האָט געראָטען ברענגען זשאַנדארען און סעלינאַ איז אזוי קראַנק גע־וואָרען, אז עס האָט געווירקט אויף איהר מילך, און דאָס קינד האָט גענומען — קרענקען... ווען זשאָרזש האָט זיך ווידער באַוויזען, האָט ער געמוזט אויסהערען אַ גאנצע לעקציע וועגען הארמאָניע... עס האָט זיך אויסגעלאָזען, אז לעאָני'ס און ראָזע'ס אומצופרידענהייט און הויפּטזעכליך ארויסגערופען געוואָרען דורך דער גראָבקייט פון זיין טאַטע...

„איך שרעק זיך פאר זיי, אַנדרע... איך האָב מורא, אז זיי וועלען גאר גיך אין גאנצען אוועק... אלע טאָג פאָהרען זיי ער־געץ אוועק; די מאַמע האָט מורא צו מאַכען די אונשולדיגסטע באמערקונג, ווייל זי האָט מורא, אז זיי זאלען אין גאנצען נישט פארשווינדען... ווי זאָל מען זיי איינהאַלטען? און דארף מען עס טאָן? מעגליך, אז זיי זיינען גערעכט, ווי איהר זאגט... און זשעני איז גערעכט, וואס זי האָט ליעב גאסטאָנ'ען... זיי וועל־לען לעבען... זיי לעבען...

„באזונדערס שארף פיהל איך דאָס, זייט איך געפין זיך

נאָך ליעבע

דאָ... אנדרע, פּאָמעראַנצען וואַקסען אין דעם גאַרטען, וואס איך קען פון דאַנען זעהן, און פון דער רעכטער זייט זינגט דער ים זיין אייביג ליעד... עס איז איצט פעברואַר, און די רויזען בליהען שוין... פון אַלע זייטען — גאָלדענע מימאָזען... אָ, ווי דאָס אַלץ איז שעהן. און ס'אַרא ליכט! איך ווער אָפּט פאַרשכור'ט פון איהם, ווי פון וויינטרויבען. איך געה ארוים אויף דער גאס, דער קאָפּ הויבט זיך אָן דרעהען פאר באַרוישונג און איך הויב אָן צו חלומ'ען אויפ'ן וואָהר... כדי אייך אַלץ ארויסשרייבען, וואָג איך ניט אויפצוהויבען די אויגען, אז נישט וואלט די פעדער ארויסגעפאַלען פון מיינע הענד, מיין נשמה וואלט זיך ווידער אַוועקגעטראַגען אין יענער פאַנטאַסטישער וועלט, אין וועלכער איך לעב די גאַנצע צוויי וואכען, וואס איך בין דאָ... היינט איז דאָס ערשטע מאָל וואס מיר איז געלונגען צו בלייבען אליין, פּטור צו ווערען פון סעלעסטען, איהר מוטער און די צוויי מענער, וואס שלעפּען זיך אומעטום נאָך נאָך אונזערע קליידלעך.

„איהר שטוינט זיך דאָך אָן?... איינגענטליך וואלט איך געדאַרפט אָנהויבען דערפון, וואס איך וואלט אייך געשריבען, ווי אזוי איך בין אַריינגעפאַלען אין אזא רייכער אומגעבונג... סעלעסטען איז געלונגען צו קריגען דאָ אן אַנגאַזשמענט, פאַרשטעהט זיך, אז די מוטער איז מיטגעפאָהרען... פאַרשטעהט זיך, אז וויניאַז איז מיטגעפאָהרען... זשאַק ד'עסטאַנזש'ן האָבען מיר באגעגענט אין וועג...

„טואַלעטען, טעאַטער, סעלעסטאַ, איהר סוויטע... דאָס היגע לעבען וואלט געווען דאָס זעלבע, וואס אין פּאַריז, ווען ניט דער אומשטאַנד, וואס איך הויב זיך אָן צו פיהלען גליקליך, נישט האָבענדיג קיין אנדערע אורזאַכע פאַר אזא געפיהל, אויסער די שעהנהייט, וואס רינגעלט מיך ארום. איך אָטעם די

אַ געיעג

לופט פון דעם לאַנד מיט'ן געפיהל, אַז איך אָטעם איין לעבענס־לופט, פרייד. קיינמאָל אין מיין לעבען האָב איך נאָך נישט געפיהלט אַזאַ לעבענס פרייד אין מיין גאַנצען קערפּער, וואָס הארמאָנירט מיט דער גאַנצער נאַטור, מיט וועלכער איך לעב אין אַ געהיימניספולען בונד... מיין קול גיסט זיך צוזאַמען מיט'ן לויב, וואָס די ערד זינגט צו דעם הימעל... איך פרעה זיך, ווי אַן אומשולדיג קינד, ווען איך זעה, ווי עס טראָגען זיך פאַרביי מיר אין די גיכע אויטאָמאָבילען די חורבות פון מענ־שען, וואָס באַלאַנגען צו דער העכערער געזעלשאַפט... פירש־טינס, פּרינצען, אַלטע מיליאָנערען, מידע פאַרמאַטערטע פריי־לײַנס, איבערגעזעטיגטע יונגע לייט... איך פיהל זיך גליקליכער פון די אַלע זאַטע מענשען וועלכע האָבען זיך שוין אבגעוואוינט פון עסען!... אָבער ביי מיר פאַסירען אויך שלעכטע אווענדען און ביטערע נעכט... איך פאַרברענג שווערע שעה'ען וואַרטענ־דיג אויף סעלעסטע'ן... איך האָב זיך נאָך ביז היינט נישט צו־געוועהנט צו בלייבען אין איהר גאַרדעראָבע אין דער צייט, וואָס זי איז אויף דער ביהנע. איך ווער דערשטיקט אין אָט דער פאַרפומירטער אַטמאָספערע. איהר לאַכט, אַנדרע?

„איך האָב איבערגעלאָזען דער אַלטער פיזשאָל, אַז זי זאָל אָפּהיטען איהר אַקטריסע, און אַליין לאָז איך זיך אין די פינס־טערע נעכט צום ברעג פון ים... דאָרט פאַרברענג איך פיעל טרויעריגע שעה'ן. אָט באַהערשט מיך אַ שרעק פאַר דער צו־קונפט, אָט אַ טרויער, מיט אַמאָל אַ גרויסע פרייד, אַזאַ גרויסע ווי די אומענדליכקייט אַליין.

„פון וויטען לייכטען די לייכט־טורעמס, די קליינע פייער־לעך רייסען דורך דעם פינסטערען הימעל וועלכער, דאַכט זיך, עפענט זיך און רופט מיך צו זיך... ווי אַ פאַר'שכור'טע בויג איך זיך איין איבער'ן תהום און דאַמאָלס ווערט מיר אַזוי שווער

נאָך ליעבע

דערפון, וואס איך בין אליין, וואס איך האָב נישט נעבען זיך א נאָהענטע נשמה, א פריינדליכע האנד, און וועלכער איך וואלט זיך געקענט אנלעהנען...

„דערנאָך קום איך צוריק אין טעאטער, וואו עס דרעהען זיך פאר מיר אלטע דאמען, ביי וועמען בלויז די אויגען האָבען דערהאלטען זייער לעבעדיגקייט.

„אָ, אנדרע, אָ, פריינד מיינער! מען דארף דאָ זיין, כדי צו קענען זעהן, אין וואס די ליידענשאפט קען פארוואנדלען פנים'ער, וואס זיינען אפשר, איידער די דאזיגע גיפט האָט זיך צו זיי צוגעריהרט, שעהן געוועזען! אנדרע! לייגט דען אייך די ליעבע, וועלכע איז דאָך אייגענטליך אויך ליידענשאפט, אזא סטעמפעל אויפ'ן מענשליכען פנים?

„איך קוק זיך איין צו סעלעסטען, צו די מענשען, וואס האָבען זיך געווידמעט דער ליעבע... זיי צייכנען זיך מיט קיין זאך ניט אויס פון דעם המון, וואס רינגעלט מיך ארום! אין דעם כאָר פון די שרייענדיגע טואלעטען זעהען מיינע קליידער אויס, ווי פלעקען, ווי מיאוס'ע פלעקען. מיך פארפאָלגען ליידענשאפטען... אויב איך בין נישט קיין פראסטיטוטקע, קיין פראָסטע צויג, טאָ פארוואָס ווילען די מענער מיט אזא עקשנות מיך באוועגען צו טיילען מיט זיי זייער ליידענשאפט? די גלאנצענדיגע אויגען פון די רולעטקע-שפילער טוען מיך אויס, זיי האלטען אין זייערע צוגעמאכטע הענד דאס גאָלד, וואס זיי האָבען נאָר וואס צוזאמענגעשארט פון דעם גרינעם טיש-טוך און זיינען עס גרייט א ווארף צו טאָן מיר. א פונק פון משוגעת איז דאָ אין די אויגען פון די, וואס האָבען פארשפיעלט, ווען זיי ווענדען אויף מיר זייערע בליקען... מיר ווערט שרעקליך צווישען די שפיעלער און איך פיהל כמעט אן ערלייכטערונג, ווען איך דערזעה זשאן ד'עסטאנזש... זיין האנד רייסט מיך

אַ געיעג

ארויס פון דעם כאַאָס, אין וועלכען איך דרעה זיך אַ פארלארע־נע, אַ פארגעסענע... און כאָטש דער דאָזיגער הערר געפעלט מיר אין גאנצען נישט, היט ער מיך פארט אָפּ פון דער אפּאַ־טיע, אין וועלכער איך וואלט זיכער אריינגעפאלען.

„ד'עסטאנזש! וויניאז!... אין דער געזעלשאפט פון די דאָזיגע צוויי תאוה'ניקעס, וואס געפינען אַ באפרידיגונג אין צורייצען מיין פאנטאזיע, צווישען דער גנעדיגער מאדאם פּאַ־זשאַל און דער זארגלאָזער סעלעסטא — אנדרע, וואס וועט פון מיר ווערען? אנדרע!

„אנדרע, פאר וואס זייט איהר נישט דאָ? אנדרע, איך האָב מורא, איך האָב מורא פאר דעם לאנד, וואס פאר'שכור'ט מיך... פאר די מענער, וואס פארפאלגען מיך אזוי פיינליך, איך האָב מורא פאר דער גאנצער ריינקייט, איך האָב מורא פאר מיין יוגענד, וואס וויל לעבען, לעבען, לעבען!

„אנדרע, ווען איהר וועט אהיים קומען אין אפּריל, וועל איך נאָך אַלץ ניט זיין אין דער היים, ווייל נאָך דעם, ווי דער טעאַטער סעזאָן וועט זיך ענדיגען, וועלען מיר אוועקפאהרען אין אַ קליין־שטעדטעל זיך אפּצורוהען אויף אַ מאָנאַט... דאס וועט זיין אן אמת'ער אפּרוה... איך וואלט וועלען, אז איהר זאלט זיך מיטאמאָל אויך דארט באווייזען... אזוי, ווי איהר וועט נאר אָנקומען קיין מארסעל, נעמט די באהן און קומט אהער; איך וועל אייך באגעגענען... מיט אויסגעשפּרייטע הענד בעט איך אייך וועגען דעם, אנדרע!... איך וויל, אז דאס ערשטע פרויען געזיכט, וואס וועט זיך איינבויגען צו אייך, זאל זיין מיינס..

„גיכער, אנדרע, גיכער... צו אייערע ליפּען טראָג איך שוין אונטער מיינע הענד, וואס איהר האָט אזוי ליעב...

מארי־לואיז."

נאָך ליעבע

.11

— מאַרי־לואיז, הערט מיך אויס צום לעצטען מאָל!
— לאָזט צו רוה!
— מאָרגען פאָהר איך אוועק נאָך עגיפּטען, אויב איהר וועט ניט באפרידיגען מיינע פארלאַנגען, וואס האָבען אויסגעמאַטערט מיינע נערוועו!... פון דער שעה, וואס איהר זייט אהער געקור־מען אין אָט דעם פּראַכטפולען לאַנד, זעהט איהר מיר אוים נאָך שענער און איך געה אראפּ פון זינען פאר אייך... מאַרי־לואיז. כאָטש איין־איינציג מאָל קנייטשט ניט מיט די פּלייצעס און הערט מיך אוים!

אין זאל האָט סעלעסטא איינגעשטודירט א ראלע אין וועל־כער זי האָט געדארפט ארויסטרעטען אין פּאריז, גלייך ווי זיי וועלען אהין קומען. זשאַק ד׳עסטאנזש האָט מאַרי־לואיז אויפ־געזוכט אין גארטען, וואו זי איז נאָכ׳ן פרישטיק אוועק זיך דורכשפּאַצירען. זי איז געזעסען אין שאָטען פון א פעלז. דאס מיידעל האָט זיך איינגעהערט צום ליעד, וואס דער ים האָט גע־זונגען. זי איז פאר׳שכור׳ט געווארען פון דעם ליכט און גלאַנץ, וואס האָט אָנגעפילט די גאנצע געגענד ארום איהר. אומגע־ריכטערהייט האָט זיך צו איהר פון הינטען דערנעהנטערט זשאַק ד׳עסטאנזש. זי האָט דערפיהלט זיין אומרוהיגקייט, פּונקט אזוי ווי זי פלעגט פיהלען זיין ווילדע ליידענשאַפט, ווען זיי פלעגען זיצען ביים טיש. דער געדאנק, אז מען „וויל״ זי אזוי שטארק, האָט איהר אומרוהיג געמאכט, נישט קוקענדיג אויף דער רו־היגקייט וואס האָט געהערשט ארום איהר; נישט קוקענדיג אויף דער גלייכגילטיגקייט מיט וועלכער זי האָט אויסגעהערט ד׳עס־טאנזש׳ם ודוי. אומדרעהענדיג זיך האָט זי געזאָגט:

א געיעג

— איהר זייט געווים קראנק, מיין פריינד, אדער איהר האָט געהאט א צודרייכען פרישטיק.

— לאַכט נישט פון מיר, מארי־לואיז! איהר ווייסט אליין גאנץ גוט, אז פאר די לעצטע צוויי וואכען האָב איך צוליעב אייך פארלארען דעם קאָפּ.

נישט ענטפערענדיג קיין ווארט האָט דאס יונגע מיידעל געקוקט אויף איהם.

און זשאק האָט אלץ גערעדט וועגען דעם כשוף, וועגען דער שעהנהייט, וואס זי האָט צושפרייט ארום זיך. וויפיעל שעהנהייט איז געווען אין איהר מיידעלשאפט! איהר איינגע־האלטענקייט האָט גארנישט הארמאָנירט מיט איהרע אויגען, מיט דער גאנצער ליידענשאפט פון איהר וועזען, מיט איהרע נאָזלעכער, וואס האָבען זיך באוועגט פון דורשט צום לעבען! פאר וואס שטויסט זי איהם אָפּ פון זיך? ווארום איז זי גלייכ־גילטיג צו זיינע באגעהרען? צי וואס אומזיסט דערשטיקען אין זיך דעם קול פון דער נאטור? מסתמא איז דאס אלץ א דאנק דעם, וואס איהר פעהלט ענטשלאָסענהייט! וואס אין איהר איז נאָך פעסט די אלטע פאלשע מאָראל!

— ווייסט איהר דען נישט, אז נישט קוקענדיג אויף אייער איינגעהאלטענקייט, גיבען אייערע שווארצע אפּעל אייך ארויס? זיי דערצעהלען וועגען ליעבעס־באגעהרען, וועגען קושען, נאָך וועלכע איהר שמאכט גאנצע נעכט, וועלכע לאזען אייך נישט שלאָפען!

— מארי־לואיז האָט איהם איבערגעשלאגען מיט א גיפ־טיגקייט אין איהר שטימע.

— איהר האָט א טעות, מסיע ד'עסטאנזש, איהר האָט פשוט א צו רייכע פאנטאזיע! איך שלאָף זעהר גוט, מען קען זיך בעסער גאר נישט ווינשען!

נאך ליעבע

— איהר זאגט קיין אמת נישט! אפילו נאך היינט ביי נאכט האט איהר נאך אלץ געלעזען אייער... ד'אנונציא. ער איז אהן צווייפעל דער פאסענדסטער שרייבער פאר מיידלעך אין אייער גראד.

— און איהר האט מיך געזעהן?

אויפציטערענדיג האט מארי־לואיז זיך דערמאנט, אז זי האט געהערט עמיצענ'ס טריט אונטער דעם פענסטער.

— יא, און וואלט איך האבען מיט זיך מיין מאנדאלין וואלט איך אייך אפגעשפיעלט א סערענאדע... דאמאלס וואלטען ים, שטערען און מיינע באגעהרען געזיעגט איבער אייער איינגעהאל־טענקייט.

— איהר מיינט אזוי?

— ווערט נישט אויפגערעגט! און מעגליך, אז דאמאלסט וואלט אייער ווייסע פיגור זיך באוויזען אויפ'ן באלקאן.

— איהר וואלט געדארפט ליעדער שרייבען, מסיע ד'עס־טאנזש! באמת, דאס וואלט אייך זעהר געפאסט!

— ניין, מארי־לואיז, אייער איראניזירען האט איצט גאר קיין זינען נישט. גיט א קוק אויף מיר, הערט מיך אויס...

און ווידער האט זשאק זיך גענומען צום זייניגען, ער האט גענומען איינריידען איהר, אז זי האט גאר קיין באגריף נישט ווי זיס זיינען קושען, ס'אדא פרייד זי קען געפינען אין די ארימס פון א געליעבטען... מארגען מעגליך וועט שוין זיין שפעט... זאל זי דאס האבען אין זינען! טויט זיינען די טעג, וואס פארגעהען אהן ליעבע. וויפיעל אזוינע טויטע טעג האט זי שוין דורכגעלעבט אין איהר פרוכטלאזען מיידעל־לעבען!

און די יאהרען געהען און געהען, און די קנייטשען אויפ'ן פנים קומען און קומען. און מענער קעהרען זיך אפ פון די ליפען פון די פרויען, וועמעס ליעבעס־צייט איז פאריבער.

אַ געיעג

— האָט דאָס אַלץ אין זינען ! אין גיכען וועט אייך ווע־רען אַכט-און-צוואַנציג יאָהר... איך ווייס, איהר זעהט ביז איצט אויס וואונדערליך יונג און עס איז זעהר גראָב פון מיין זייט, וואס איך דערמאָן אייך אייערע יאָהרען... אָבער איך רייד מיט אייך, ווי מיט אַ פריינד, מארי־לואיז, ווי אַן אמת'ער פריינד...

זשאַק ד'עסטאַנזש האָט זיך איינגעבויגען צו דער מיידעל, צו איהר רונדען האַלז, אויף וועלכען עס האָבען זיך געקרויזעלט איהרע זיידענע האָר... ער האָט זי אַרומגענומען מיט זיין הייסען אָטעם, מיט זיינע באַגעהרען... ער האָט מיט די אויגען גע־פרעסען איהר פולען בוזעם, איהרע בריסט צו וועלכע ער האָט געשטרעבט זיך צוצוריהרען מיט זיינע ציטערדיגע פינגער...

פון זאַל האָבען זיך אַהערגעטראַגען די שטימען פון סעלעס־טע'ן און וויניאַז'ען. אַ לייכטער ווינד האָט געוויגט די מימאָ־זען, וועלכע האָבען אָנגעפילט די לופט מיט זייער דופט... וועלען האָבען זיך דערטראָגען צום ברעג... אַלץ, דאַכט זיך, האָט גע־דרימעלט, פאַרזונקען אין פראַכט און שעהנקייט.

— מארי־לואיז, ווער קען אייך איבערגעבען די גאַנצע הייליגקייט פון קוש, ווי איך וואָלט עס געקענט טאָן אין אָט דער פראַכטפולער אומגעבונג ? וועט דען אַ געזעצליכער מאַן קענען אייך געבען דאָס גליק, וואס איך טראָג אונטער צו אייערע פיס ? איהר ווייסט אַליין, אַז איך בין גערעכט... מארי־לואיז, איהר מאַכט צו די אויגען... איהר וויינט, מארי־לואיז... גיט מיר אייערע ליפּען, איך בעט אייך... מארי־לואיז, איך וויל אייערע ליפּען !

מיט אַמאָל האָט ד'עסטאַנזש צוגעצויגען צו זיך דאָס גע־זיכט פון דעם מיידעל, וועלכע האָט זיך אוועקגעדרעהט פון איהם.

נאָך ליעבע

איינינע רגע'ם האָט ער געהאַלטען אין זיינע הענד איהר פּנים מיט אַ זיסער עקשנות.

— איך וויל דיין מויל, איך וויל אוהם...

— איהר זייט אַראָפּ פון זינען, מיין אַרטיסטער פריינד!

מיט אַמאָל אַרויסרייסענדיג זיך פון זיינע אָרעמס האָט מאַרי־לואיז גענומען לאַכען אויב'ן קול, ווייזענדיג דערביי איהרע שאַרפע ציינער. אויסציהענדיג זיך אין דער גאַנצער גרויס, האָט זי אומ'רחמנות'דיג געשמייכעלט. נישט קוקענדיג אויף דער טרער, וואס זי האָט באַהאַלטענערהייט אָפּגעווישט, האָט דאס מיידעל איראָניש אַ קוק געטאָן אויף איהם.

— לייגט זיך בעסער שלאָפען... עס וועט ביי אייך אי־בערגעהן...

עפּעס אַ באַדירפניש צו ערנידעריגען דעם דאָזיגען אומ־פאַרשעהמטען מענשען האָט צוזאַמענגעדריקט איהר האַרץ, און איהר גאַנץ וועזען... אין איהרע געדאַנקען איז אויפגעשוואומען אַנדרע'ס בילד... עס האָט פאַר איהרע אויגען אויפגעלעבט דאָס בילד פון דעם שלאַנקען מיליטערישען אַרצט, ווי ער שטעהט איינגעבויגען איבער איהר און גיט איהר אַ קוש... און אומ־רוהיגע האָט זי אין די געדאַנקען גענומען פאַרגלייכען די געה־היימניספולע איינגעהאַלטענקייט פון איהר פריינד מיט דער ציינישער אָפענהערציגקייט פון זשאַק'ן. זי האָט זיך איינגע־הערט צו דער שטימע פון איהר האַרץ. קלאָר האָט אין איהר אַלץ געשריען, געריסען זיך צום לעבען... דערוויסען זיך אַלץ, אַלץ. אָבער אַ ווילדע שנאה האָט אויפגעפלאַמט אין איהר צו דעם דאָזיגען עלעגאַנטען פּאַיאַץ, מיט וועמעס דיענסט... — ווער ווייסט? — אפשר וועט איהר אויסקומען זיך צו באַנוצען... איהר האָט זיך געוואָלט איהם ערנידעריגען, באַליידיגען.

— עס איז גאַנץ פאַרשטענדליך — האָט זי געצויגען די

א געיעג

ווערטער דורך די ציין. — דער אונאויפהערליכער הונגער מאכט, אז איהר זאָלט זיך ווארפען אויף מיר! דאס איז גאנץ נאַטיר־ליך! די ליעבע סעלעסטא איז אין גאנצען פארנומען מיט איהר מארסעל וויניאַז און איך בין דערפאר די איינציגע פרוי אין אָט דעם פארוואָרפענעם ווינקעל, וועגען וועלכער איהר קענט טראכטען... אָט זיינען שוין פארביי וואָכען, ווי מיר רייזען דאָ ארום אין די בערג, און קיין פרויען־קליידעל האָט נאָך אַלץ פאר אונז נישט קיין פלאַטער געטאָן... איך וועל אייך, מיט אייער ער־לויבניש, געבען א פריינדליכע עצה: נעהמט די באהן, וואָס געהט פון דאנען אוועק פינף אוהר אָוועגד; עס איז נאָך דאָ צוואנציג מינוט צייט, פונקט וויפיעל עס פאָדערט זיך צו ברענ־גען די זאכען אין אָרדנונג און צוגעהן צום וואָקזאַל. אָ, גלויבט מיר, איהר וועט זיך נישט דארפען שלעפען אזש ביז עגיפּטען. פיעל נעהנטער וועט איהר זיך קענען אָפּשטעלען. פאר א לוין, וואָס איז אָפּהענגיג אָן דער ריינקייט פון איהר וועש, וועט א ליעבע פרויענצימער, איינע פון יענע, וועלכע ס'איז דאָ אזוי פיעל אויף דער וועלט, פארטרייבען פון אייך אייער אומרוהיג־קייט... איהר זייט דאָך אין פיבער, אָרעמער פריינד מיינער! און ווי איהר וועט דורכמאכען אייער היגיענישען שפּאציר וועט־לען מיר ווידער ווערען גוטע פריינד. נישט אמת?

ארונטערלאָזענדיג איהרע וויהעס, פון אונטער וועלכע עס האָט ארויסגעקוקט איהר גרויזאמער און איראָנישער בליק, האָט מארי־לואיז רוהיג געקוקט אויף איהם מיט קאַלטער, ארויס־רופענדער חוצפּה.

— איהר זייט ווערט אויסגעפּאטשט צו ווערען!... איהר פארדאָרבענע און שלעכטע! און, אויסער דעם, האָט איהר נאָך א געפיהל, אז איהר זיינט זעהר קלוג.

פון איינגעהאלטענעם כעס האָט זשאק אין גאנצען געציי־

טערט. ער האט שארף א קוק געטאן אויפ'ן מיידעל. זי איז רויט געווארען, דערפיהלענדיג, אז ער האט געכאפט איהר מיין. מיט א דומפער שטימע האט ד'עסטאנזש פארטגעזעצט צו ריידען; יעדעס ווארט האט ארונטערגעריסען די מאסקע פון מארי־לואיז'ס אויסרעכענונגען. ער האט ווייטער געשפאנט, דער זאמד האט געסקריפעט אונטער זיינע פיס. ער האט זי פאר־שלעפט ווייטער, אויפ'ן וועג ארויף, וואו ער האט געוואלט אנ־קומען פריהער, איידער עס וועלען זיך פאראייניגען מיט זיי סעלעסטא און מארסעל, וועלכע האבען שוין געהאט געוויס גע־ענדיגט די רעפעטיציע, ווייל מען האט שוין נישט געהערט זייערע שטימען. ד'עסטאנזש האט לייזדענשאפטליך געוואלט עפעס צוקוועטשען, צורייסען אויף שטיקער דאס דאזיגע איראָ־נישע מיידעל, פונקט אזוי ווי זיינע טוריסטען־שיך צוקוועטשען דאס זאמד. איין מאמענט איז איהם איינגעפאלען זי א שטופ צו טאן פון וועג אין דעם טיעפען תהום אריין, וואס האט זיך פארשפרייט אונטער זיי. ער האט זיך פארגעשטעלט איהר פארצווייפלונגס־געשריי, דעם דומפען קלאנג פון דעם פאלענדען קערפער, וואס ווערט צוריסען פון די שארפע פעלזען, דעם רויש פון די וועלען, ווען דער קערפער וועט אריינפאלען אין וואסער אריין...

— הערט זיך איין! איהר מאכט מיך פשוט משוגע! איך טראכט איצט וועגען דעם, צי עס איז נישט גלייכער, אז איך זאל אייך ארונטערווארפען אין תהום אריין, ווי אנווערען אייך... אבער אין קיין פאל וועל איך מיט אייך נישט חתונה האבען, מארי־לואיז. ווי עס זאל מיך נישט ציהען צו אייך, וועל איך אלץ פאר אייך נישט חתונה האבען.

מיט'ן שטעגעל, וואס איז געלאפען צווישען גראז און בוי־מער, האבען זיי זיך געהויבען אויפ'ן בארג ארויף... כדי נישט

אַ געיעג

אומצופאַלען, האָט זיך מאַרי־לואיז אָנגעשפּאַרט אָן איהר שירעם, וואָס זי האָט אַריינגעדריקט אין דער ווייכער ערד אַריין. אונ־טער זיי האָט געלויכטען דער אונענדליכער ים; אויף דעם דונ־קעלען פאָן פון הימעל האָבען זיך שאַרפער אָנגעזעהן די שפּיצען פון די פעלזען.

מאַרי־לואיז האָט זיך געמאַכט, אַז זי האָט נישט געהערט די לעצטע ווערטער. זי האָט זיך אומגעדרעהט און ענטציקט געוואָרען פון דער שעהנהייט פון דעם בילד, וואָס האָט זיך פאַרשפּרייט פאַר איהרע אויגען.

— גיט אַ קוק, מאָסיע ד'עסטאַנזש, גיט אַ קוק... בלויז די נאַטור אַליין איז שעהן, הערליך... בלויז די נאַטור אַליין פאַר־דיענט ענטציקונג, באַגייסטערונג... וואָס קען זיך גלייכען מיט דעם פרייד, וואָס עס גיט אַזאַ בילד, אָט די דאָזיגע העל־לויכ־טענדע פעלזען און דער ים, וואָס זינגט אונאויפהערליך זיין ליעד, אָט דאָס ליכט, וואָס נעהמט דורך מיין גאַנץ וועזען...

מאַרי־לואיז האָט זיך אַ ציה געטאָן פאָראויס... איהרע הענד האָבען זיך אויסגעשפּרייט צו דעם אונדערגרייכבאַרען גליק — אָפּגעבען זיך דער ליעבע אין אָט דער וואונדערבאַרער אומגעבונג. איין מאָמענט האָט זי אַ קוק געטאָן אויף זשאַק'ן. זייערע אויגען האָבען זיך באַגעגענט אַרויסרופענד.

ער האָט דערפיהלט, אַז זי האָט ליידענשאַפטליך באַגעהרט אַלע פריידען, אַז זי האָט באַגעהרט צו זיין אַרומגערינגעלט פון רייכטום, אַרומרייזען, רייסען די בלומען פון פרייד... אַלע זעל־טענע, ראַפינירטע, טיפע, פאַרדאָרבענע פריידען... ער האָט שוין זי געזעהן אַלס אַ שטאָלצע קורטיזאַנקע, אַלס אַ פּריסטערין פון קולט פון קושען, אין וועמעס סודות ער האָט זי געוואָלט איינ־ווייהען.

ער האָט אַ טראַכט געטאָן וועגען דעם, ס'אַ גרויסע

נאָך ליעבע

הילף ער וואָלט געקענט איהר זיין אין דערגרייכען איהרע שטרע־בונגען... לעבען! ענדליך אָנפאַנגען לעבען, איידער עס ווערט צו שפעט!

דעם דאָזיגען ראַפינירטען און איבערזעטיגטען מענש פון דער העכערער געזעלשאַפט האָט געררייצט די אונערפאָרשטע שעהנהייט, פיקאַנטקייט און געווירציגקייט פון דער דאָזיגער מיידעלשאַפט, וואָס איז געווען פאַראייניגט מיט אַ פאַרמאַ־טערטער און אונפאַרשטענדליכער נשמה.

זשאַק האָט געהאַלטען אין איין ווידערהאָלען זיינע גראַבע רייד:

— קיינמאָל וועל איך נישט חתונה האָבען מיט אייך... הערט אויף צו מאַכע קונצען, זיי ווירקען סיי־ווי־סיי נישט, און לאָמיר רעדען אָפען: איהר האָט גערעכענט, אַז ברענגענדיג מיך אין כעס אריין, וועט אייך געלינגען צו צווינגען מיך חתונה צו האָבען פאַר אייך. זייט זיך מודה, אַז דאָס איז געווען אייער פּלאַן. ווייסט־זשע, אַז פון אייערע פּלענער לאָזט זיך גאָרנישט ניט אויס... אָבער אפילו דאָס, וואָס איך לעג אייך פאָר, איז עפּעס גרויסאַרטיגעס. איך לעג אייך פאָר אַ לעבען פריי פון יעדער גויט, זאָרג, וואָס טויטען אייער יוגענד, אַ לעבען פול מיט שעהנהייט. איך לעג אייך פאָר אַ לעבען פול מיט לוק־סוס, וואָס געפעלט אייך אַזוי, דעם רייץ פון קושען, נאָך וועלכע איהר שמאַכט אַזוי; איך לעג אייך פאָר אַן אנדער, אַ ברייטערען האָריזאָנט. דאָס אַלץ גיב איך אייך פאַר אייער קערפּער, מאָרי־לואיז... און נישט בלויז אייער אויסערליכקייט רייצט מיך אויף... אייער פאַרשטאַנד זאָגט מיר אויך צו נאָך נישט פאַר־זוכטע פאַרגעניגענס... זעהר זעלטען געפינט מען אַ שעהנע געליעבטע, וועלכע זאָל נישט זיין גייסטיג הינטערשטעליג. ווייסט איהר כאָטש, אַז דאָס איז אַן אוצר, וואָס איז ווערט פיעל

א געיעג

געלד? אַט פאַר וואָס איך לעג אייך פאַר זיך אָפּצוזאָגען פון אייער אונענטשלאָסענהייט, מארי־לואיז און פארשטעהן, אַז אייער גליק ליגט אין אַט די העטר, וועלכע האָבען אייך געוואָלט באהערשען און וועלכע זיינען גרייט עס צו טאָן, אויב איהר וועט באשליסען מאָרגען צו ווערען איינע פון די קעניגינס פון פאריז און פון דער גאַנצער וועלט! איז דאָס האַנדעל? ניין! דאָס איז בלויז אַ פאראייניגונג. איך לעג עס אייך פאַר. נעהמט איהר עס אָן?

אַ דינער, אַ נערוועזער, האָט זשאַק פעסט געהאַלטען מארי־לואיז אונטער'ן אָרעם. אַ שווייגענדיגע, מיט אַ גלייכגילטיגען פנים, האָט דאָס מיידעל זיך איינגעהערט צו זיינע רייד. אַ שלאַנקע האָט זי געבען איהם אָהן אַ סימן פון עמפּערונג גע־שפּאַנט. זיי זיינען צוגעקומען צו אַ שטילען, פינסטערען וואַלד.

— מסיע ד'עסטאַנזש, וועט איהר מיר געבען זעקס חדשים צייט צו באשטימען?

פּלוצים האָט זיך מארי־לואיז אָפּגעשטעלט. זי האָט דורכ־דרינגענד אַ קוק געטאָן אויף איהם. איהר בליק איז געווען קאַלט ווי שטאָל. אַזאַ בליק האָט ער נאָך קיינמאָל ביי איהר נישט געזעהן! אַ גרימאַסע האָט פארקרימט זיין מויל. איהרע קליינע הענטלעך האָבען זיך געשפּיעלט מיט'ן קעפּעל פון איהר שירעם. פאַר ד'עסטאַנזשען איז געשטאַנען מארי־לואיז אַזאַ, וועלכע ער האָט נאָך ביז איצט נישט געזעהן.

— פאַר וואָס עפּעס זעקס חדשים? — האָט ער צוטומעלט ארויסגערעדט.

— דאָס איז אַ פּערזענליכע זאַך, — האָט שאַרף געענט־פערט דאָס מיידעל. — איך בין מיט אייך שוין צוויי יאָהר באַקאַנט. ווי נאָר איהר האָט מיך דערזעהן, — איך ווייס עס גאַנץ גוט, — האָט אייך אַ ציה געטאָן צו מיר... איך ערלויב

נאך ליעבע

מיר צו מיינען, אז נאך זעקס חדשים וועל איך נאך אלץ בלייבען פונקט אזוי באגעהרט... היינט האבען מיר אפריל... ווילט איהר, איך זאל באשטימען, שוין איצט אז מיר זאלען זיך טאקע דא באגעגנען אין אקטאבער? מערכענהאפט שעהן מוז דא זיין דאס אנקומען פון הערבסט, — די צייט, ווען די גאלדענע בלעטער פארלאזען די בוימער, כדי צו ווערען טעפיכער... דאמאלט, מיין פריינד, וועט צו אייער בעט צופאלען א בלום, וועמעס פארשיעדענארטיגער שעהנהייט, איך האף, איהר וועט וויסען ווי אפצושעצען... איהר זייט איינפארשטאנען מסיע ד׳עסטאנזש?... זשאק, איהר זייט איינפארשטאנען?

זי האט זיך דערנעהנטערט צו איהם מיט א זאנדערבארען שמייכעל, וואס האט באלויכטען איהר דין געזיכט, וואס האט איינגע׳עקשנ׳ט אנגעהאלטען א איראנישען שמייכעל... זי האט זיך דערנעהנטערט צו איהם, זי האט איינגעבויגען איהר דינע, שלאנקע טאליע. אויף איהר בלייכען פנים האבען מיט ציטערדיגע פייערלעך געלויכטען איהרע אויגען, רויט האט געפלאמט איהר מויל... זשאק האט איינגעזויגען אין זיך איהרע פארפומען, וואס האבען דאס מאל געמאכט ציטערען זיין גאנצעס וועזען. איהרע ליפען זיינען אזוי שטארק רויט געווען, פון איהר שווארצאפעל האט ארויסגעלויכטען אזוי פיעל הייסע זיניכקייט, אז ער האט זיך איינגעבויגען און צוגעפאלען מיט׳ן קאפ צו מארי־לואיז׳עס אקסעל. מיט א מאל האט זי זיך ארויסגעריסען פון די הענד, וואס האבען זיך ארומגעוויקעלט ארום איהר, כדי זי צוצוציהען צו זיך. זי האט אויסגעצויגען דעם צוטומעלט געווארענעם זשאק איהרע לאנגע, דינע פינגער.

— דערווייל קענט איהר בלויז די פינגער צולעגען צו אייער מויל, בלויז די פינגער...

מיט זיין צופלאמט פנים, מיט זיינע ליפען האט ער זיך גע־

אַ געיעג

דריקט צו דעם קליינטשינקען הענטעל, וואָס מען האָט איהם דערלאַנגט. גיכע קושען האָבען באַדעקט די האַנד.

מיט אַ לייכטער באַוועגונג האָט זי איהם אָפּגעשטויסען.

— און איצט, זשאַק, — האָט זי פאָרטגעזעצט מיט אַ זאַנ־דערבאַר־צערטליכען און עפּעס אַזוי ווי אַ ווייטען קול, — איז אָפּגעמאַכט... איך בעט אייך אָבער קיינעם דערפון ניט מיט־טיילען ביז יענער צייט, וואָס איך האָב באַשטימט... איך בעט אייך אפילו, אַז איהר זאָלט זיך נישט באַמיהען צו טרעפען זיך מיט מיר ביז יענער צייט!

ד'עסטאַנזש האָט געמאַכט אַן אומצופרידענעם זשעסט; זי האָט פאָרטגעזעצט:

— פּרובירט נישט צו טרעפען די אורזאַכען; איהר וועט סיי־ווי־סיי נישט טרעפען... פאָלגט אָהן איבערקלעהרונגען. אויסער דעם מוז פאַר אַ מענש, ווי איהר, וואָס זוכט רק נייע פאַר־גענינגענס, דאָס אָפּהאַלטען זיך פון אַ צוקינפטיגער כלה זיכער זיין אַ קוואַל פון גענוס. און איך וואָלט זעהר פאַרוואונדערט געוואָרען, ווען איהר וואָלט נישט אָפּגעשעצט די גאַנצע דינקייט פון דער דאָזיגער איבערלעבונג.

זשאַק ד'עסטאַנזש האָט אַ ציטער געטאָן. מאַרי־לואיז האָט זיך ארויסגעוויזען פיעל ראַפינירטער, ווי ער האָט ערוואַרט.

— אהיים וועט איהר געהן אליין... יאָ! איך וויל אַזוי. איך דאַרף דאָ בלייבען אליין, אָפּגעבען זיך צו די חלומות, וועלכע מיר ווילט זיך פאַרהוילען פון אייך... איהר חלום'ט דאָך אפילו נישט, אַז איך וועל אייך פאַרלעגען עפּעס אַנדערש. ווי מיין הערפער.

ד'עסטאַנזש האָט אַ שמייכעל געטאָן, הכנעה'דיג זיך פאַר־נייגט... ער האָט גוט געוואוסט, ווי שטאָלץ מאַרי־לואיז איז. דאָך האָט ער אפילו אויף אַ האָר נישט געצווייפעלט, אַז שפּע־

נאָך ליעבע

טער וועט איהם געלינגען צו צוברעכען איהר שטאָלץ, א דאנק זיין געניטקייט אלס ליעבהאָבער.

— וועט איהר נישט מורא האָבען אליין שפעט אין אָווענד אהיימצוקעהרען זיך?

— מורא האָבען? — מארי־לואיז האָט זיך אויפ'ן קול צולאכט און פאַרטגעזעצט, קוקענדיג גלייך אין איין פנים:—פאַר איין זאַך דאַרף מען זיך בלויז שרעקען, אז עפּעס א וואַגאבונד זאָל מיך נישט פארגוואלטיגען... קיינער וואָלט נישט געהערט מיינע קולות, ווייל ארום זיינען קיין וואוינונגען נישטאָ. א שעהנע זאַך! אזוי זאַרגזאַם אָפּהיטען די מיידעלשאַפט ביז אכט און צוואנציג יאָהר, כדי צו ווערען דער קרבן פון עפּעס א שמוי־ציגער חיה! אבער זייט זיך מודה, דאָס וואָלט פארט געווען זעהר אַן אינטערעסאנטע איבערלעבונג!

ארויסרעדענדיג די דאָזיגע ווערטער האָט זי געלאכט. אין דער טיעפעניש פון זיין האַרץ איז זשאַק געווען זעהר צופרידען פון דער פאַרדאַרבענהייט, וואָס ער האָט אלץ קלעהרער ארויס־געזעהן אין איהר. מארי־לואיז האָט איהם אלץ געטריבען אוועקצוגעהן.

— זייט נישט אומרוהיג, איך וועל צו מיטאָג צוריקקומען.

זשאַק איז אוועק, איבערלאָזענדיג זי זיצען אויף א גרינעם בערגעל אויף וועלכען זי האָט צושפרייט איהר פעלערינע. ער האָט זיך אלע מאָל אומגעדרעהט, כדי נאָך א מאָל צו זעהן דאָס ליעבע פנימ'על.

זשאַק האָט שוין אויסגעזעהן נישט גרעסער פון א פינטעלע. איצט איז מארי־לואיז פריי! זי האָט גענומען וויינען. שטעהענדיג אויף די קניע אויף א פעלז, וואָס האָט זיך אויפגעהויבען איבער'ן ים, האָט זי געוויינט. אונטער'ן אָפענעם הימעל, זעהענדיג פאַר זיך דעם אונגעהויערען ים, האָט זי געוויינט; זי

א געיעג

האט זיך אנגעשפארט מיט צוזאמענגעדריקטע פויסטען אן הארטען שטיין.

— אנדרע! אנדרע! אויף די קני וועל איך דיך בעטען אום א קוש!... אנדרע! אנדרע! גיך וועל איך דיך דערזעהן! צו דיר וועל איך אויסשטרעקען מיינע ליפען! אנדרע, די ליפען מיינע, וועלכע דו באגעהרסט בסוד!

ווי א פאר'כישופ'טע, האט זי אויסגעשטרעקט איהרע ליפען צו דעם, וועמען זי האט גערופען; זי האט זיך אויסגעצויגען אין דער גאנצער לענג; דער ווינט האט געקיהלט איהר ברענענדיג געזיכט.

— אנדרע! אנדרע!

זי האט פאר זיך ווידערהאלט די ווערטער פון דער טעלעגראמע, וואס אנדרע האט איהר צוגעשיקט: דעם צוועלפטען אפריל דארף די שיף אנקומען קיין מארסעל! היינט איז דער צעהנטער! מארגען פריה וועט זי פון דאנען אוועק אויף איהר לייכטען וועלאסיפעד. זי האט זיך פארגעשטעלט דעם טומעל, וואס סעלעסטא, אט די דאזיגע אונאשטענדיגע אקטריסע וועט מאכען, ווען איהר וועט אויסקומען אליין צו זוכען איהרע קליידער; זי וועט זיך באקלאגען אויף דער אונדאנקבארער מארילואיז, אויף דער גאנצער וועלט וועט זי זיך באקלאגען. זי האט זיך פארגעשטעלט דאס ערשטוינטע געזיכט פון ד'עםטאנזש, ווען ער וועט לעזען דעם נאטיץ, וואס זי קלייבט זיך איהם איבערצולאזען איידער זי וועט אוועקפאהרען: „אין זעקס חדשים ארום, זשאק!”

דורך די טרערען, וואס האבען פארשטעלט איהרע אויגען, האט זי געשמייכעלט צו דעם ים, צו דעם הימעל, געשמייכעלט צו אנדרע'ען וועמעס בילד איז ענדליך אויפגעשטאנען פאר איהרע אויגען.

— אנדרע! אנדרע!

איהרע ליפּע האָבען זיך צוזאַמענגעלעגט פּאַר אַ קוש, וועל־כען די אונענדליכקייט האָט אונטערגעכאַפּט.

— — — — — — — — — — —

גלייכגילטיג האָט אַנדרע ווינלאַ זיך איינגעהערט אויפ'ן דעק פון דער שיף צו דער פּלוילעריי פון איינינע אַפּיצירישע פרויען. זיי האָבען זיך דערנעהנטערט צו דעם היימישען ברעג.

— מארי־לואיז!

אנדרע האָט ווידערהאָלט אין זיך דעם נאָמען וואָס איז געוועזען איינגעקריצט אין זיין הארץ און נישט געלאָזט, אַז די ווערטער זאָלען זיך ארויסרייסען פון מויל.

— מארי־לואיז!

... צו דער ערד, וואו זי האָט געלעבט און וואו ער וועט ענדליך זיך באגעגענען מיט איהר, האָט זיך זיין הארץ אונאויפהערליך געריסען...

12.

מארי־לואיז איז געגאנגען מיט'ן וועלאָסיפּעד בארג־ארויף. אויפ'ן בארג האָט זיך אויסגעשפּרייט אַ וואונדערבאַר בילד. כדי צו פארלייכטערען דאָס ארויפגעהן אויפ'ן בארג, זיינען גע־מאכט געווארען הילצערנע טרעפּען, ביים גאר לעצטען טרעפּ איז געווען אַ בענקעל.

העל האָט אין דער קלאָרער בלויקייט פון הימעל, געלויכ־טען די זון.

ווען מארי־לואיז איז אַ שעהנע, אַ פרישע אין איהר ליי־

אַ געיעג

ווענטענעם קאָסטיום ארוים אויף דער טעראַסע, האָט מארסעל, וואָס האָט זיך געהאט אומגעדרעהט, נישט ווילענדיג אַ געשריי געטאָן מיט זיין געוועהנליך איראָנישער שטימע:

— ווען איך וואָלט ניט געווען פארליעבט אין סעלעסטאַ'ן וואָלט איך זיך היינט אין אייך פארליעבט, מארי־לואיז! איהר זייט באַצויבערענד! איהר זעהט ניט אוים עלטער ווי צוואַנציג יאָהר! און פריינד זשאַק איז ניטאָ, אז ער זאָל זיך אין דעם איבערצייגען!... זאָגט, האָט איהר זיך ניט צוקריעגט?

— ניין! — האָט געענטפערט מארי־לואיז. — מיר זיינען זיך נעכטען אָוועגד צוגאנגען אלס גוטע פריינד, ווי שטענדיג... אייך דארף ניט באאונרוהיגען זיין פלוצליכעם אוועקפאָהרען... עס איז גאנץ נאטירליך.

— וואָס? — האָט געפרעגט סעלעסטא. — הייסט עס, אז ער האָט דיר מיטגעטיילט וועגען זיין אָפּפאָהרען?

— פרעגט מארסעל'ען, ווי לאנג וואָלט ער געקענט דאָ, אין אָט דער פראכטפולער געגנער, פארבלייבען, ווען איהם וואָלט אויסגעקומען צו פארברענגען די נעכט אָהן אַ פרויען געזעלשאפט? אָט זיינען שוין פאַראיבער צוויי וואכען, ווי מיר זיינען אין אזא געגענד, וואָס האָט זעהר ווייניג פרויען קליידלעך, איך רעד שוין ניט פון יענע פיינע פרויען קליידלעך, וועלכע מסיע ד'עסטאנזש האָט אזוי ליעב צו קנייטשען מיט זיינע הענד. נעכטען, צום ביישיעל, איז ער געווען נערוועז, שיער ניט אראב פון זינען און איך האָב נאטירליכערהוויז, איהם געראַטען צו מאַכען אַ קליינע רייזע. ער האָט זיך געוויס איבערצייגט, אז איך בין גערעכט, און איז היינט פריה אוועקגעפאָהרען... איהם וועט ניט אויסקומען צו רייזען זעהר ווייט צו טרעפען אַ פּאָר פון יענעם סאָרט פרויען...

סעלעסטא האָט געלאכט... זי האָט מורא געהאט הויך צו

נאָך ליעבע

לאכען, כדי ניט קאַליע צו מאַכען די האַרמאָניע פון איהר אונ־טערגעפּאַרבטען געזיכט... וויניאַז האָט געפונען, אז מאַרי־לואיז'ס ציגישע רייד זיינען זעהר קאָמיש.

— נו, און איהר אליין? ווען קלייבט איהר זיך שוין צו מאַכען אַן ענגליכע רייזע? אלע גיבען זיך איבער אויף אָט דעם ברעג דער ליעבע. אונזער קוכער איז פאַרנומען מיט דער קעכין. דער באַלעבאָס פון האָטעל לעבט מיט... ניין, איך וועל שוין בעסער ניט זאָגען מיט וועמען דער דאָזיגער עהר־ווידיגער מאַן פאַרברענגט זיינע נעכט. ערשט די טעג האָב איך געזעהן ווי די וועשין האָט זיך געקושט מיט'ן קוטשער; נעכטען האָב איך געזעהן ווי דער פישער האָט אַ וואָרף געטאָן אויף דער ערד די דיענסט... יאָ, די גאַנצע נאַטור אַרום אונז איז איבערגעגעבען דער ליעבע... בלויז מאַרי־לואיז אליין בלייבט קאַלט ווי אַ שטיין.

סעלעסטאַ, פאַרגעסענדיג אין גאַנצען וועגען איהר צוגע־פאַרבטען פּנים, האָט זיך צולאַכט ביז טרעהרען.

— היט זיך — האָט וויניאַז צוגעלייגט מיט אַ קאָמישער ערנסטקייט, — איהר זייט היינט זעהר אינטערעסאַנט, מאַרי־לואיז... עפּעס אַ וואַגאַבונד וועט זיך נאָך אויף אייך אַ וואָרף טאָן...

— ניט קיין גרויסער אונטערשיעד צי עפּעס אַ וואַגאַבונד, צי עפּעס אַ זשאַק ד'עסטאַנזש.

אַ קוועטש טוענדיג מיט די פּלייצעס, האָט זיך מאַרי־לואיז אַ דרעה געטאָן אויף די קנאַפּעל.

מיט צוזאַמענגעצויגענע ווייהעס, האָט מאַרסעל וויניאַז אלץ געקוקט אויף מאַרי־לואיז, אָבער זי האָט אַ רוהיגע גענומען פאַרבינדען דעם וואואל אַרום איהר שטרויענעם הוט.

— זי ווערט אויסגעלאַסען און זינליך! דער, וואָס וועט

אַ געיעג

האָבען דאָס גליק צו ווערען דער באַלעבאָס איבער דעם דאָזיגען פּראַכטפולען לייב, וועט זיך ניט באַקלאָגען, וויפיעל זי זאָל ניט בעטען, איז דער פּרייז ניט צו הויך.

— מאַרסעל! ווּעסטו פאַרשטומט ווערען?!

סעלעסטאַ איז אויפגעקאָכט געוואָרען פאַר כעס. אָבער מאַרי־לואיז האָט רוהיג געשמייכעלט.

— און אויב איך וועל אומזיסט אוועקגעבען אָט דעם שעהנעם לייב?... אָפּגעבען, ניט פאָדערענדיג פאַר איהם עפּעס אנדערש, אויסער ליעבע, אויסער יענע קושען, וועגען וועלכע איהר האָלט מיר אין איין דערצעהלען?

שווינדעלדיגע פייערען האָבען אויפגעפלאַמט אין איהרע אויגען.

וויניאַז האָט אַ ציטער געטאָן, און אַ פּראַוואונדעטע האָט זיך סעלעסטאַ אומגעדרעהט צו מאַרי־לואיז.

— האַלסטו ניט ביים משוגע ווערען? אָדער דיר דרעהט זיך פּשוט דער קאָפּ פון דער היץ?

— אָבער דו האָסט דאָך נישט געוואַרט ביז דער קאָפּ וועט זיך דיר נעהמען דרעהען, ווען דיר האָט זיך פאַרוואָלט אימיצען אָפּצוגעבען זיך.

אַרויסזאָגענדיג די דאָזיגע פאַר ווערטער, האָט זיך מאַרי־לואיז גיך אַרויפגעכאַפּט אויף איהר וועלאָסיפּעד.

— צום ווידערזעהן! אַ גליקליכען שפּאַציר! — האָט איהר נאָכגעשריען סעלעסטאַ.

— אַ גליקליך באַגעגעניש! — האָט צוגעלייגט וויניאַז.

מאַרי־לואיז האָט קיין איין־איינציג וואָרט ניט געענטפערט. זי האָט געוואָלט וואָס גיכער אַוועק פון די דאָזיגע מענשען, ניט הערען מעהר זייערע רייד, וועלכע האָבען זי אַזוי באַליידיגט. גיך האָט איהר האַרץ געקלאַפּט, אונטער דער

נאך ליעבע

טושלינעזער בלוזע האט זיך איהר בוזעם הויך געהויבען. איהר קורצער זשאקעט פון פיקע, האט בולט ארויסגעבראכט איהר פיגור; די ווייסע זאמשענע שיך האבען פעסט ארומגענומען איהרע קליינע פיס.

מעהר איז שוין קיין צווייפעל נישט געווען אין מארי־לואיז׳ס נשמה; זי האט אראפגעטרייסעלט פון זיך די איינגעשטודירטע שעמעוודיגקייט. ווי א פאר׳שכור׳טע האט זי זיך באוועגט אין ים פון ליכט. נידעריג זיך איינבויגענדיג צו איהר וועלאסיפעד איז זי גיך געפלויגען. די גאנצע געגענד האט געפלאמט פון דער זון, באגיסענדיג די חתונה־פרייד פון דער, וואס האט זיך ווי א ווייסער בליץ געטראגען איבער׳ן וועג. עס האבען זיך צוזאמענגעגאסען אין איינעם דער ים, דער הימעל, די גאנצע נאטור און דאס הארץ פון דעם מיידעל, איהר גאנצעס וועזען, וואס איז ענדליך באזיגט געווארען פון דעם מעכטיגען געזעץ פון ליעבע און ליידענשאפט.

— אנדרע! אנדרע!

זי האט זיך דערמאנט די שלאנקע פיגור פון דעם יונגען דאקטאר, זי האט זיך דערמאנט דעם כישוף פון זיין מוח, וואס האט באזיגט איהר אייגענעם פארשטאנד, און עס האט איהר גענומען אויסזעהן זאנדערבאר, וואס זי האט אזוי לאנג געקעמפט מיט די אונבאזיגבארע כישוף׳ען.

ער וועט קומען צו איהר; אויף אט דעם וועג וועט ער זיך באווייזען פאר איהר!

— — — — — — — — — — — — — — — —

מיט אמאל האט זיך מארי־לואיז אויפגעכאפט. זי איז גאך אליין געזעסען אויף דער באנק אויפ׳ן בארג, אונטער דער פארהאנג פון קיהלענדע צווייגען. דאס מיידעל האט זיך דערמאנט אן דעם איינציגען קוש, וועלכע זיי האבען זיך געגעבען

אַ גע׳עג

און וועמעס כישוף זי וועט באַלד נאָך אַמאָל דערפיהלען — יאַ, באַלד, ווי נאָר די באַהן וועט זיך אָפּשטעלען ביי דער קליינער סטאַנציע דאָרט, אויף יענער זייט באַרג.

— אין גיכען!

מאַרי־לואיז האָט אַ קוק געטאָן אויפ׳ן זייגער און זיך אויפגעשטעלט. פון וויטען האָט זיך געהערט אַ דומפּ גע־רויש, מסתמא איז דאָס די באַהן איצט דורכגעגאַנגען דורך די טונעלען. מאַרי־לואיז האָט ווידער גענומען דעם וואַליזעפּעד און איהם אַרויפגעפיהרט אויף איינינע טרעפּלעך אַרויף. אויף איין מאָמענט איז זי געבליבען שטעהן אַן איבעררראַשטע: זי איז געווען אויפ׳ן שפּיץ באַרג. אין שווייגענדיגען עקסטאַז האָט מאַרי־לואיז אויפגעהויבען די הענד: אונטער איהרע פיס האָט זיך צושפּרייט דער ים, פאַר איהר — האָט זיך געעפענט אַ האָריזאָנט פון פאַרבען, אַן אָרגיע פון בלענדענדע קאָלירען.

מאַרי־לואיז האָט אויסגעצויגען איהרע ציטערדיגע הענד צום ים, צום פרייען ים, וועלכער האָט איהר אומגעקעהרט אַנ־דרע׳ען.

מיט צופלאַמטע אויגען האָט זי זיך אַרונטערגעלאָזען פון באַרג. עס האָט זיך פאַר איהר אויסגעשפּרייט אין גאַנצען אַ גלייכער וועג. זי איז אַרויפגעשפּרונגען אויפ׳ן וואַליזעפּעד; ווי אַ שטורעם־ווינד האָט זי זיך ווידער גענומען טראָגען. זי איז פאַרבייגעפאָהרען שעהנע ווילעס, וואָס האָבען געטראָגען נעמען פון פרויען און בלומען.

— גיכער! גיכער!

אין די בערג, איבער איהר קאָפּ, האָט געפייפט די באַהן, זי האָט געזעהן, ווי צווישען די הויכע גרינע ביימער הויבט זיך דער ווייסער רויך פון לאָקאָמאָטיוו.

מאַרי־לואיז איז אַרונטערגעשפּרונגען פון איהר וואַליזי־

נאָך ליעבע

פּעד; גיך איז זי אראָפּ אין טאָל. די סטאַנציע איז געווען גאַנץ נאָהענט.

מאַרי־לואיז האָט זיך אָפּגעשטעלט. פון גרויס אויפרעגונג האָבען זיך איהר קוים באַוועגט די פיס: זי האָט געהערט ווי די באַהן איז צוגעקומען צו דער סטאַנציע! שוואַך האָט זיך דערטראַגען צו איהר דער רויש פון צוגעקלאַפּטע טירען, דער פייף, די רעדער, וואָס האָבען זיך ווידער גענומען באַוועגען... עפּעס מענשען זיינען פאַרביי איהר פאַרבייגעגאַנגען; זי האָט געוואַרט, ניט קענענדיג אפילו באַוועגען מיט אַ גליעד; איהרע הענד זיינען קאַלט געוואָרען און אראָפּגעהאַנגען.

— מאַרי־לואיז!

ער איז געשטאַנען פאַר איהר! איהר האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז זי פאַלט. אַ נערוועזער ציטער איז דורכגעלאָפען איהר גאַנצען לייב, און מיטאַמאָל האָבען טרערען גענומען פליסען פון איהרע אויגען.

— מאַרי־לואיז! וואָס וויינט איהר? גיט אַ קוק אויף מיר!... איהר ציטערט!... איז עס געווען מיין גורל, אייך צו באַגעגענען אַ וויינענדיגע?! וויינענדיג לעבען מיר... ענטפערט, מאַרי־לואיז...

זי האָט אויפגעהויבען איהרע אויגען און אַנדרע האָט אין זיי דורכגעלעזען אַזוי פיעל צערטליכקייט, אַ גרייטקייט זיך אָפּגעבען איהם מיט'ן גאַנצען וועזען, אַז ער האָט אַזש אַ ציטער געטאָן... פיעלע יאָהרען האָט ער געוואַרט אויף אָט דעם גרויסען גליק... ער האָט איהם פאָראויסגעפיהלט, אָבער ער האָט קיינמאָל נישט ערוואַרטעט, אַז דער דאָזיגער מאָמענט וועט איהם אַזוי אויפטרייסלען, וועט זיין אַזוי טיעף... אַן אונבאַהערשטער ציטער האָט איהם אַרומגענומען, צוזאַמענגעדריקט זיין האַלז און איהם געמאַכט צו כאַפּען מאַרי־לואיז'ס אויסגעשטרעקטע האַנד

א געיעג

מיט אזא קראפט, אז דאָס מיידעל האָט אזש א געשריי געטאָן.
— מארי־לואיז !
— איך שרעק זיך, אנדרע, איך שרעק זיך...
איהר שטימע האָט געציטערט.
— דו שרעקסט זיך, טייערע, דו שרעקסט זיך אין מיינע אָרעמס?
צערטליך האָט ער געוויגט דאָס מיידעל אויף זיין ברוסט.
שטיל איז געוואָרען ארום זיי.
— דו שרעקסט זיך, טייערע אונטער מיין שוץ?
זיין שטימע האָט געקלונגען מיט אן אונענדליכער צערט־ליכקייט.
— דאָס איז דאָך א האפען, — האָט ער ווייטער פארטגע־זעצט, — דו ווייסט... א האפען... וואו רוהיג און אָהן געפאהר שטעהען די שיפען... דאָס איז א שטיל געצעלט; האָב פאר מיר קיין מורא נישט, איך וועל דיר גארנישט ניט טאָן... קום, לאָמיר געהן... דו דערצעהל מיר אלץ... הייסט עס, אז עס איז אן אמת, אז דו האָסט מיך ליעב?
מארי־לואיז האָט זיך איינגעהערט נישט פארשטעהענדיג אויף קלאָר אלע זיינע ווערטער. אין איהרע אויערען האָט דאָס אלץ געקלונגען ווי אן איינוויגענדע מוזיק, א פארטזעצונג פון דעם ים־גערויש, פון דעם וויגענדען ווינד צווישען די בלעטער, פון דעם פויגעל־געזאנג און די פריידיגע געזאנגען פון איהר אייגען הארץ... דאָס אלץ האָט זיך צוזאמענגעגאסען אין איין הארמאָניע און דאָס מיידעל האָט שיער נישט פארלאָרען דאָס באוואוסטזיין פון צופיעל גליק.
מארי־לואיז האָט גענומען אונטער'ן ארעם אנדרע'ען, וועל־כער האָט אויפגעהערט צו רעדען.
— פארציהען, — האָט געטראכט אנדרע, קוקענדיג אויף

נאָך ליעבע

מארי־לואיז — פארציהען און פארציהען, נישט קוקענדיג אויף דער ברענענדער ליידענשאפט, וואס האט באהערשט זיין גאנ־צעם וועזען און וואס האט איהם געקענט צווינגען צו באפאַ־לען דאם מיידעל ווי א ווילדער אין אט דער אפגעלעגטער גע־גענד... פארלענגערען נאך, כדי זיסער זאל זיין די רגע, ווען זי וועט זיך איהם אפגעבען, אהן וועלכע עס איז באדינגונגען...

פארציהען !...

— וואס וועלען מיר איצט טאן, מארי־לואיז ?

אנדרע האט פרעגענדיג געפרעגט, מארי־לואיז; זי איז געוועזען אונענטשלאסען : זאל זי איהם זאגען איצט שוין, אז זי וויל ניט טראכטען וועגען דער צוקונפט, אז זי גיט זיך איהם אפ, ניט פאדערענדיג קיינע צוזאגונגען ?

— יא, מארי־לואיז, איהר זייט געוועזען זעהר גערעכט, ווען ביים באגעגענען זיך האט איהר ניט ארויסגערעדט קיין שום אויסגעדראשענע פראזען ! א, ווי איך האב געציטערט פאר ווערטער ! וואס אנבאלאנגט מיר, — וואלט איך וועלען פאר־לענגערען וואס מעהר יענע רגע, וועלכע איהר האט פארשטעל־טערהייט אנגעדייט אין אייער לעצטען בריעף... איך וואלט זיך געפיהלט זעהר שלעכט, ווען איך וואלט דערהערט פון אייך: „וואס מאכט איהר, אנדרע ? ווי האט איהר פארבראכט די צייט אויפ'ן ים ? ווי איז אייך געגאנגען די רייזע ?" אדער עפעס עהנליכעם דערצו !... אמת, איך האב ניט געדארפט צווייפלען, אז אייער אינסטינקט וועט אייך אפהאלטען פון די אלע באנאליטעטען אין דעם מאמענט ווען מיר וועלען זיך טרע־פען, אלס פארליעבטע... מיר זיינען דאך איצט געליעבטע, ניט אמת ? זאג עס מיר, מארי־לואיז, כדי איך זאל דערפיהלען, אז דו געהערסט מיר, איך זאל עס דערפיהלען מיט מיין גאנצען הארצען און מיין נשמה...

אַ געיעג

איינבויגענדיג זיך צו דעם מיידעל, האָט אַנדרע זי גע־צערטעלט מיט זיין בליק, דורכגענומען מיט זיינע אויגען...

— זאָג עס, מארי־לואיז...

זי האָט זיך צוגעדריקט צו איהם נאָך נעהענטער, נאָך פעסטער צוגעדריקט איהר קאָפּ צו זיין פּלייצע און קוים הער־באַר ארויסגעמורמעלט:

— יאָ, אַנדרע, דו ביסט מיין געליעבטער, מיין געליעב־טער...

פּיינליך האָבען זיך צוזאַמענגעצויגען איהרע ליפּען, ווען זי האָט אַרויסגערעדט דאָס וואָרט, וואָס האָט באַדייט פאַר איהר אי שרעק, אי פרייד...

— חזר איבער נאָך אַמאָל, נאָך אַמאָל דאָס דאָזיגע וואָרט... איך וויל עס הערען...

— מיין געליעבטער, דו מיין געליעבטער.

הערענדיג דאָס צערטליכע וואָרט „דו" האָט אַנדרע נאָך אַמאָל אַ ציטער געטאָן, ער האָט געוואָרפען זיך אויף איהם, ווי אויף אַ קוש...

— הייסט עס, מארי־לואיז...

זי האָט פאַרשטאַנען די פראַגע און גלייך באַשלאָסען צו ענטפערען:

— דאָס הייסט, אַז איהר קענט טאָן מיט מיר אַלעס, וואָס אייך פאַרוווילט זיך נאָר די גאַנצע צייט פון אייער אורלויב... שפּעטער? פאַר מיר עקזיסטירט ניט די פראַגע... איך בין ניט פון די, וואָס שטעלען פאָדערונגען און פאָדערען, — פאַרזי־כערונגען — שפּעטער... איך וויל ניט טראַכטען וועגען דעם...

אַנדרע האָט אַ קוק געטאָן אויף איהר מיט גרויס אויפרעג־גונג... קיינמאָל ניט, אפילו אין די צייטען פון די ווילדעסטע פאַנטאַזיעס, האָט ער זיך ניט פאַרגעשטעלט, אַז די דאָזיגע

נאך ליעבע

שטאָלצע מיידעל וועט אמאָל ארויסריידען די דאָזיגע ווער־טער... זי, וועמעס צערטליכקייט ער איז געווען גרייט אויסצו־בעטען שטעהענדיג פאר איהר אויף די קניה...

מארי־לואיז האט זיך דערוויילע נאך מעהר בארוהיגט און האט ווייטער פאָרטגעזעצט:

— אָט וואָס מיר וועלען אין קורצען טאָן: מיר וועלען פאָהרען אין שטאָדט אריין. איהר האָט מיט זיך אייער וועלאָ־סיפּעד? יאָ? אויסגעצייכענט. אין אַ שטונדע ארום וועלען מיר זיין אין שטאָדט. אזוי ווי עס איז איצט נאָך זעהר היים וועלען מיר דאָ צו־ווארטען ביז די זון וועט אונטערגעהן...

„הייסט דאָס, — האָט זי געטראכט ביי זיך, — פון איצט אָן ווערט ער דער הער איבער מיין שיקזאַל."

פאר איהר האָט דורכגעשוועבט דאס קאָמישע געזיכט פון זשאק ד'עסטאָנזש... זי האָט זיך דערמאָנט די ווערטער, וואס זי האָט איהם נעכטען געזאָגט, זי האָט זיך דערמאָנט איהר צו־זאָג, אז זי וועט זיך אהער צוריקקעהרען אין זעקס מאָנאַטען ארום כדי, ווי איהם האָט זיך אויסגעוויזען, צו טיילען מיט איהם זיין ליעבע, ארומצורייזען מיט איהם פון איין לאַנד צום צוויי־טען אין רייכטום און אין לוקסוס.

— וועגען וואס האָט איהר געטראכט, מארי־לואיז? — האָט אנדרע זי געפרעגט אַ ווילע שפּעטער.

— וועגען זשאק ד'עסטאָנזש, וועגען וועלכען איך האָב אייך אפט געשריבען.

קלאָר האָט זי דאָס ווארט ארויסגערעדט.

אנדרע'ס ברעמען האָבען זיך ארונטערגעלאָזען; ער האָט איהרע ווערטער נישט פארשטאַנען.

— דו שפּאסט, מארי־לואיז? וואס דארפען מיר דער־מאָנען דעם דאזיגען נאָמען? איך וויים, אז טיילמאָל האסטו

אַ גע יעג

ליעב גיפטיגע שפּאַסען. מעגליך, אַז דו פאַרגלייכסט אין די געד־ראנקען דעם דאַזיגען אָהן־צווייפעל עלעגאַנטען הער מיט דעם פּראָווינציאַל, וועלכען איך שטעל פאַר אין מיין אַלטען קאָס־טיום און שיך, וועלכע זיינען שוין לאַנג ארויס פון מאָדע... זיי זיך מודה, מארי־לואיז, וועסטו זיך נישט שעמען צו ווייזען זיך מיט מיר צווישען מענשען? דו דאַרפסט מיך ענטשולדיגען, מארי־לואיז, איך האָב נאָך נישט דערוויזען צו זיין ביים שנייַ־דער... און דאָרט, פון וואַנען איך קום איצט צו פאָהרען, טראַכט מען זעלטען וועגען שעהנע קליידער...

עפּעס ריהרענדעס איז געלעזען אין די דאָזיגע ווערטער פון דעם „באַצויבערענדען מאַיאָר", ווי לעאָני פּלעגט איהם רופען, וועלכע האָט איהם קיינמאָל נישט געקענט מוחל זיין, וואָס ער איז נישט ארונטערגעפאַלען אונטער איהר בישוף... האָט דען דער שעהנער דאָקטאָר געדאַרפט רייכע קליידער, אַז אַלע שעהנהייטען פון סען־מאַר זאָלען פאַר איהם משוגע ווע־רען?

— וואָלט דען נישט גלייבער געווען, אַז מיר זאָלען דאָ פאַרברענגען נאָך אַ פּאָר טעג, שטאָט גלייך שוין פאָהרען אין שטאָדט? — האָט פאַרטגעזעצט אַנדרע, וועלכער האָט זיך אַלץ נאָך געפיהלט אַ ביסעל צוטומעלט.

מארי־לואיז האָט זיך שיער נישט צולאַכט פון אַנדרע׳ס קינדישער איינפערזוכט.

— ניין, — האָט זי געענטפערט, — מיר דאַרפען נאָך היינט אָוועקפאָהרען אין שטאָדט; איך וויל שיקען סעלעסטאַ׳ן אַ טעלעגראַמע, אַז זי האָט נישט מעהר וואָס צו וואַרטען אויף מיר. ווייסט איהר, אַנדרע, אַז איך האָב זיך היינט צושיידט פון מיין אַלטער פריינדין מיט אַזאַ מינע, ווי איך וואָלט אָוועק אויף בלויז אַ קורצען שפּאַציר. איך בין נישט פאַרפליכטעט

נאָך ליעבע

איהר אפצוגעבען באריכטען, וואס איך טו, אבער איך קען ניט צולאזען, אז זי זאל מיינען, אז מיט מיר האָט פאסירט אן אומגליק. איך וויל איהר נישט פון דאנען טעלעגראפירען, ווייל זי קען נאָך אהער קומען צוליעב נייגעריגקייט. עס ווילט זיך מיר בכלל דאָ נישט בלייבען, ווייל זשאק ד'עסטאנזש און מארסעל וויניאַז קומען דאָ אָפט אהער אויף זייערע וועלאסיפעדען, ווען זיי האָבען נישט וואס צו טאָן. אויסער דעם וויל איך אנזאגען דער מאמען, אז זי זאל זיך נישט זארגען וועגען מיר, וואַרים גאט ווייסט, וואס מען קען איהר דארט אָנדערצעהלען.. סעלעסטא קען איהר גלייך לאזען וויסען, אז איך בין כלומר'שט אנטלאָפען...

מיט גלייכע טריט זיינען זיי געגאנגען איבער'ן וועג. לעבען אלטען שלאָס האָט זיך דער וועג פארדרעהט אן א זייט.

— קומט דאָ, — האָט זיך אפגערופען מארי־לואיז.

זי האָט אָנגעוויזען אויף א שטיינערנער באנק, וועלכע איז פון פייכטקייט גרין געווארען. די פריהערדיגע באלעבאטים פון שלאָס זיינען געווים דאָ אמאָל געזעסען אין זייערע מיט גאָלד־אויסגענעהטע קליידער.

אוועקזעצענדיג זיך, האָבען זיי זיך אנגענומען פאר די הענד.

— איהר פארשטעהט מיך, אנדרע? איך בין שוין מעהר נישט קיין קינד. איך בין אכט און צוואנציג יאהר און בין שוין אליין פאראנטוואָרטליך פאר מיינע טאטען... איהר ווייסט, אז אונבאריהרט איז געבליבען מיין קערפער, נישט קוקענדיג אויף דעם ים מיט שמוץ, מיט וועלכען מיר איז אויסגעקומען צו זיין אין באריהרונג, ווען איך האָב זיך געדרעהט אין דער טעאַטער וועלט, וועלכע איז אזוי ענג פארבונדען מיט דער וועלט פון פארקויפטער ליעבע... אָ, נישט איינמאָל האָט מיין נשמה

אַ געיעג

דורכגענומען אַ טיפער עקעל! איך האָב שטענדיג געדאַרפט טראַכטען וועגען מיין פאָטער און וועגען אייך, אַנדרע, אַז מיר זאָלען קלעקען כוחות נישט אַריינצופאַלען אין דעם תהום, וואָס איז געווען צושפּרייט ביי מיינע פיס... און איך האָב דאָך אַזוי ליעב דאָס לעבען, אַנדרע... איך האָב דאָס לעבען אַזוי שטאַרק ליעב! פון מיין פּנים קען מען עס נישט זעהן, ווייל איך האָב שטענדיג געטראָגען אַ מאַסקע פון גלייכגילטיגקייט און ביטערער איראָניע... איך האָב געטראָגען די מאַסקע, ווייל איך האָב זיך געשעמט, ווייל איך האָב נישט געוואָלט, אַז די אַלע מענשען מיט די אומריינע נשמות, וואָס האָבען מיך אַרומגערינגעלט זאָלען לאַכען פון מיין אייביג פלאַטערענדער נשמה, וועמעס ערשטען ציטער איך שענק אַוועק אייך, אַנדרע... איך האָב גערעדט אויף זייער שפּראַך, כדי איך זאָל קענען לאַכען פון זיי, סמ'ען זיי...

הערענדיג די דאָזיגע אונערוואַרטעטע ודוי, האָט זיך אַנדרע געפיהלט באַזיעגט, פאַרשעמט. ער האָט זיך קיינמאָל נישט פאָרגעשטעלט, אַז מאַרי־לואיז באַזיצט אַזאַ קראַפט. ער האָט נישט געפונען קיין ווערטער, וואָס איהר צו זאָגען, ער האָט קוים־הערבאַר אַרויסגעשטאַמעלט:

— גיב מיר דיינע ליפּען, מאַרי־לואיז!

אָבער מאַרי־לואיז האָט זיך אָוועקגערוקט; זי האָט איהם נישט געוואָלט אַ קוש געבען איידער זי ענטפּלעקט פאַר איהם איהר גאַנצע אינערליכע וועלט... מיט אַ ליידענשאַפטליכע שטימע האָט זי פאָרטגעזעצט:

— יאָ, יאָ! איך האָב ליעב דאָס לעבען, מיין גאַנצעס וועזען נאַרט ליעבע, ליידענשאַפט! איך וויל, אונאויפהערליכע קושען וויל איך, איך וויל מיין טייל גליק! אָ, אַנדרע, ווען דו זאָלסט וויסען ווי פּיינליך עס איז מיר געווען צו לעבען דאָ, אין

נאָך ליעבע

אָט דעם באַצויבערענדען ווינקעל... ווי פיינליך איז געוועזן מיר מיין איינזאַמקייט, ווען מיינע אויסגעשפּרייטע הענד זיינען געבליבען הענגען אין דער לופטען, אין דער צייט ווען איך האָב אַזוי געבענקט נאָך אַ שטאַרקער ברוסט, אָן וועלכער איך זאָל קענען אָנשפּאַרען מיין קאָפּ! אָ, אַנדרע, איהר קענט זיך גאַר נישט פאַרשטעלען, ווי פּיינליך עס וואַרט אונזער קערפּער אויף יענער ענטפּלעקונג, וועגען וועלכער עס דייטען אונז אָן די אונפאַרזיכטיגע רייד פון די, וואָס רינגלען אונז אַרום. איהר ווייסט גאַרנישט פון יענעם קאַמף צווישען דעם געפיהל פון שעמעוודיגקייט און די פאַרבאַרגענע אויסברוכען, וועלכע מען מוז באַזיגען צוליעב דעם אייגענעם שטאָלץ, אָבער וועלכע מען קען נישט דערשטיקען! אָ, די דאָזיגע באַנעהרען, וואָס האָבען געבלאָנזשעט אַרום מיר און וועלכע איך האָב כלומר'שט קיינמאָל נישט ערלויבט, אַז זיי זאָלען מיך באַהערשען, ווי האָבען זיי געמאַטערט מיין קערפּער!... איך האָב זיך נישט געוואָלט ערנידעריגען אויף אַזוי פיעל, אַז זיי זאָלען מיך באַהערשען, ווייל מיין נשמה גאַרט נאָך אָן אַנדער צוזאַמענגיסען זיך, וועמעס שעהנהייט מיין וועזען פיהלט איצט... נעכטען האָט מיר זשאַק ד'עסטאַנזש פאַרגעלייגט זיין ליעבע...

דערשראָקען האָט אַנדרע אויפגעהויבען זיינע אויגען. מאַרי־לואיז האָט איהם באַרוהיגט מיט איהר בליק.

— ער האָט מיר פאַרגעלייגט זיין ליעבע, ריכטיגער — זיינע לאַסקעס... און דערצו אַ לעבען אין לוקסוס, לוסט־רייזען, — אַ לעבען, וואָס איז גאַנץ פּאַסיג פאַר מיין אומרוהיגער נשמה...

מאַרי־לואיז האָט פאַרשעמט אַריינגעקוקט אין אַנדרע'ס אויגען, וועלענדיג געפינען אין זיי די נערוועזיטעט, וואָס איהרע ווערטער האָבען געדאַרפט אַרויסרופען... אָבער זי האָט אויף

א געיעג

דעם שטרענגען און פארברענטען פנים גאר נישט געקענט באמערקען... זי האט פארטגעזעצט:

— איך האב זיין פארשלאג אנגענומען... זשאק ד'עס־טאנזש איז געווען גערעכט: איך בין געווען ווי א טויטע, פוסט און לאנגווייליג האבען זיך געצויגען די טעג... אבער איהר האט דאך געזאלט קומען, איהר, אנדרע, אויף גאנצע זעקס מא־נאטען קומען! ... דערפאר ווייל איך האב אייך שטענדיג ליעב געהאט, נישט וויסענדיג עס אליין; אזוי, ווי מיר דאכט זיך, אז אייך האט שטענדיג געצויגען צו מיר, כאטש איהר האט נישט געוואגט אין דעם זיך מודה זיין; אזוי, ווי איך האב ליעב אייער נשמה, — וויל איך, איידער איך ווארף זיך אין דער פינסטערער אומבאוואוסטקייט, וואוהין עס שטופט מיך דאס לעבען, אפגע־בען זיך דעם אויסדערוועהלטען, פון וועלכען איך האב גע־חלום'ט, ווען איך בין נאך געווען א קליין מיידעל. יא, איך האב וועגען דיר גע'חלום'ט, אנדרע, ווען איך בין נאך ארומ־געגאנגען מיט צולאזענע האר... אך, דו ווייסט עס נישט, אנ־דרע!... דו ווייסט עס נישט!...

נאהענט האט זיך איהר פנים איינגעבויגען צו זיינעם. אנ־דרע האט אויף זיינע ליפען דערפיהלט איהר פרישען אטעם.

— און איידער איך ווארף זיך אין אט דעם גלענצענדען שטראם, וויל איך דיינעם א קוש, דיינע אומארמונגען... דו זעהסט דאך אליין, אז דא איז ניטא קיין פראגע וועגען „שפע־טער"... איך וויל דיך נישט צובינדען צו זיך, נישט ארויפלייגען קיין פליכטען אויף דיר, איך נעם די גאנצע פאראנטווארטליכ־קייט אויף זיך... בלויז דאס הארץ מיינס אליין זוכט אז אפ־קלאנג אין דיין הארץ...

מיט א יאמער האט זי זיך געווארפען אויף אנדרע'ס ברוסט. ער האט געוואלט אויפ'ן קול צו איהר שרייען וועגען אלץ,

נאָך ליעבע

וואס עס איז איצט פארגעקומען אין זיין נשמה, וואס זיין הארץ האָט געפיהלט הערענדיג איהר ודוי. ער האָט זיך פארטראכט וועגען דעם, ווי ווייניג ער האָט פארשטאַנען די דאזיגע שטאָלצע, ראַפינירטע נשמה און ווי נישטיג ער איז געווען, ווען איהם האָט זיך דוקה געוואלט, אז זי זאל די ערשטע אויסשטרעקען צו איהם איהרע הענד.

אנדרע האָט זיך באהערשט און כאָטש זיין הארץ איז געווען איבערפילט מיט פרייד, האָט ער עס אבער נישט גע־וואלט אויסטרינקען מיט אמאָל, נאר טראָפען נאָך טראָפען...

— איך בין דיינס א זאָך, אנדרע... טו מיט מיר, וואס דו ווילסט נאָר אליין....

— שווייג!... שווייג!...

13.

דער עולם, וואס איז געווען פארזאמעלט ביים ברעג האָט מיט נייגעריגקייט באטראכט די שיף, וואס האָט געהאלטען אין אפפאָהרען. די פאסאזשירען פון שיף האָבען מיט זייער לוק־סוס פאראורזאכט א שטורעם אין שטאָדט, גאנצע דריי טעג האָט מען געהאלטען אין איין ריידען וועגען זיי.

די שיף איז געווארען אלץ קלענער און קלענער, ביז זי איז אין גאנצען פארשוואונדען פון אויג. און ליגענדיג אויף זייערע שטולען, האָבען זיך ראָזא, לעאָני און זשעני געווארעמט געגען דער זון.

פון דער ווייטען האָט ראזא אויסגעזעהן ווי א וואונדערבא־

א געיעג

רע סטאטוע וואס ווערט געבארען פון דעם קינסטלער'ס פאנטא־זיע. פון איהרע צארטע הענט, פון איהר ערדלער ברוסט האבען אראפגעלויכטען ערדל־שטיינער, וואס האבען באלעבט איהר בלייך געזיכט.

לעאני'ס צויבער איז נאך גרעסער געווארען, איהרע אויגען האבען נאך מעהרער געלויכטען, נאך פארביגער זיינען געיוען איהרע באקען. איהר קלייד האט שטייף ארומגענומען דעם קער־פער, וואס איז געווען באשאפען פאר ליידענשאפט. אויף איהר בלענדענד ווייסען לייב, צווישען איהרע הויכע בריסט, האט גע־גלאנצט א גאלדענער קרייץ.

זשעני האט נישט געהאט דעם גלאנץ, וואס איהרע שוועס־טער. איהר פשוט פלאנעלען קליידעל איז געווען אן אפשפיג־לונג פון איהר נשמה, וואס האט אהן אויפהער געשטרעבט צו איהר פריהערדיגען אידעאל: א רוהיג און שטיל לעבען.

פאר'שכור'ט פון דער זון האבען זיך ראזא און לעאני דורכ־געווארפען מיט ווערטער כדי צו האבען דאס פערגעניגען פון הערען ווי זייערע רייד מישען זיך אוים מיט'ן רוישען פון די שטארקע וועלען, וואס זיינען צושלאגען געווארען אן די ווענט פון דער שיף.

— איך וואלט געוואלט אראפנעמען פאר'ן לייוועגט אונזער לעבען, לעאני, כדי שפעטער...

— ניין! ניין!... זאל פארבלייבען בלויז די ערינערונג... אך, ראזא! ווי גוט איז צו זיין פריי, צו וויסען, אז אלץ איז אין אונזער מאכט...

— ניין!... די שעה'ען פארגעהען! און קיין זאך אין דער וועלט קען זיי נישט איינהאלטען!

— אין פינף מינוט ארום וועלען מיר שוין זיין ביי זיי. זשעני, וואס האט זיך נישט איינגעהערט צו דער פלוידעריי

נאָך ליעבע

פון איהרע שוועסטער און האָט בלויז דערהערט ראזא'ס לעצ־טע ווערטער, האָט צוגעלייגט:

— א גאנצע סענסאציע וועט אָנמאכען אונזער קומען! אלע איינוואוינער פונ'ם אינזעל דארט, וועלען ערשטוינטע זיך צוזאמענלויפען... און ווי איהר געוואוינהייט איז, וועט מארי־לואיז נעמען ציהען מיט די אקסעל.

— אָהן צווייפעל... מיט איהר מעטאלענער שטימע וועט זי נאָך זאגען, אז עס איז א סימן פון שלעכטען געשמאק, ווען מען פאָהרט ארוים מיט אזא פראכט און גלאנץ!

ראזא איז אויפגעלעבט געווארען:

— זיינען מיר דען נישט געווארען יענע מאָדערנע פּריס־טערינס, וואס מיר האָבען געטרוימט צו זיין?

פארטראכטערהייט האָט זשעני אָנגעלעהנט איהרע עלענבוי־גענס אויף דער פארענטש פון דער שיף, וואס האָט זיך גיך גע־טראגען פאראויס, ווערענדיג געטריבען פון ווינד. זי האָט גע־טראכט וועגען א צווייטער שיף, וועגען א גרויסער שיף, וואס האָט איהר געדארפט אין צוויי וואכען ארום אוועקפיהרען ווייט פון דאנען צוזאמען מיט גאסטאָנען... פונקט ווי מארי־לואיז, ווי סעלינא וועט זי אויך פארלאָזען איהר פאמיליע און אוועק־געהן מיט דעם, וואס זי האָט ליעב, אָהן וועלכע עס איז פאר־מאליטעטען. אייגענטליך וואלט זי מיט'ן גאנצען הארצען גע־וואלט חתונה האָבען... אבער גאסטאָן האָט אן אָנקעל, א שרעק־ליכער מענש, און גאסטאָן איז אפּהענגיג פון איהם; ווען גאסטאָן איז געווארען א יתום האָט ער איהם אריינגענומען צו זיך, אויפגעצויגען איהם און איצט פארוועהרט ער איהם חתונה צו האָבען מיט איהר... עס געפעלט איהם נישט דער שידוך... א דאגה! זיי פאראייניגען זיך פאָרט, א געוויסע צייט וועלען זיי עס האלטען אין געהיים, אבער דאָס איז א פאראייניגונג

א געיעג

אויף שטענדיג שוין... אין א פרעמד לאנד וועלען זיי אוועק, וואו זיי וועלען מיט זייערע אייגענע הענד פארדינען זייער ברויט... ניין, זי איז נישט עהנליך אויף סעלינא׳ן, וואס איז בלויז א געליעבטע, נישט אויף ראזע׳ן און לעאני׳ן, אויף די דא־זיגע צוויי קורטיזאנקעס, וואס האבען באוואוסטזיניג אויסגעקלי־בען אזא ראל אין לעבען, זי איז אפילו נישט עהנליך אויף מארי־לאיז, מיט וועלכער זי האט זיך צוזאמען ערצויגען. מארי־לו־איז׳ס גענג שרעקען זי אביסעל, און זי אליין זעהט איהר אוים אונפארשטענדליך און פרעמד. אנדרע? מארי־לואיז? ווי שווער איז צו פארשטעהן, וואס אייגענטליך בינדט די דאזינע צוויי מענשען צוזאמען! איז עס אפשר ליעבע? ליעבע?

איז דען זייער ליעבע עהנליך אויף דער, וואס האט פון לאנג געצויגען זשעני׳ן צו איהר צערטליכען גאסטאנ׳ען? די איינפא־כע צוגעבונדענקייט פון איהר יוגענד־פריינד האט איהר שטענדיג איבערגעלאזען רוהיג, קיינמאל נישט גערעגט, קיינמאל נישט אויפגעוועקט אין איהר די געפיהלען, וועלכע איהרע שוועסטער האבען צושפרייט ארום זיך... ניין, זי איז נישט עהנליך אויף קיינעם פון איהרע שוועסטער. זי איז צו אלעם ערשטען א גוטע חבר׳טע, וואס געהט האנד אין האנד, אונטערטעניג און צארט, ביי דער זייט פון איהר מאן.

— וועגען וואס טראכסטו, זשעני?

— וועגען גאר נישט!

— נישט אמת!... דו פאנטאזירסט!... זשעני, באדויער־סטו נישט וואס?

— זשעני! זיי זיך מודה: דו פארגלייכסט דיין שיקזאל מיט אונזערען, און ביזט אונז מקנא?

— ניין! ניין!

דאס דאזיגע ווארט איז ארויסגערעדט געווארען מיט אזא

נאָך ליעבע

אונמיטעלבארקייט, אז איהרע ביידע שוועסטער זיינען אויפ־געשפרונגען פון זייערע ערטער, זייענדיג גרייט אפצושלאָגען דעם געפיהל פון רחמנות, וואס זיי האָבען געלעזען אויף זשעני'ס פנים.

— פאר וואס אורטיילסטו אונז?

— איך אורטייל אייך נישט... איך זאג בלויז, אז מיר וואָלט נישט געווען אנגענעהם צו פיהרען אזא לעבען, וואס איהר פיהרט.

— דאס איז אמת! אזא לעבען וואלט גאר נישט געפאסט פאר דיר! דו ביזט באשאפען געווארען צו זיין דאס ווייב פון אן איין־איינציגען מאן!

לעאָני האָט אויסגעצויגען איהרע ענטבלויזטע הענט אונ־טער די ברייטע ארבעל; איהרע אויגען האָבען ערמוטיגט גע־קוקט אויף ראָזע'ן, וועלכע האָט גערעדט שטרענג, אויסציהענ־דיג זיך אין דער גאַנצער גרויס. ראָזא איז געווען עהנליך אויף אן אויסגעפוצטער געטשקע און האָט אזוי ווי דעקלאַמירט...

— זיין די פרוי פון אן איין־און־איינציגען מאן! אפגע־בען אין געברויך פון אן איין און איינציגען מאן די גאנצע לע־בענס־דורשט, וואס ברויזט אין מיר! ניין, קיינמאָל נישט!

— און דו ווייסט נים, — האָט געזאָגט לעאָני, פארהילענ־דיג איהרע ענטבלויזטע אקסעל מיט א בלוט־רויטען מאַנטעל, — דו ווייסט נישט, ווי פאר'שיכור'ט מיר ווערען ווען די סאמע שטאָלצסטע מענער אנערקענען זיך באזיעגט פון אונז און בעטען אויף די קני, מיט טרערען אין די אויגען, אונזער ליעבע פאר זייער גאָלד...

— אויך מיר א נקמה!

— ראָזא! ראזא! דערמאָן זיך וויפיעל עקעל מיר האָ־

אַ נ ע י ע ג

בען געדאַרפט דערשטיקען אין זיך, איידער מיר האָבען דער־גרייכט צו אונזער איצטיגען שטאַנד!

— שוויינ!

זיי האָבען געקוקט איינס אויף דאָס צווייטע; כמעט טראַ־גיש זיינען זיי איינע געגען דער צווייטער געשטאַנען אין דער צייט, וואָס זייערע פאַרוואַנדטע נשמות האָבען זיך איבערגעגע־בען צו די זעלבע ביטערע ערינערונגען.

ראָזאַ האָט פאַרטגעזעצט מיט אַ קאַלטער פאַרביטערטקייט:

— אויף אונזער אייגענער הויט האָבען מיר געפיהלט די געמיינהייט פון די מענער, וועלכע באַשטימען שטענדיג פריי־זען פאַר אַלע זייערע פאַרגעניגענס. מיט אַ סטאָאישער קאַלט־קייט האָבען מיר די ערשטע טעג דורכגעטראָגען די מיאוס'ע פאַרדאָרבענהייט און די עקעלהאַפטסטע באַציהונגען... מיר האָ־בען געזעהן פאַר זיך די נידעריגסטע אינסטינקטען פון די מענ־שען און מיר האָבען זיך אַרונטערגעלאָזען צו זיי...

— ניין, דו ווייסט נאָך נישט אַלץ...

— זיין אַן עהרליך ווייב — וואָסער נאַרישקייט! דער אַנשטענדיגסטער מאַן קומט צו אונז כדי ביי אונז אָפּצורוהען אביסעל פון דער פאַמיליען „פּראָזע"...

ראָזע און לעאָני האָבען זיך געהאַלטען ביי די הענט, ווען זיי האָבען איבערגעקליבען די דאָזיגע ערינערונגען. שפּעטער, ווען זיי האָבען געזעהן ווי דער ווירדינער מאַטראָז איז געגאַנ־גען אויספּילען זייערס אַ פאַרלאַנג האָבען זיי זיך צושמייכעלט און באַרוהיגט. זייער געגענוואַרט איז געווען פריי פון זאָל־קען...

טייערע זשעני!

און ווידער האָבען זיי גענומען פּלוידערען, זיי זיינען געווען

נאָך ליעבע

באַצויבערענד רוהיג, ווייל זיי האָבען געפיהלט, אז זיי האָבען נישט קיין טעות געהאט אין אויסקלייבען זייער לעבענס־וועג.

— אויף דער וועלט, — הערסט זשעני, — איז נישטאָ קיין אנדער זאַך אויסער ליידענשאפט: זי איז די אליין־הערשערין פון דער וועלט.

ראזא האָט אויפגעהויבען א פינגער אין דער הויך, אזוי ווי זי וואלט נביאות געזאָגט.

— אַ דאנק זייער שעמעוודיגקייט, רופען די פּאעטען דאָס דאָזיגע געפיהל אָן ליעבע.

לעאָני האָט זיך אויפ'ן קול צולאכט.

— בלויז די ליידענשאפט, דאָס ליידענשאפטליכע ציהען פון איין געשלעכט צום צווייטען, — האָט ראזא פּאַרטנעזעצט מיט א פּנים, וואָס איז מיט אמאָל געווארען גרויזאם און מיט פארלאָשענע אויגען, — די ליידענשאפט איז אין אלץ, וואָס לעבט אין דער וועלט, זי איז דער שורש פון יעדער שטרעבונג, באשאפט די גרעסטע קונסט־ווערק, געבירט פארברעכענס און פיהרט די געשיכטע! שלאָגען זיך דאָך מענשען, רויבען, הרגענען איינער דעם צווייטען צוליעב גאָלד, דאָס הייסט, צוליעב שעהנהייט. דעם אמת זאָגענדיג, רעגירען מיר די וועלט! צו אונז קומט דער פּאָעט זוכען באַגייסטערונג; דער געלערטער רוהט זיך אָפּ אין אונזער זארגלאָזער געזעלשאפט; איידער דער סאָלדאט שטעלט אונטער זיין ברוסט געגען דעם שונא'ס קוילען, קומט ער צו אונז בעטען גליק; וועמען ברענגט דער זיעגער זיינע לאָרבען־קראַנצען? — אונז. מיט וועמען טיילט זיין טראָן דער הערשער פון דער וועלט? — מיט אונז. אָך, זשעני, זשעני, איך דאנק גאָט, וואָס איך בין אַ פרוי.

— — — — — — — — — — — — — — —

א געיעג

צווישען די פעלזען, וואָס זיינען געשטאַנען ווי שטומע וועכטער איז געשוואומען א שיפעל, וואָס האָט געפיהרט צום ברעג די דריי גראציעס... צוויי באָרוועסע יונגען האָבען פון דער שיף געפיהרט דאָס שיפעל צו דער אונבאוואוינטען, וויל־דען און גליקליכען ברעג, וואו מארי־לואיז און אנדרע האָבען זיך איבערגעגעבען צו זייער גליק.

די פארליעבטע האָבען געוואוינט אין דעם איינציגען הייזעל, וואָס האָט זיך געפונען אויף דעם אינזעל.

די איינוואוינער פון דער גאנצער קייט אינזלען זיי־נען געווען פישער; אין קליינע געצעלטען אויף די פעלזען האָ־בען זיי געוואוינט אין שכנות מיט דעם ים. אין די הייסע מאָנאַ־טען האָט די קליינע גאַרקיך אויך געעפענט איהרע לאָדענס.

טיילמאָל פארבלייבען איינינע טעג אויפ׳ן אינזעל קינסט־לער, וואָס ווערען ענטציקט פון דער ווילדער שעהנהייט פון אינזעל, ועמעס אליין־הערשערין איז די נאטור.

— — — — — — — — — — — — — — — —

. . . שוין פיער מאָנאַטען האָט דאָ געלעבט מארי־לואיז צוזאמען מיט אנדרע גייציג בארוישענדיג זיך מיט גליק און ליעבע. עס איז אָנגעקומען סעפטעמבער און נאָך איהם האָט זיך דערנעהענטערט אָקטאָבער; און אין נאָוועמבער האָט אנ־דרע געדארפט אוועקפאָהרען.

מיט ליעבע האָט זיך מארי־לואיז אנגעלעהנט אָן זיין אָרעם, ערוואַרטענדיג ביים ברעג איהרע שוועסטער.

קוקענדיג דורך זיין אפערא־גלאָז, האָט אנדרע נאָך פון דערווייטען דערזעהן, אז זיי קומען אָן פונקט אזוי, ווי ער האָט ערוואַרט: די קליינע קורטיזאנקעס האָבען זיך אין פולער פראַכט אָרונטערגעלאָזען פון זייער עלעגאַנטער שיף. עס האָט זיך קלאָר פארגעשטעלט די דאָזיגע מיידלעך אונטער וועמעס

נאָך ליעבע

טריט מענער האָבען צושאָטען גאָלד. א גליקליכער, א באַרו־היגטער האָט ער געשמייכעלט. זיין מעכטיגע ברוסט האָט זיך געהויבען פונ׳ם באוואוסטזיין, אז זיין גליק וועט לאנג אָנ־האלטען.

א דאנק דער פארמיטלונג פון מאדאם בעריל, וועלכע האָט נישט געוואוסט וועגען וואָס עס האנדעלט זיך, זיינען זשאק ד׳עסטאנזש׳ס בריעף אָנגעקומען צו מארי־לואיז. צוזאמען מיט פלאמענדיגע ליעבעס־ערקלעהרונגען האָט ער איהר דער־מאָנט אָן איהר צוזאָג...

וועט זי זיין אימשטאנד צו האלטען איהר וואָרט? וואָס וועט זי נעבען דעם פאַיאַץ טאָן מיט איהר גרויסער ליידענ־שאפט, וועמעס געהיימניס אנדרע האָט אזוי צערטליך און פאר־זיכטיג איהר ענטפּלעקט?

און וואָס מעהר עס האָט זיך גענעהענטערט די צייט פון אנדרע׳ס אוועקפאָהרען, אלץ טרויעריגער איז געווארען מארי־לואיז׳ס נשמה.

וואָס ערווארט זי, ווען ער וועט מעהר נעבען איהר ניט זיין? וועט זי דען האָבען גענוג כחות, אז זי זאָל קענען אויסקומען ניט הערענדיג זיין שטימע און פארלירענדיג זיין מעכטיגען ארעם, וואָס איז איהר געווען א שטיצע אין מינוטען פון שוואכקייט?

מארי־לואיז! וועגען וואָס טראכסטו דאָס היינט? וואָס ביזטו אזוי טרויעריג? דיינע שוועסטער קענען נאָך מיינען, אז דו ביזט אומגליקליך און אז דערפאר, וואָס איך בין אייפערזיכטיג, האָב איך זיך אוועקגעזעצט דאָ אויף דעם איינזאמען אינזעל. אפשר ווילסטו אוועקפאָהרען צוזאמען מיט זיי?

— אנדרע!

אַ געיעג

אין מארי־לואיז'ס שטימע האָט זיך געהערט אַ פאַרוואורף, אָבער אנדרע האָט זיך געמאכט אַז ער האָט עס נישט געהערט.

— אפשר האָט זיך דיר, טייערע, דערעסען די פאלשטענדיגע איינזאמקייט, וואָס רינגעלט אונז דאָ ארום?

איינבויגענדיג זיך צו מארי־לואיז האָט ער געלעזען דעם סוד פון איהר נשמה אין איהרע שעהנע און בעטענדע אויגען. פאר דער גאנצער צייט, וואָס זיי האָבען געלעבט אויפ'ן אינזעל, האָבען זיי גארנישט נישט גערעדט וועגען דער צוקונפט. אנדרע האָט צוגענומען די מתנה פון דעם מיידעל, ניט זאָגענדיג איהר וויפיעל גליק האָט איהם איהר מתנה פארשאפט. ווי פריהער, האָט זיך איהם אלץ געוואָלט דאָס פאלשטענדיגע גליק איהר געבען צו ביסלעכווייז. ער האָט גאנץ גוט געוואוסט, אַז דורך דעם מאכט ער טרויעריג איהר פנים און איהר ברוסט שלאָגען מיט מורא, און איהר אליין — באהאלטען זיך אין זיינע אָרעמס... זי האָט מורא געהאט, מורא געהאט פאר פינסטערניש, מורא געהאט פאר אַ לעבען אָהן ליעבע... דורכברעכענדיג אלע ערדישע שטערונגען, האָט איהר ליעבע צו איהם ענדליך אויפגעוועקט איהר נשמה, איהר שעהנעם, געזונדען קערפער, וואָס האָט אָפען געפאדערט זיין חלק גליק...

און קוקענדיג אויף מארי־לואיז'ס פארטרויערטען פנים, אויף וועלכען זי האָט אומזיסט געוואָלט ארויפצווינגען אַ שמייכעל, האָט אנדרע מיט אמאָל דערפיהלט, אַז ביי איהם איז שוין ענדליך אלץ באשלאָסען... און עס האָט זיך איהם פארוואָלט וואָס גיכער, טאַקע גלייך, איהר זאָגען אלץ. — יאָ גלייך, נאָך איידער עס וועלען אהער קומען איהרע שוועסטער, די באַצוויבערענדע פריסטעריגס פון דער ליעבע...

מען האָט זיי שוין געקענט גאנץ קלאָר זעהן אויף דער

נאָך ליעבע

שיף, וואָס האָט איהר וועג דורכגעשניטען דורך די פעלזען, אין גיכען וועלען די געזונדע יונגען פון דעם שיפעל ארונטער־לאָזען די פיס אין וואסער אריין און צובערענגען צום ברעג זייערע פאסאזשירינס.

— מארי־לואיז!

א געריהרטע פון דער באזונדערער צערטליכקייט, מיט וועלכער אנדרע האָט ארויסגערעדט איהר נאָמען, האָט זי א ציטער געטאָן.

— מארי־לואיז!

זי האָט אויפגעהויבען אויף איהם א בליק פול מיט פאר־געטערונג. נישט קוקענדיג אויף דער היץ, האָט ער גענומען בלייכער ווערען...

— מארי־לואיז, אונז איז נאָך דאָ געבליבען צו זיין א צוויי מאָנאטען און נאָכדעם וועלען מיר חתונה האָבען... מארי־לואיז, דו ווייגסט?

אָנשפארענדיג איהר קאָפ אן זיין אקסעל האָט זי שטיל געוויינט...

— מיין ווייב!...

— — — — — — — — — — — — — — — —

די קליינע פריסטערינס פון ליעבע, ווען זיי האָבען זיך באפרייט פון די הענד, וואָס האָבען זיי פון שיפעל אריבערגע־טראָגען צום ברעג, האָבען געטראפען דאָס פארליעבטע פאָרל ארומגענומענערהייט, מיט מיילער צוזאמענגעגאָסענע אין א לאנגען קוש, מיט אויגען, פול מיט טרערען...

זיצענדיג אין דעם פארלאָזענעם שיפעל, האָט זשעני גע־ווארט, אז מען זאָל זי אויך אריבערטראָגען. ענדליך האָט זי זיך אויך א שמייכלענדע און בארוהיגענדע באוויזען אין דער צייט, וואָס ראָזא און לעאָני האָבען מיט זייערע טיכלעך גע־

אַ גע יע ג

ווישט דאָס פּנים פון מארי־לואיז, וואָס איז אויפגעטרייסעלט געווארען פון א היסטערישען צופאל.

— וואָס איז געשעהן?

— גאָרנישט, גארנישט! זיי האָבען בלויז היינט זיך צופיעל געצערטעלט, געליעבט.

און לייכט האָט זיך ראָזא איינגעבויגען און אויפגעהויבען פון דער ערד איהר בלויען שאַרף מיט וועלכען זי האָט שנעל ארומגעבונדען מארי־לואיז'ס קאָפּ... איהרע אויגען האָבען זיך באגעגענט מיט לעאָני'ס, וועלכע זיינען געווען פייכט פון טרע־רען.

זיי האָבען זיך בגנבה איינס דאָס צווייטע א דריק געטאָן די הענד און נעמענדיג זיך אונטער די אָרעמס האָבען זיי זיך אוועקגערוקט פון די צוויי געליעבטע, נעבען וועמען זשעני איז א רוהיגע געשטאַנען.

ע נ ד ע.